STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05102

SHEKHEREZADES NEKHT

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph & Elaine Heckelman
in memory of
Isaac & Sophie Heckelman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

№ 173
16

שעכערעזאדעם נעכט.

№ 41

פערלאג
יודיש
ווארשא

די געשיכטע פון נור־עד־דין און ענים־על־דזשעלים.

הויבט זיך אָן אין דער צוויאונדרייי־
סיקסטער נאַכט און ענדיקט זיך אין
דער זעקסאונדרייסיקסטער.

אין על־באַשראַך האָט אַמאָל געלעבט אַ מלך, וואָס האָט זייער ליב געהאַט אָרימע און אומגליקלאַכע און וואָס איז גע־ וועז אַ פאָטער צו זיינע אונטערטאַנער. ער פלעגט שיינקען נדבות די־יעניגע, וואָס האָבן געגלויבט אין מאַכמעדן (זאָל רועז גאָטס ברכה אויף אים), און די דיכטער האָבן אים אַזוי באַזונגען:

זיין שפיז האָט ער געביטן אויף אַ פעדער;
באַפיר איז אים געווען דאָס האַרץ פון פיינד.
און זייער בלוט האָט אים געדינט אַלס טינט.
אַן אַנדער נאָמען האָט דער שפיז באַקומען,
אַ נאָמען גאָר אַן אַלטן—קאַטייעך*).

*) אָנגעשריבנס, באַשריבנס.

געהייסן האָט דערדאָזיקער מלך מאַכמעד און געווען איז ער אַ זון פון סוליימאַן-עס-זייני. געהאַט האָט ער צוויי ווזירן: איינער פון זיי האָט געהייסן על-מאָאון, דער זון פון סאַוויע, און דער צווייטער על-פאַדל-עד-דין, דער זון פון קאַקאַן. דער צווייטער איז געווען דער סאַמע גרויסמוטיקסטער מענטש פון זיין צייט און אַלע האָבן אים ליב געהאַט, און אפילו חכמים פלעגן קומען צו אים נאָך אַן עצה און אַלע מענטשן פלעגן בעטן גאָט פאַר זיין לעבן, ווייל ער איז געווען זייער אַ גוטער און האָט שטענדיק אַרויסגעהאָלפן דעם צווייטן אין אַ נויט און אַן אומגליק. אָבער דער ווזיר על-מאָאון, דער זון פון סאַוויע, האָט אַלץ און אַלעמען פיינט געהאַט. ער איז געווען אַ מענטש אַ שלעכטער, און אויף וויפיל דאָס פאָלק האָט ליב געהאַט פאַדל-עד-דינען, אויף אַזויפיל האָט עס געהאַסט על-מאָאונען, דעם זון פון סאַוויע, ווי דאָס איז מסתמא באַשטימט געווען פון אויבן, פון הימל.

איינמאָל האָט זיך דער מלך מאַכמעד, דער זון פון סוליימאַן-עס-זייני, וואָס איז געזעסן אויף זיין טראָן, אַרומגערינגלט פון הויפלייט און יועצים, געווענדט צו זיין ווזיר פאַדל-עד-דין, דעם זון פון קאַקאַן, און אים אַזוי געזאָגט:

„איך באַדאַרף האָבן אַ שקלאַפין, וואָס זאָל אַריבערשטייגן אין שיינקייט די אַלע פרויען פון דער היינטיקער צייט. זי באַדאַרף זיין ליב און זיס, מיט מעסיקע געזיכטסשטריכן, און זי באַדאַרף זיך אויך אויסצייכענען מיט גרויסע אינערלאַכע מעלות.“

האָבן אים די הויפלייט באַמערקט:

„אַזאַ שקלאַפין באַדאַרף דיר קאָסטן נישט ווייניקער ווי צענטויזנט דוקאַטן“.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער מלך אָנגערופן צו זיין שאַצמייסטער:

„טראָג אַוועק צענטויזנט דוקאַטן אינם הויז פון פאַדל-עד-דין, דעם זון פון קאַקאַן“.

האָט דער שאַצמייסטער אַזוי געטאָן, ווי אים איז באַפוילן געוואָרן און דער ווזיר איז אַוועק אויפן מאַרק איינצוקויפן אַ

פּאַסיקע שקלאַפּין. דער מלך האָט, אויסערדעם, אויך באַפוילן, אַז קיין איין שקלאַפין, וואָס קאָסט איבער טויזנט דוקאַטן, זאָל נישט פאַרקויפט ווערן, וואו זי וועט פריער נישט געוויזן ווערן דעם ווזיר.

האָבן די מעקלערס נישט פאַרקויפט די שענערע שקלאַפינס, וואו דער ווזיר האָט זיי פריער נישט באַטראַכט. אָבער עס איז אַוועק אַ לייגגערע צייט און קיין אייגע פון זיי איז אים נישט געפעלען געוואָרען. איינמאָל, בשעת דער ווזיר פאַדל-עד-דין האָט זיך באַדאַרפט אַנידערזעצן אויף זיין מוילאייזל, צו פאָרן אין דעם מלכס פּאַלאַץ, איז געקומען אַ מעקלער צו אים, האָט דערדאָזיקער מעקלער אויפגעהאלטן דאָס מוילאייזל פאַרן צוים און גרויסגעזאָגט דאָסדאָזיגע ליד:

דערפרישט, בעלעבט, האָסטו, אָ, גרויסער ווזיר,
די שוואַרצע זומפּן אינם לאַנד ביי אונז.
דו האָסט פון הימל הילף פאַר אונז באַקומען
און לייכטער אונז געמאַכט דאָס שווערע לעבן.
אָ, זאָלן שטענדיק דיינע שיינע מעשים
געשיצט זיין דורכן וועלטבאַשעפער.

„אָ, מיין האַר! די שקלאַפין, וואָס דו באַדאַרפסט קויפן לויטן באַפעל פון מלך, איז שוין דאָ.“

„טאָ ברייננ זי מיר אַהער“,—האָט דער ווזיר געזאָגט.

איז דער מעקלער אַוועק און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ מיידל, וואָס האָט געהאַט אַ פיינע פיגור, אַ הויכע ברוסט, שוואַרצע ברעמען, צאַרטע באַקען, אַ דינע טאַליע, ברייטע לענדן און איז געווען זייער רייך געקליידט. אירע צאַרטע ליפּן זיינען געווען זיסער פון האָניק; איר פיגור האָט געקאָנט פאַרשעמען דעם מזרחישן ווייַדנבוים און דער קלאַנג פון איר קול האָט גע-גלעט דאָס געהער נאָך ווייכער און ליבער פונם וויגטל, וואָס טראָגט זיך פון אַ בשמים-גאָרטן. דער דיכטער האָט זי אַזוי באַ-זונגען:

דיין לייב, דיין הויט איז צאַרטער נאָך פון זיידנס.
ווי סטרונעס פון אַ לירע קלינגט דיין קול.

דיין ברעם איז שווארץ, ווי נאכט אָן אַ לבנה,
דאָס קעפּל אָבער דיינס זעט־אויס ווי גאָלד
און לייכט אַראָפּ ווי די פרימאָרגנזון.
אָ, זאָל מיט יעדער נאכט אַלץ שטאַרקער זיין מיין ליבע
צו דיר, מיין טייערע, מיין הייליגע געליבטע.

אַז דער וויזיר האָט זי דערזען, איז זי אים זייער געפעלן געוואָרן, האָט ער זיך אומגעדרייט צום מעקלער און געפרעגט:

„וויפיל קאָסט דאָסדאָזיקע מיידל?"

„פאַר איר האָט מען געבאָטן צען דוקאַטן, אָבער איר אייגנטימער שווערט, אַז דידאָזיקע סומע וועט נישט דעקן די קאָסטן פון די קליינע הינדעלאַך, וואָס זי האָט אויפגעגעסן אויף איר לעבן און אפילו די קאָסטן פון די קליידער, וואָס פלעגן גענייט ווערן אירע לערער, וואָרום מען האָט מיט איר געלערנט גראַמאַטיק, שרייבן און לעקסיקאָלאָגיע. זי ווייס אויך אויסגעצייכנט דעם קאָראַן און די גרונדגעזעצן פון רעליגיע, מעדיצין און יאָרציילונג. אויסערדעם, שפּילט זי אויף פאַרשידענע אינסטרומענטן."

„נו, טאָ ברייינג מיר איר אייגנטימער,"—האָט דער וויזיר געזאָגט.

האָט דער מעקלער באַלד געבראַכט איר בעל-הבית, וואָס איז געווען אַן אויסלענדער, אָבער אַזוי אַלט, אַז מער ווי הויט און ביין האָט מען נישט געזען אויף אים. און דער וויזיר האָט אים געפרעגט:

„וועסטו זיך צופרידנשטעלן, ווען דו וועסט באַקומען פאַר דאָסדאָזיקע מיידל צענטויזנט דוקאַטן פונם מלך מאַכמעד, דעם זון פון סולליימאַן-על-זייני?"

דערויף האָט דער אַלטער געזאָגט:

„אַזוי ווי זי ווערט געקויפט פאַרן מלך, איז פאַר מיר נישט אָנשטענדיק אָפּצוגעבן זי אים אין דער פאָרם פון אַ מתּנה און דערביי זאָל איך באַדאַרפן אַראָפּלאָזן פונם פּרייז*).

*) דידאָזיקע ווערטער באַדאַרפן נישט פאַרשטאַנען ווערן בוכשטעבלאַך: אַז די אַראַבער ווילן העכערן אַ פּרייז, דריקן זיי זיך שטענדיק אויס אין אַזאַ פאָרם.

האָט דער וויזיר געהייסן ברענגען דאָס געלט און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעיואויגן צענטויזנט גאָלדשטיק, האָט ער זיי אָפּ־געגעבן דעם אויסלענדער. דעמאָלט האָט זיך אָנגערופן דער מעקלער:

„אויב דו, מיין וויזיר, וועסט דערלויבן, וועל איך ריידן."

„רייד, וואָס דו ווילסט,"—האָט דער וויזיר געזאָגט.

„איך מיין,—האָט דער מעקלער געזאָגט,—אַז היינט באַדאַרפסטו נישט אָפּפירן דאָס מיידל צום מלך, וואָרום פון אַ וייטן לאַנד איז זי געקומען און אויף איר האָט זיכער געווירקט די ענדערונג פון קלימאַט און, אויסערדעם, איז זי מסתמא מיד פון וועג. זאָל זי זיין ביי דיר אַ וואָסערע צען טעג, וועט זי זיך אויסרוען, אָפּפרישן און, מעגליך, שענער ווערן, דעמאָלט וועסטו זי אַוועקפירן אין באָד, נאָכדעם וועסטו זי אָנטאָן אין שיינע קליידער און אַוועק מיט איר צום מלך. וועסטו מיר נאָך פאָלגן און אַזוי טאָן, וועסטו זיכער האָבן גרויס ערפאָלג."

האָט זיך דער וויזיר באַדאַכט אַ ווײַלע און איז געקומען צום באַשלוס, אַז דער מעקלער איז גערעכט. האָט ער זי גענו־מען צו זיך אין פּאַלאַץ אַריין, אָפּגעגעבן איר אַ באַזונדער צי־מער און געשיקט איר אַלע טאָג עסן און טרינקען און אַלץ, וואָס זי האָט באַדאַרפט, און אַזוי האָט זי געוואוינט ביי אים אַ געוויסע צייט.

דער וויזיר פאַדל־עד־דין האָט געהאַט אַ זון, וואָס איז גע־ווען שיין, ווי די לבנה, מיט ראָזע באַקן און מיט אַ געבאָרן פּינטעלע, וואָס איז געווען ענליך צו דעם קיילעכל פון גרויער אַמבערע. דאָס יונגלינג האָט נישט געוואוסט פונם מיידל, און דער פאָטער האָט איר נאָך פריער אָנגעזאָגט:

„זאָלסט וויסן, אַז איך האָב דיך געקויפט פאַרן מלך מאַכ־מעד, דעם זון פון סוליימאַן־על־זייני. איך האָב אָבער אַ זון, וואָס האָט נישט געלאָזט צורו קיין איין מיידל פונם קוואַרטל. דעריבער בעט איך דיך, זאָלסט זיך אויספאַרבאָרגן פון אים, נישט באַווייזן אים דאָס געזיכט און אפילו דיין קול זאָל ער נישט הערן."

„איך הער און געהאָרך,“—האָט דאָס מיידל געענטפערט, און דער וויזיר איז אַוועק פון איר.

אָבער דאָס מזל האָט געוואָלט, אַז דאָס מיידל זאָל גיין אין באָד אַריין, וואָס האָט זיך געפונען דערביי אין הויז, און באָדעם, ווי די שקלאַפינס האָבן זי אויסגעוואַשן, האָט זי זיך אויסגעפוצט אין שיינע קליידער און איז געוואָרן נאָך שענער און מילדער, ווי פריער. אַרויס פון באָד, איז זי אַוועק צום וויזירס פרוי און האָט איר אַ קוש געטאָן אין האַנט.

„צו רפואה*), אָ, ענים-על-דזשעליס!—האָט געזאָגט דעם וויזירס פרוי,—איז דיר געפעלן אונזער באָד?“

האָט דאָס מיידל געענטפערט:

„אָ, מיין האַרין, עס טוט מיר נאָר באַנג, וואָס דו ביזט מיט מיר נישט געווען.“

דערויף האָט דעם וויזירס פרוי געזאָגט צו אירע שקלאַפינס:

„נו, הויבט זיך אויף און קומט אין באָד אַריין“.

האָבן זיך אויפגעהויבן די שקלאַפינס און אַוועק אין באָד אַריין מיט זייער האַרין, וואָס האָט אָנגעזאָגט צוויי שקלאַפן-מיידעלאַך, זיי זאָלן זיך שטעלן ביי דער מיידלס טיר און קיינעם נישט אַריינלאָזן צו איר אין צימער.

„איר זאָלט קיינעם נישט אַריינלאָזן אין דעמדאָזיקן צימער!“—האָט זי זיי דריי מאָל אָנגעזאָגט.

דערויף האָבן זיי געענטפערט:

„מיר הערן און געהאָרכן.“

אָבער אין דער צייט, ווען ענים-על-דזשעליס איז געזעסן ביי זיך אין צימער, איז אַריין אין הויז אַלי-נור-עד-דין, דעם וויזירס זון, און געפרעגט, וואו איז די מוטער. דערויף האָבן אים די מיידעלאַך געענטפערט:

„זי איז אַוועק אין באָד.“

אָבער אַז ענים-על-דזשעליס האָט איבער דער וואַנט דערהערט

---

*) ביי די אַראַבער, ווי ביי יידן, ווערט געזאָגט „צו רפואה“ דעם מענטשן, וואָס קומט פון באָד.

דעם קול פונם יונגן אַלי-נור-עד-דין, האָט זי אַ טראַכט געטאָן:

„איך וואָלט געוואָלט וויסן, ווי זעט-אויס דערדאָזיקער יונגלינג, וואָס לאָזט נישט צורו קיין איין מיידל פונם קוואַרטל. ביי גאָט, איך וואָלט זייער געוואָלט אַ קוק טאָן אויף אים."

אַ שלאַנקע און אַ דערפרישטע נאָך דער באָד, האָט זי זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער טיר און אַ קוק געטאָן אויף אַלי-נור-עד-דין. דעמאָלט האָט זי דערזען, אַז ער איז שיין, ווי די יונגע לבנה און האָט צום טויזנטסטן מאָל אָפגעזיפצט. אָבער אַז דאָס יונגלינג האָט זי דערזען, איז ער געבליבן שטיין אַ פערגאַפטער מיט אויפגעהויבענע אויגן. זיי האָבן באַלד איינאַנדער ליב באַקומען, און דער יונגלינג איז צוגעגאַנגען צו די שקלאַפנמיידעלאַך און אָנגעשריען אויף זיי. דעמאָלט זיינען די מיידעלאַך אַנטלאָפן פון טיר און פונדערוויטנס זיך צוגעקוקט, וואָס דאָ וועט זיין. אָבער אַלי-נור-עד-דין איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי אויפגעעפנט, אַריין אין צימער און געזאָגט צו דער שלאַנקער מיידל:

„אַזוי, האָט עס דיך מיין פאָטער געקויפט פאַר מיר?"

„יאָ,"—האָט זי געענטפערט.

נאָכדעם איז דאָס יונגל צוגעגאַנגען צו איר און האָט זי אַרומגענומען און זי פון איר זייט האָט אַרומגעכאַפט מיט די הענט זיין האַלז און אַ קוש געטאָן אים. אַז די שקלאַפנמיידלאַך האָבן דערזען וואָס דאָ ווערט געטאָן, האָבן זיי גענומען שרייען. אַלי-נור-עד-דין איז באַלד אַרויסגעלאָפן פון צימער, אַ דערשראָקענער, און פון באָד איז געקומען צו לויפן דעם וויזירס פרוי אויך אַ דערשראָקענע.

„וואָס איז דאָ געשען?—האָט זי איילינק געפרעגט די שקלאַפינס,—רעדט אַ וואָרט. וואָס איז דאָ געשען?"

האָבן די שקלאַפינס געזאָגט:

„אונזער יונגער האַר אַלי-נור-עד-דין איז געקומען פון גאַס און האָט אונז געשלאָגן. דערנאָך איז ער אַריין אין צימער פון עניס-על-דזשעליס. האָבן מיר גענומען שרייען, איז ער אַרויסגעלאָפן פון דאָרטן."

איז דער וויזירס פרוי אַריין צו ענים-על-דזשעליס און געפרעגט:

„וואָס מאַכסטו דאָ פאַר אַ קונצן?״

האָט איר יענע אַזוי געזאָגט:

„בשעת איך בין געזעסן אין מיין צימער, איז אריינגעגאַנגען צו מיר אַ שיין יונגלינג און געזאָגט: „אַזוי, האָט עס דיך מיין פאָטער געקויפט פאַר מיר?״ און איך האָב געענטפערט: „יאָ.״ ביי גאָט, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער רעדט די וואָרהייט. און ער איז אַריין צו מיר און האָט מיך אַרומגענומען און דריי מאָל אַ קוש געטאָן, און דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען, אָבער דאָס האַרץ איז מיר פול מיט ליבע צו אים.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דעם וויזירס פרוי צעוויינט און באַדעקט מיט די הענט דאָס געזיכט און אַזוי האָבן אויך געטאָן די שקלאַפינס, וואָס האָבן מורא-געהאַט, אַז דער פאָטער זאָל אַמאָל נישט דערהרגענען אַלי-נור-עד-דינען פאַר דערדאָזיקער אויפפירונג. אין דער אייגענער צייט איז געקומען דער וויזיר און האָט געפרעגט, וואָס איז דאָ געשען?

„שווער מיר,—האָט זיך אָנגערופן צו אים דאָס ווייב,—אַז דו וועסט אויסהערן דאָס, וואָס איך וועל צו דיר ריידן.״

„איך שווער,״—האָט דער וויזיר געזאָגט.

דעמאָלט האָט זי אים דערציילט, וואָס דער זון האָט געטאָן, אָבער דער וויזיר איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ פערצווייפלונג, אַז ער האָט גענומען רייסן אויף זיך די קליידער און די באָרד און האָט זיך געשלאָגן אין פנים אַריין מיט די פויסטן. האָט דאָס ווייב געזאָגט:

„וואָס ביזטו זיך אַזוי מצער? איך וועל דיר פון מיין געלט געבן צענטויזנט דוקאַטן, וואָס זי׳ קאָסט דיר.״

אָבער דער וויזיר האָט אויף איר אויפגעהויבן אַ פאָר בלוטיק-בייזע אויגן און געזאָגט:

„ווי צו דיר! איך באַדאַרף נישט דיין געלט. איך האָב מורא, אַז מיר וועט עס קאָסטן מי׳ן לעבן און מיין גאַנץ פאַרמעגן.״

„פאַרוואָס, מיין האַר?”—האָט די פרוי געפרעגט.

דערויף האָט ער איר געענטפערט נאָך בייזער, ווי פריער:

„ווייסטו דען נישט, אַז דערדאָזיקער על-מאָ'און, דער זון פון סאַוויע, איז אונז אַ גרויסער שונא? אַז ער וועט דערהערן פון דעם, וואָס איז געשען, וועט ער אַוועק צום מלך און וועט אים זאָגן: דו מיינסט דאָך אודאי, אַז דיין וויזיר האָט דיך זייער ליב, אָבער דו האָסט אַ טעות. נאָכדעם ווי ער האָט ביי דיר גענומען צענטויזנט דוקאַטן, איז ער אַוועק און האָט גע־קויפט פאַר דאָס געלט אַזאַ שיינע שקלאַפין, וואָס נאָך אַזאַ איינע איז גאָר אויף דער וועלט נישט געווען און נישט פאַראַן און האָט געזאָגט צו זיין זון: „נעם זי דיר, וואָרום דו ביזט בילכער איידער דער סולטאַן.” און דער זון האָט זי גענומען און ער לעבט מיט איר. דערויף וועט אים דער מלך געוויינלאַך זאָגן: „דו ליגסט.” אָבער ער וועט זיך מסתמא באַלד אָנרופן: „אויב דו וועסט מיר דערלויבן, וועל איך מיך פלוצלונג אריינ־רייסן צו אים און וועל זי דיר ברייגגען.” און דער מלך וועט עס אים, נאַטירלאַך, דערלויבן און ער וועט זיך אַריינרייסן צו אונז אין הויז און נעמען דאָס מיידל און אַוועקפירן צום מלך. דאָרט וועט זי דער מלך אויספרעגן, אָבער זי וועט נישט זיין בכח צו לייקענען און וועט דערציילן דעם גאַנצן אמת. דעמאָלט וועט מיין שונא זאָגן: „אָ, מיין טייערער מלך, זעסט, איך גיב דיר גוטע עצות, אָבער איך האָב ביי דיר קיין חן נישט.” און דעמאָלט וועט זיין מיין סוף.”

אָבער דאָס ווייב האָט אים געענטפערט דערויף:

„מאַך נישט קיין איבעריקע טענות, דערצייל קיינעם קיין מעשיות נישט און פאַרלאָז זיך בעסער אויף גאָט.”

פון דידאָזיקע ווערטער איז דעם וויזיר לייכטער געוואָרן און ער האָט מער נישט גערעדט. זיין זון, נור-עד-דין, האָט זיך זייער געשראָקן פאַרן פאָטער און האָט גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין גאָרטן. בלויז אויפדערנאַכט פלעגט ער קומען צו דער מו־טער און נאָכדעם, ווי ער פלעגט איבערנעכטיקן אין שרעק ביי איר אין צימער, פלעגט ער באַלד באַגינען אַוועקגיין, אַז קיינער

זאָל אים נישט זען. אַזוי האָט ער געלעבט אַ גאַנצן חודש צייט און האָט קיין איינמאָל דעם פאָטער אין פנים נישט געזען, אָבער, צולעצט, האָט זיין מוטער געזאָגט דעם וויזיר:

„אָ, מיין האַר! צי ווילסטו פאַרלירן אי דאָס מיידל, אי דיין קינד? אויב ער זאָל באַדאַרפן ווייטער אַזוי לעבן, ווי ביז איצט, וועט ער מוזן אַנטלויפן פון שטוב.‟

„אָבער מיט וואָס קאָן איך העלפן?‟—האָט דער וויזיר גע-פרעגט.

„וועל איך דיר זאָגן,—האָט דאָס ווייב געענטפערט.—זיי היינט ביינאַכט אין שטוב, און אַז ער וועט קומען, זאָלסטו מיט אים שלום ווערן און אָפגעבן אים דאָס מיידל, וואָרום ער ליבט זי און זי ליבט אים, און איך וועל דיר באַצאָלן פון מיין געלט די צענטויזנט דוקאַטן, וואָס זי קאָסט.‟

און אַזוי איז דער וויזיר פאַרבליבן אויפדערנאַכט אינ-דערהיים, אָבער אַז דער זון איז געקומען, האָט ער אים אַ כאַפּ געטאָן און געוואָלט אים איבערשניידן דעם האַלז. אין דער איי-גענער רגע איז אַריין דאָס ווייב, און אַז זי האָט דערזען ווי אַזוי דער פאָטער האַלט דעם זון, האָט זי געפרעגט:

„וואָס ווילסטו טאָן מיט אים?‟

„דערהרגענען!‟—האָט געענטפערט דער וויזיר.

האָט דער זון געפרעגט:

„שוין-זשע בין איך גאָרנישט ווערט אין דיינע אויגן?‟

אָבער דעם פאָטער זיינען די אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן און ער האָט געזאָגט:

„שוין-זשע איז מיין לעבן און מיין גאַנץ פאַרמעגן גאָר-נישט ווערט אין דיינע אויגן?‟

דעמאָלט האָט דער יונגלינג געבעטן, דער פאָטער זאָל אים מוחל-זיין. האָט דער וויזיר רחמנות געקראָגן אויפן זון, און דער זון האָט דעם פאָטער אַ קוש געטאָן די האַנט, און דער פאָטער האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין זון, ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז דו וועסט

קאָנען זיין טריי דערדאָזיקער ענים-על-דזשעליס, וואָלט איך זי דיר אָפּגעגעבן."

האָט דער זון געפרעגט:

„אָ, מיין פאָטער, פאַרוואָס וועל איך איר זיין נישט טריי?"

האָט דער וויזיר אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

„אָ, מיין זון, איך באַשווער דיך, דו זאָלסט קיינמאָל נישט נעמען אַ צווייט ווייב, וואָס דאָס ערשטע זאָל איר אָפּטרעטן דעם אָרט און זאָלסט זיך מיט איר קיינמאָל נישט באַגיין שלעכט און זאָלסט זי אויך קיינמאָל נישט פאַרקויפן."

„איך שווער דיר,—האָט דער זון געזאָגט,—אַז איך וועל קיינמאָל נישט נעמען קיין צווייט ווייב אויף איר אָרט און וועל זי אויך קיינמאָל נישט פאַרקויפן."

באַלד נאָכדעם איז אים איבערגעגעבן געוואָרן דאָס מיידל צוזאַמען מיט אַ באַזונדער וואוינונג און ער האָט גליקליך גע-לעבט מיט איר אַ גאַנץ יאָר צייט. דער גוטער גאָט (געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין) האָט אַזוי געמאַכט, אַז דער מלך האָט פאַרגעסן אָן דעם גאַנצן ענין. אָבער דערפון האָט זיך דערוואוסט על-מאַ'און, דער זון פון סאַוויע, וואָס האָט, איבריגנס, געמוזט שווייגן, ווייל דער מלך האָט זייער געשעצט דעם צווייטן וויזיר.

אַז עס איז אַוועק אַ יאָר, איז פאַדל-עד-דין, דער זון פון קאַקאַן, געגאַנגען אין באָד אַריין און אַרויס פון דאָרט זייער אַ פאַרשוויצטער, האָט ער זיך, נאַטירלאַך, צוגעקילט און ערנסט קראַנק געוואָרן און זיין קראַנקהייט האָט זיך פאַרצויגן אויף אַ לאַנגער צייט. האָט ער גערופן צו זיך זיין זון אַלי-נור-עד-דין און האָט אים אַזוי געזאָגט:

„אָ, מיין זון, זאָלסט וויסן אַז דעם מענטשנס לעבן איז באַגרענצט און זיין סוף איז באַשטימט, און יעדער מענטש מוז פריער אָדער שפּעטער אויסטרינקען דעם בעכער פון טויט. וואָלט איך וועלן, דו זאָלסט לעבן אַ גוט און פרום לעבן און זאָלסט נאָר טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס קאָן אַרויסקומען פון דיינע

מעשים. און איך בעט דיך אויך, דו זאָלסט זייער צערטלאַך באַהאַנדלען עניס-על-דזשעליס.״

דערויף האָט דער זון געענטפערט:

„אָ, מיין פאָטער! אַזוינע מענטשן, ווי דו, זיינען נישטאָ, און איך פארלאָז מיך אויף גאָט, געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין. דאָס גאַנצע פאָלק האָט דיך ליב און בעט גאָט, דו זאָלסט געזונט ווערן.״

האָט דער קראַנקער געזאָגט:

„אָ, מיין זון, הילף קאָן מען געפינען נאָר אין גאָטס האַנט, געבענטשט און געלויט זאָל ער זיין.״

נאָכדעם האָט ער אָפּגעזאָגט צוויי תּפילות און האָט שווער אָפּגעזיפּצט און איז אַוועק אין דער בעסערער וועלט. באַלד איז דעם וויזירס פאַלאַץ אָנגעפילט געוואָרן מיט געוויין און געיאָמעריי, און די שרעקליכע ידיעה, אַז פאַדל-עד-דין, דער זון פון קאַקאַן, דער באַליבסטער וויזיר, האָט אויסגעהויכט זיין נשמה, איז דערפלויגן צום מלך און די גאַנצע שטאָט האָט זיך דערוואוסט דערפון און דער מלך מיטן פאָלק האָבן געוויינט, געגאָסן הייסע טרערן און אפילו קינדער אין די חדרים האָבן געוויינט. זיין זון, אַלי-נור-עד-דין, האָט געזאָרגט וועגן זיין קבורה און אויף זיין לויה זיינען געגאַנגען עמירען און וויזירען און אַלע הויפּלייט, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך אויך געפונען דער וויזיר על-מאָ׳און, דער זון פון סאַוויע.

אַלי-נור-עד-דין, דער זון פון פאַרשטאָרבענעם וויזיר, האָט זיך אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט באַרוהיקן און אַלע טאָג האָט ער באַוויינט און באַקלאָגט זיין פאַרלאָרענעם פאָטער. איינמאָל, בשעת ער איז, ווי געוויינלאַך, געזעסן ביי זיין פאָטער אין הויז און פאַרגאָסן טרערן, האָט עמיץ אָנגעקלאַפּט אין טיר. האָט זיך נור-עד-דין אויפגעהויבן און געעפנט די טיר און דעמאָלט האָט ער דערזען, אַז דאָס האָט אָנגעקלאַפּט איינער פון זיין פאָטערס פריינט, וואָס איז געקומען מיט געסט. נאָכדעם ווי דער אַריינגעקומענער האָט אַ קוש געטאָן נור-עד-דינס האַנט, האָט ער געזאָגט:

„אָ, מיין האַר! דער, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַזאַ זון,

ווי דו, איז נישט געשטאָרבן. אַזוי האָט אויך געזאָגט דער נביא.
„אָ, מיין האַר! באַרוהיק דיין האַרץ און האַלט-איין דיינע טרערן.״

נאָך דידאָזיקע ווערטער האָט זיך נור-עד-דין אויפגעהויבן און אַוועק אין גאַסטצימער, וואוהין עס איז באַלד אַריינגעטראָגן געוואָרן אַלץ, וואָס מען האָט באַדאַרפט, און די געסט זיינען אויך אַריבער אין גאַסטצימער צוזאַמען מיט זיין שקלאַפין. צען סוחרישע זין זיינען פון דעמאָלט-אָן געוואָרן זיינע שטענדיקע פריינט און ער האָט אָנגעהויבן געבן איין מאָלצייט נאָכן צווייטן און האָט אַלעמען געשיקט טייערע מתנות. אַזוי איז אַוועק אַ היבש שטיקל צייט, אָבער איינמאָל איז געקומען זיין הויזפאַר-וואַלטער און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, נור-עד-דין, ווייסטו דען נישט פונם ווערטל, אַז פריינט און מאָלצייטן דערפירן צו בעטלעריי? דו ביזט צופיל ברייטהאַרציק און וועסט ענדיקן שלעכט.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער פונם הויזפאַרוואַלטער, האָט אַלי-נור-עד-דין אַ קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט:

„פון אַלץ, וואָס איך הער דאָ, וויל איך קיין איין וואָרט נישט גלויבן. אָט הער, וואָס דער דיכטער זאָגט:

וועןאיך וואָלט זייער רייך געווען און קיינעם
וואָלט איך פון מיינע אוצרות נישט געשיינקט,
און האָרט און קאַלט געווען וואָלט מיין האַנט—
אָ, דעמאָלט זאָל מיין האַנט זיין אָן באַוועגונג
און אויך מיין פוס זאָל מער נישט קאָנען גיין.

זאָלסטו, אַלזאָ, וויסן פאַרוואַלטער, אַז איך האָב פיינט צו קאַרגן און איינשפּאָרן און האָב ליב צו לעבן פריי און ברייט.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז דער פאַרוואַלטער אַוועק, און אַלי-נור-עד-דין האָט געלעבט, ווי פריער, אַן אומגעוויינלאַך ברייט און רייך לעבן, און אַז עמיץ פון זיינע באַקאַנטע האָט געזאָגט: „אַך, ווי מיר געפעלט אָט דאָס פינגערל,״ האָט ער גע-ענטפערט דערויף:

„איך שיינק דיר עס!״

און ווען עמיצער וואָלט אים געזאָגט: „ווי שיין איז דיין הויז", וואָלט ער אים זיכער געענטפערט:

„איך שיינק דיר עס."

זיינע מאָלצייטן האָבן זיך אָנגעהויבן סאַמע אינדערפרי, טאָג פאַר טאָג, טאָג פאַר טאָג, און אַזוי איז אַוועק אַ גאַנץ יאָר. איינמאָל, בשעת ער איז געזעסן מיט זיינע געסט אין זאַל, האָט ער דערהערט, ווי זיין שקלאַפין האָט גענומען דעקלאַמירן דאָס פאָלגנדיקע ליד:

דו האָסט אַמאָל געלעבט אין גרויסן גליק;
עס זיינען טעג געפלאָסן שטיל און זיס,
און נעכט האָסטו געהאַט פול רו.
צוריגען אָבער איז דיין גליק שוין לאַנג,
און ס'קומען שוואַרצע אומעטיקע נעכט.

און באַלד דערויף האָט עמיץ אָנגעקלאַפּט אין טיר. נור-עד-דין האָט זיך אויפגעהויבן, און אַז ער האָט געעפנט די טיר, האָט ער דערזען זיין הויזפאַרוואַלטער.

„וואָס וועסטו מיר זאָגן?"—האָט ער געפרעגט.

יענער האָט אַ ווייל געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

„אָ, מיין האַר! דאָס, פאַרוואָס איך האָב מיך אַזוי לאַנג געשראָקן, איז געשען מיט מיר."

„וואָס איז געשען?"—האָט נור-עד-דין געפרעגט.

„זאָלסט יוויסן,—האָט געענטפערט דער הויזפאַרוואַלטער,— אַז פון דיין פאַרמעגן איז גאָרנישט געבליבן, אפילו נישט גע־בליבן צומאָל אַ קליין זילבערן מטבעהלע, און דאָס איז, זאָלסטו וויסן, אַ רעזולטאַט פון דיין ברייט לעבן."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט נור-עד-דין פאַרזונקען דעם קאָפּ ביז צו דער ערד און האָט אויסגעשריען:

„כח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט!"

הינטער נור-עד-דינען איז געשטאַנען איינער פון זיינע פריינט, און אַז ער האָט דערהערט וועגן וואָס דאָ איז געדעט געוואָרן, איז ער אַריין אין זאַל צו די געסט און האָט זיך אָנ-גערופן:

„איר זאָלט וויסן, אַז מיט נור-עד-דינס פאַרמעגן איז קאַ-פוט. זאָגט, וואָס קאָן מען איצט טאָן?"

באַלד איז נור-עד-דין אַריין אין צימער, אָבער ער איז געווען בלאַס און צוטראָגן. האָט זיך אויפגעהויבן איינער פון די געסט און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר! איך מוז אַוועקגיין".

האָט אים נור-עד-דין געפרעגט:

„פאַרוואָס ווילסטו אַוועקגיין?"

האָט דער גאַסט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט:

„מיין ווייב גייט היינט צו קינד, מוז איך זיין אינדער-היים."

אַז דער גאַסט איז אַוועק, האָט זיך אויפגעהויבן אַ צווייטער און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר נור-עד-דין! איך מוז אַוועקגיין, ווייל מיין ברודער פראַוועט היינט אַ ברית."

און אַזוי האָט זיך אויפגעהויבן אַ דריטער און אַ פערטער און אַ פינפטער גאַסט און יעדער האָט געזאָגט עפּיס אַ תירוץ, אַז ער מוז אַוועקגיין, ביז אַלע געסט זיינען אַוועקגעגאַנגען. און אַז נור-עד-דין איז געבליבן אַליין, האָט ער אַ רוף געטאָן זיין שקלאַפין און געזאָגט:

„אָ, ענים-על-דזשעליס, זעסטו דען נישט, וואָס מיט מיר איז געשען?"

און ער האָט איר דערציילט, וואָס דער פאַרוואַלטער האָט מיט אים גערעדט. דערויף האָט אים ענים-על-דזשעליס געזאָגט:

„אָ, מיין האַר! מיט עטלאַכע נעכט צוריק האָב איך געוואָלט ריידן מיט דיר וועגן דעם, אָבער דו האָסט גענומען דע-קלאַמירן אַ פריילאַך לידל, אַז איך האָב נישט געקאָנט מיט דיר ריידן."

„אָ, ענים-על-דזשעליס!—האָט ער זיך אָנגערופן,—דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב צופּטרט מיין גאַנץ פאַרמעגן אויף מיינע פריינט און איך מיין, אַז זיי וועלן מיך נישט פאַרלאָזן גאָר אָן הילף."

אָבער זי האָט קורץ געזאָגט:

„ביי גאָט, זיי האָבן דיך שוין פאַרגעסן."

האָט זיך נור-עד-דין עטוואָס פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

„איך גיי שוין צו זיי און וועל זיי אָנקלאַפּן אין טיר, אפשר וועלן זיי צונויפזאַמלען אַ שטיקל קאַפּיטאַל פאַר מיר, וועל איך אַוועקוואַרפן די מאַלצייטן מיט די פאַרגעניגנס און וועל אָנהויבן האַנדלען."

געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַוועק אין אַ דערבייאיק געסל, וואו עס האָבן געוואוינט זיינע צען פריינט, איז ער צוגעגאַנגען צו דער ערשטער טיר און האָט אָנגעקלאַפּט. באַלד איז אַרויס אַ קליין שקלאַפנמיידעלע און האָט געפרעגט:

„ווער ביזטו?"

„זאָג דיין האַר,—האָט ער זיך אָנגערופן,—אַז אַלי-נור-עד-דין שטייט ביי זיין טיר, קושט אים די הענט און וואַרט אויף זיין חסד."

איז דאָס מיידל אַוועק און איבערגעגעבן דידאָזיקע ווערטער איר האַר, אָבער יענער האָט איר דערויף באַמערקט:

„גיי און זאָג אים, אַז דיין האַר איז נישטאָ אינדערהיים."

איז דאָס מיידעלע אַוועק און געזאָגט:

„מיין האַר איז, ליידער, נישטאָ אינדערהיים."

איז נור-עד-דין אַוועק פון דער טיר און האָט פאַר זיך געטראַכט:

„דער, איז אַ שקלאַף, באַגייט ער זיך ווי אַ שקלאַף, אָבער נישט אַלע זיינען דאָך אַזוי".

אַז ער איז צוגעגאַנגען צו דער צווייטער טיר, האָט ער געשיקט זאָגן דאָס, וואָס ביי דער ערשטער, אָבער דאָ האָט ער אויך באַקומען אַ שלעכטן ענטפער און דעמאָלט האָט ער אויסגעשריען:

„ביי גאָט, איך וועל זיי אַלע אויספּרובן: אפשר וועט עמיץ פון זיי פאַרבייטן אַלעמען."

און ער איז געגאַנגען פון איינעם צו אַ צווייטן, ביז אַלע צען, אָבער קיין איינער פון זיי האָט אים נישט אויפגענומען, זיך אַליין נישט געוויזן און אפילו אַ שטיקל ברויט אים נישט אַרויסגעשיקט. דעמאָלט האָט ער דעקלאַמירט דאָס פאָלגענדיקע ליד:

אַ מענטש אַ גליקלאַכער איז ענלאַך צו אַ בוים,
וואָס איז מיט פירות אָנגעלאָדן פיל,
און מענטשן רייסן פון דעם גוטן בוים,
ביז וואַנען ער פאַרלירט זיין לעצטע פרוכט.
און דעמאָלט זוכן זיי אַ צווייטן בוים
און נעמען אים די פירות אויך אַוועק.
אָ, שלעכטע מענטשן! זענט פאַרהאַסט, פאַרשאָלטן,
ווייל איר זענט אַלע מיאוס און געמיין.

און נור-עד-דין האָט זיך אומגעקערט צו זיין שקלאַפין. זיין אומרוהיקייט און צורודערטקייט האָט זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט, און זי האָט זיך אָנגערופן צו אים:

„אָ, מיין האַר! האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז זיי וועלן דיר גאָרנישט געבן?”

„ביי גאָט,—האָט ער געענטפערט,—קיינער פון זיי האָט זיך מיר אפילו פאַר דער טיר נישט געוויזן.”

דעמאָלט האָט זי געזאָגט:

„אָ, מיין האַר! פאַרקויף דיין מעבל, וואָס דו האָסט אין שטוב, וועט דיר אַריינפאַלן אַ ביסל געלט.”

איז אים געפעלן געוואָרן איר עצה, איז ער געגאַנגען און האָט פאַרקויפט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין הויז. אָבער נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלעבט דאָס געלט, איז ער פון דאָסניי געקומען צו ענים-על-דזשעליס מיט דערדאָזיקער פראַגע:

„זאָג מיר, וואָס זאָלן מיר טאָן?”

האָט זי זיך אַ ווײַלע באַדאַכט און דערנאָך זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַר, איך האָב אַן עצה: גיי-אַוועק מיט מיר אויפן מאַרק און פאַרקויף מיך דאָרט. דו ווייסט דאָך, אַז דיין פאָטער האָט מיך געקויפט פאַר צענטויזנט דוקאַטן. אפשר וועט

גאָט אַזוי מיטווירקן, אַז דו וועסט באַקומען פאַר מיר כאָטש אַ טייל פון דערדאָזיקער סומע. און נאָך עפּיס וועל איך דיר זאָגן: אויב אונז איז באַשערט זיין צוזאַמען, וועלן מיר זיך זיכער צו־זאַמענטרעפן.״

אָ, עניס-על-דזשעליס!—האָט ער זיך אָנגערופן—איך קאָן זיך נישט שיידן מיט דיר אפילו אויף איין שעה.״

„און מיר איז דאָס אויך שווער,—האָט זי געזאָגט,—אָבער די נויט טרייבט דערצו.״

ער האָט אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און מיט טרערן אויף די אויגן האָט ער זי אַוועקגעפירט אויפן מאַרק, וואו ער האָט זי איבערגעגעבן אַ מעקלער מיט דידאָזיקע ווערטער:

„זאָלסט געדענקען דעם פּרייז פון יענער, וואָס דו גייסט פאַרקויפן.״

„אָ, מאַן האַר, אַלי-נור-עד-דין!—האָט זיך אָנגערופן דער מעקלער—צי קאָן מען פאַרגעסן אַזאַ סחורה? דאָס איז דאָך עפּיס עניס-על-דזשעליס, וואָס דיין פאָטער האָט געקויפט פאַר צען־טויזנט גאָלדשטיק.״

און נור-עד-דין האָט באַשטעטיקט:

„יאָ, דאָס איז די אייגענע.״

דער מעקלער איז אפילו באַלד אַוועק צו די סוחרים, אָבער נישט אַלע זיינען געווען אויפן מאַרק, האָט ער אָפּגע־וואַרט, ביז עס האָט זיך געשטעלט דער יריד פון די שקלאַפינס און פון אַלע עקן און קאַנטן זיינען געבראַכט געוואָרן צום פאַר־קויפן טערקינס, טשערקעסינס, גרוזינערינס און אַביסינערינס, און דעמאָלט איז ער אַריין אינמיטן פונם ריזיק-גרויסן המון און האָט אויסגעשריען:

אָ, סוחרים! אָ, רייכע לייט! אַלץ, וואָס איר האָט פאַר די אויגן, איז גאָרנישט ווערט. נישט אַלץ, וואָס איר זעט, איז באַ־נאַן, נישט אַלץ, וואָס איז רויט, איז פלייש, נישט אַלץ, וואָס איז ווייס, איז שמאַלץ, נישט אַלץ, וואָס איז רויטלאַך, איז ווייַן און נישט אַלץ, וואָס איז גרוי, איז פייג! אָבער איך, אָ, סוחרים, האָב דאָ אַן אמתן פּעריל, קוקט זיך נאָר צו צו אים. אָבער

זאָגט מיר, וואָס וואָלט איר געקאָנט געבן פאַר דעמדאָזיקן פערל?״

האָט זיך איינער פון די סוחרים אָנגערופן:

„איך קאָן געבן פירטויזנט מיט פינפהונדערט דוקאַטן.״

אויף דעמדאָזיקן יריד האָט זיך אויך געפונען דער ווזיר על-מאַ׳און, דער זון פון סאַוויע, און אַז ער האָט דערזען נור-עד-דינען, האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

„וואָס טוט ער דאָ? קויפן אַ שקלאַפין קאָן ער דאָך נישט — ער איז דאָך אָרים.״

אָבער אַז ער האָט זיך בעסער צוגעקוקט צו נור-עד-דינען, צום מעקלער און צו דער שקלאַפין, האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר און ער האָט ווידער אַ טראַכט געטאָן:

„ער איז שוין אַזוי אָרים געוואָרן, אַז ער איז געקומען פאַרקויפן זיין שקלאַפין. דאָס טוט מיר הנאה, מוז איך זיך זאָגן.״

האָט ער אַ רוף געטאָן דעם מעקלער, וואָס איז באַלד צוגעגאַנגען און אַ קוש געטאָן אים דעם שטויב פון די פיס*), און דער ווזיר האָט געזאָגט:

„איך בין אַ בעלן צו קויפן די שקלאַפין, וואָס דו האָסט נאָר-וואָס אַזוי געלויבט.״

האָט זיך דער מעקלער נישט דערלויבט עפּיס צו זאָגן קעגן און האָט בלויז צוגעפירט די שקלאַפין און אַוועקגעשטעלט זי פאַרן ווזיר. און אַז דער ווזיר האָט דערזען, אַז זי איז שלאַנק און שיין און אַז איר קול קלינגט ווי זילבער, האָט ער געפרעגט דעם מעקלער:

„וואָס פאַר אַ סומע איז דיר פאָרגעלייגט געוואָרן פאַר איר?״

„פירטויזנט מיט פינפהונדערט דוקאַטן״,— האָט דער מעקלער געענטפערט.

דערהערט דעם שמועס צווישן ווזיר און דעם מעקלער,

*) „אַ קוש טאָן דעם שטויב פון די פיס״ הייסט ביי די אַראַבער דער מנהג אָנצורירן מיט דער רעכטער האַנט די ערד, די ליפן און די טשאַלמע.

האָבן שוין די סוחרים זיך נישט דערוועגט אָנצובאָטן אַ העכערן פּרייז, ווײַל אַלע אין שטאָט האָבן גוט געוואוסט, אַז דער-דאָזיקער וויזיר איז אַ גרויסער אכזר. דערנאָך האָט על-מאַ׳און, דער זון פון סאַוויע, אַ קוק געטאָן אויפן מעקלער און געזאָגט:

„נו, וואָס שטייסטו? פיר-אַוועק דאָס מיידל, וואָרום איך גיב דיר פירטויזנט מיט פינפהונדערט דוקאַטן און נאָך פינפהונ-דערט באַקומסטו פּערזענלאַך פון מיר.״

איז דער מעקלער צוגעגאַנגען צו נור-עד-דינען און גע-זאָגט:

„אָ, מיין ליבער האַר! דו פאַרלירסט אומזיסט די שקלאַפין.״

„פאַרוואָס?״—האָט נור-עד-דין געפרעגט.

דערויף האָט דער מעקלער געזאָגט:

„מיר האָבן אָנגעהויבן פון פירטויזנט מיט פינפהונדערט דו-קאַטן און וואָלטן זיכער העכער געשטיגן, אָבער דאָ האָט זיך אַריינ-געמישט דער וויזיר על-מאַ׳און, וואָס גיט דידאָזיקע סומע. אָבער דו ווייסט קיינמאָל נישט זען קיין געלט פון אים. ער וועט מסתמא דיר אַרויסגעבן אַ פאַפּיר אויפן נאָמען פון זיינעם אַן אַגענט, און יענער וועט דיר קיינמאָל נישט באַצאָלן. יעדעס מאָל, אַז דו וועסט קומען נאָכן געלט, וועט ער דיר זאָגן: „מאָרגן״ און אַזוי וועט ער דיר אָפּלייגן פון איין מאָרגן אויפן צווייטן. דאָס וועט זיין אַן אייביקער מאָרגן. אָבער אַז דו וועסט אים פאָרט דער-עסן מיט דיין מאָנען, וועט ער זאָגן: „וויז נאָר דיין פאַפּירל״, און אַז דו וועסט עס אים נאָר באַווייזן, וועט ער עס נעמען און תיכף צורייסן. אַלזאָ, קיין געלט פאַר דיין שקלאַפין וועסטו נישט באַקומען.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט נור-עד-דין געפרעגט:

„וואָס, קאָן איך, אַלזאָ, טאָן?״

„איך האָב פאַר דיר אַן עצה״,—האָט זיך דער מעקלער אָנגערופן.

„וואָס, צום ביישפּיל?״—האָט נור-עד-דין געפרעגט.

האָט דער מעקלער זיך עטוואָס פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

„אָט איצט, ווי איך שטיי אַזוי אינמיטן מאַרק מיט דיין שקלאַפין, זאָלסטו צוגיין, אָננעמען זי ביי דער האַנט און דערלאַנגען איר אַ פּאַטש מיט דידאָזיקע ווערטער: „אָט האָסטו דיר! איך האָב מקיים-געווען מיין שבועה אַרויסצופירן דיך אויפן מאַרק און איבערגעבן דיך צו אַ מעקלער,—ער זאָל דיך ווען פאַרקויפן." אַז דו וועסט דאָס טאָן און אַזוי זאָגן, וועסטו אפשר אָפּנאַרן דערמיט דעם ווזיר און דעם מאַרק-המון, און אַלע וועלן מיינען, אַז דו האָסט זי געבראַכט אויפן מאַרק צוליב אַ שבועה, וואָס דו האָסט זיך געגעבן".

נור-עד-דין האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער און געזאָגט:

„דאָס איז אַ גוטע עצה."

באַלד איז דער מעקלער אַוועק אויף זיין אָרט און זיך אָנגערופן צום ווזיר על-מאָ'און, דעם זון פון סאַוויע:

„דער אייגנטימער פון דער שקלאַפין גייט אַהער."

אַלי-נור-עד-דין איז ווירקליך באַלד געקומען, אָבער אַז ער האָט דערזען ווי דער מעקלער האַלט פאַר דער האַנט די שקלאַפין, האָט ער זי אַרויסגעריסן פון זיין האַנט, אַ פּאַטש געטאָן זי און געזאָגט:

„אָט האָסטו דיר! איך האָב דיך געבראַכט אויפן מאַרק בלויז צוליב אַ שבועה, וואָס איך האָב זיך געגעבן. איצט קאָנסטו גיין אַהיים, אָבער איך ראַט דיך, דו זאָלסט ווייטער זיין געהאָרזאַם און זאָלסט דיך גוט אויפפירן. פאַרקויפן דיך וויל איך נישט און איך באַדאַרף אויך נישט האָבן דאָס געלט, וואָס מען קאָן פאַר דיר געבן."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער ווזיר על-מאָ'און, דער זון פון סאַוויע, אַ געשריי געטאָן:

„איך וועל דיך צורייסן, אָרימער יונג דו!"

און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים, אָבער אַלע סוחרים, וואָס האָבן זייער ליב געהאַט אַלי-נור-עד-דינען, האָבן זיך אַריינגעמישט און נישט דערלאָזט אים שלאָגן, און אַלי-נור-עד-דין האָט געזאָגט צו זיי:

„גוטע לייט, איר קענט מיך, אָבער איר ווייסט אויך, אַז דער וויזיר איז אַן אכזר.“

דעמאָלט האָט דער וויזיר אַ געשריי געטאָן:

„ביי גאָט, איך וואָלט אים זיכער דערהרגעט, ווען איר וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט.“

האָבן די סוחרים אַ וואונק געטאָן צו אַלי-נור-עד-דין, אַז ער מעג טאָן וואָס ער וויל און זיי וועלן זיך מאַכן נישט זעענדיק. איז אַלי-נור-עד-דין באַלד צוגעגאַנגען צום וויזיר על-מאָ'און, דעם זון פון סאַוויע (און אַלי-נור-עד-דין איז געווען זייער אַ דרייסטער מאַן), אַראָפּגעריסן אים פון פערד און אַ שליידער געטאָן אים אויף דער ערד. אָבער אויף דעמדאָזיקן אָרט איז געווען אַ גרוב, וואו אַראַבער האָבן געקנאָטן ליים, איז דער וויזיר על-מאָ'און, דער זון פון סאַוויע, אַריינגעפאַלן אין דעמדאָזיקן גרוב, און אַלי-נור-עד-דין האָט אים אַזוי געהאַקט מיטן פויסט איבערן פּנים און די ציין, אַז זיין לאַנגע באָרד איז באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט. דער וויזיר האָט געהאַט אויפן מאַרק צען דינער, און אַז זיי האָבן דערזען, וואָס עס ווערט געטאָן מיט זייער האַר, האָבן זיי זיך אַ כאַפּ געגעבן צו זייערע שווערדן און זיך געוואָלט וואַרפן צו אַלי-נור-עד-דין, וועלכן זיי וואָלטן זיכער צוהאַקט אייף שטיקלאַך, אָבער די סוחרים האָבן זיי פאַרהאַלטן מיט דידאָזיקע ווערטער:

„דאָס איז אַ וויזיר און דאָס איז אַ זון פון אַ וויזיר, איז דאָס גלייכסטע איר זאָלט זיך נישט אַריינמישן. אַזוינע צוויי מענטשן קאָנען זיך שוין אַליין אויסגלייכן, אָן אייער הילף.“

גוט צושלאָגן דעם וויזיר, האָט אַלי-נור-עד-דין גענומען זיין שקלאַפין און זיך אומגעקערט מיט איר אַהיים.

און דער וויזיר על-מאָ'און, דער זון פון סאַוויע, האָט זיך אויך באַלד אויפגעהויבן פון דעם גרוב, אָבער זיינע שניי-ווייסע קליידער האָבן איצט געהאַט דריי פאַרבן: אַ פאַרב פון בלאָטע, אַ פאַרב פון בלוט און אַ פאַרב פון אַש. האָט ער גענומען און האָט זיך באַדעקט פון פאָרנט און פון הינטן מיט גראָז און בלעטער און איז אַוועק צום סולטאַנס פּאַלאַץ, וואו ער איז גע-

בליבן שטיין פאַר די פענסטער און גענומען שרייען:

„אָ, גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע! מען האָט מיך בלוטיק באַליידיקט!"

האָט דער סולטאַן געהייסן די דינער, זיי זאָלן אים אַריינפירן אין פּאַלאַץ, אָבער אַז ער איז אַריינגעפירט געוואָרן אין סולטאַנס צימער, האָט אים דער סולטאַן נישט דערקענט. ערשט נאָכדעם, אַז דער סולטאַן האָט דערזען, אַז דאָס איז דער וויזיר על-מאָ'און, דער זון פון סאַוויע, האָט ער געפרעגט:

„ווער האָט דיך באַליידיקט?"

האָט פריער דער וויזיר על-מאָ'און לאַנג געזיפצט און געקלאָגט און דערנאָך האָט ער געזאָגט דאָסדאָזיקע ליד:

מיין מלך לעבט און איך דאַרף ליידן ביטער.
מיין מלך איז אַ לייב, אַ שטאַרקער לייב,
און דאָך איז מיר דאָס האַרץ צוגעסן פון אַ הונט.
ווען מענטשן ליידן דורשט און ווילן טרינקען,
דאַן גייען זיי צו פרישע קלאָרע קוואַלן.
מיין האַרץ איז אויך פון דורשט און פיין צוטריקנט—
אָ, זיי מיר דו אַ לייטזעליקער רעגן!

„אָ, מלך,—האָט ער ווייטער געזאָגט,—טויזנטער אומגליקן פאַלן אויף מיר, דיין דינער, וואָס האָט דיך אַזוי ליב!"

„אָבער ווער האָט דיך באַליידיקט?"—האָט דער סולטאַן ווידער געפרעגט.

האָט דער וויזיר זיך אָנגערופן:

„וויסן זאָלסטו, אָ, גרויסער מלך, אַז איך בין היינט געווען אויפן יריד פון די שקלאַפינס, ווייל איך האָב מיר געוואָלט קויפן אַ קיכמיידל. אָבער פּלוצלונג האָב איך דערזען אַזאַ שיינהייט, וואָס נאָך אַזאַ איינע האָב איך נישט געזען אין מיין גאַנץ לעבן, און דער מעקלער האָט מיר געזאָגט, אַז זי געהערט צו אַלי-נור-עד-דין. און אָט דאָ וועל איך דיר עפּיס דערמאָנען. אונזער לייטזעליקער סולטאַן האָט אַמאָל געגעבן צענטויזנט דוקאַטן דעם פאַרשטאָרבענעם וויזיר, דעם פאָטער פון אַלי-נור-עד-דין, ער זאָל דיר קויפן אַ שקלאַפין. איז ער אַוועק און געקויפט אַ

שקלאַפין, אָבער זי איז געווען אַזאַ שיינע שקלאַפין, אַז ער האָט באַשלאָסן אַוועקצוגעבן זי דעם זון. אַז דער פאָטער איז גע־שטאָרבן, האָט דער זון אָנגעהויבן פירן זייער אַ רייך און ברייט לעבן, אָבער אַזאַ אַרט לעבן האָט אים, נאַטירלאַך, דערפירט צו אַזאַ לאַגע, אַז ער האָט געמוזט פאַרקויפן דאָס הויז, דעם גאָרטן און בכלל אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמעגט. אינגיכן אָבער האָט ער זיך אויך געמוזט צושיידן מיט זיין שיינער שקלאַפין און אַרויספירן זי אויפן מאַרק צום פאַרקויפן, ווייל ער איז פשוט געשטאָרבן פון הונגער. דער מעקלער, וועמען ער האָט זי אי־בערגעגעבן צום פאַרקויפן, האָט זי פאָרגעלייגט די סוחרים און מען האָט אויפגעהויבן אַ פרייז ביז פירטויזנט דוקאַטן. האָב איך מיך בעת־מעשה אַ טראַכט געטאָן, אַז איך וועל זי אפשר קויפן פאַר מיין סולטאַן, וואָרום זי איז דאָך באַלד פון אָנהויב גע־קויפט געוואָרן פאַר אים. דעריבער האָב איך מיך אָנגערופן צו אַלי-נור-עד-דין: „נאַ דיר פירטויזנט דוקאַטן און גיב מיר די שקלאַפין.“ אָבער אַז ער האָט דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט ער ווילד אויסגעשריען: „אַך, דו אַלטער אויסוואורף! איך וועל זי גיכער פאַרקויפן אַ יודן אָדער אַ קריסט, איידער דיר!“ האָב איך מיך אָנגערופן: „אָבער איך קויף זי דאָך נישט פאַר מיר, נאָר פאַרן סולטאַן, פאַר אונזער לייטזעליקן מלך.“ איז ער נאָכמער צורייצט געוואָרן און איז מיך באַפאַלן ווי אַ ווילדע חיה. ער האָט מיך אַראָפגעשלעפט פון פערד און אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב, און נישט-געקוקט אויף מיינע גרויע האָר, האָט ער מיך דאָך גענומען שלאָגן אַזוי, אַז איך בין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלוט און אין וואונדן. אַזוי בין איך באַצאָלט געוואָרן דער־פאַר, ווייל איך האָב געוואָלט קויפן פאַר מיין סולטאַן אַ שקלאַפין.“

און דער וויזיר איז אַנידערגעפאַלן פאַר דעם סולטאַנס פיס און האָט געוויינט און געקלאָגט און זיך געצאַפּלט מיטן גאַנצן קערפער.

דערזען אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד עס געפינט זיך זיין וויזיר, האָט זיך איבער דעם סולטאַנס נאַז אויפגעהויבן אַן אָדערל פון גרימצאָרן און רציחה און ער האָט אַ קוק געטאָן צו די

הויפלייט, וואָס זייַנען געשטאַנען אַרום זיין טראָן. אין דער ער־שטער שורה זייַנען געשטאַנען פּערציק באַוואָפנטע לייט, צו וועלכע ער האָט זיך אָנגערופן:

„לאָזט זיך די מינוט אַוועק אינ׳ם הויז פון אַלי־נור־עד־דין, דער זון פון פאַדל, דער זון פון קאַקאַן און צעריבט און מאַכט אים חרוב דאָס הויז און ברייַנגט מיר אַהער אים און זיין שקלאַ־פין. איר זאָלט זיי שלעפּן מיט פאַרבונדענע הענט אויף הינטן און מיט די פּנימער איבער דער בלאָטע."

„מיר הערן און געדאָרכן,"—האָבן זיי ווי איין מענטש געזאָגט און זייַנען אַוועק צו אַלי־נור־עד־דינען אין הויז.

אין סולטאַנס הויף האָט זיך געפונען איינער אַ מאַן, וואָס האָט געהייסן אַלאַם־עד־דין־סענדזשאַר. אַמאָל איז ער געווען אַ דינער ביי פאַדל, דעם פאָטער פון אַלי־נור־עד־דין. און אָט, אַז דערדאָזיקער מאַן האָט דערהערט דעם סולטאַנס באַפעל און האָט דערזען, אַז מען וויל אומברייַנגען דעם זון פון זיין פריערדיקן האַר, איז ער באַלד אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין הייסן פערד און איז שנעל ווי אַ בליץ אַוועקגעלאָפן צו אַלי־נור־עד־דינס הויז, וואו ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. דעמאָלט האָט זיך באַוויזן אַלי־נור־עד־דין, און אַז ער האָט דערקענט דעם מאַן אויפן פערד, האָט ער זיך פאַרנייגט פאַר אים.

„אָ, אַלאַם־עד־דין, וואָס איז געשען?"—האָט אַלי־נור־עד־דין געפרעגט.

דעמאָלט האָט יענער שנעל אַרויסגעזאָגט:

„אַנטלויף וואָס גיכער און נעם־מיט די שקלאַפין, ווארום דער וויזיר על־מאָ׳און, דער זון פון סאַוויע, האָט דיך פאַרמסרט פאַרן סולטאַן, און אויב דו וועסט מאַכן לאַנגע הכנות, וועסטו זיכער אומקומען. פערציק מאַן פון זיין חיל האָט דער סולטאַן אַרויס־געשיקט צו דיר, און איך הייס דיך וואָס גיכער אַנטלויפן".

און אַלאַם־עד־דין האָט אויסגעצויגן אַלי־נור־עד־דינען די האַנט, אין וועלכער עס זייַנען געלעגן פערציק גאָלדשטיק, און האָט געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, נעם עס צו. ווען איך וואָלט געהאַט מער,

וואָלט איך זיכער מער געגעבן. אָבער מאַך עס שנעל, וואָרום איצט איז נישט די צייט צו ריידן און פאַרברייגגען."

איז אַלי-נור-עד-דין באַלד אַוועק צו זיין שקלאַפין, וועלכער ער האָט מיטגעטיילט פון אַלץ און זי האָט זיך זייער געערגערט דערפון. אָבער זי האָט גאָרנישט גערעדט, זיך אויפגעהויבן און יעדע זיינען אַרויס פון דער שטאָט, און אַלאַ האָט אַראָפּגעלאָזט איבער זיי זיין שלייער פון שוץ און זיי זיינען געקומען צו אַ טייך, וואו זיי האָבן דערזען אַ שיף מיט אָנגעבלאָזענע זעגל, גרייט אַוועקצושווימען, און דער שיפסקאַפּיטאַן האָט געזאָגט:

„ווער עס וויל זיך זעגענען, זאָל זיך זעגענען. ווער עס וויל עפּיס איינקויפן, זאָל איינקויפן, וואָרום מיר לאָזן שוין די שיף."

אָבער אַלע האָבן געענטפערט:

„מיר זיינען גרייט און פאַרטיק".

דעמאָלט האָט דער שיפסקאַפּיטאַן געזאָגט צו זיינע לייט:

„ציט-אָן די שטריק אויפן מאַסטבוים. מיר פאָרן-אַוועק."

„וואוהין פאָרט איר?"—האָט אים אַלי-נור-עד-דין אַ פרעג געטאָן.

און דער שיפסקאַפּיטאַן האָט געזאָגט:

„אין דער נעסט פון דער וועלט—אין באַגדאַד."

האָט זיך אַלי-נור-עד-דין מיט זיין שקלאַפין אַריינגעזעצט אין שיף, וואָס באַלד, ווי זי איז נאָר אָפּגעשוואומען פון ברעג, איז זי לייכט אַוועק איבערן וואַסער, ווי אַ פויגל מיט פאַנאַנדערגעלאָזטע פליגלען. אין דער אייגענער צייט זיינען די פערציק קריגסלייט, וואָס דער סולטאַן האָט אַרויסגעשיקט, געקומען צו אַלי-נור-עד-דינס הויז, אויסגעבראָכן די טיר און באַזוכט און באַקוקט דאָס גאַנצע הויז, אָבער זיי האָבן גאָרנישט געפונען. נאָכדעם, ווי זיי האָבן פאַנאַנדערגעוואָרפן דאָס הויז, זיינען זיי געקומען צוריק אין פאַלאַץ אַריין און מיטגעטיילט דעם סולטאַן, אַז זיי האָבן קיינעם נישט געפונען, אָבער דער סולטאַן האָט זיך אָנגערופן:

„גייט און זוכט אומעטום, וואו איר קאָנט נאָר זוכן."
און זיי האָבן געענטפערט:
„מיר הערן און געהאָרכן."
דער וויזיר על-מאַ'און, דער זון פון סאַוויע, איז אַוועק אַהיים און דער סולטאַן האָט אים געשיינקט ערנקליידער.
„איך וועל אַליין נקמה נעמען פאַר דיר,"—האָט אים דער סולטאַן באַמערקט.
האָט דער וויזיר תפילה-געטאָן פאַרן סולטאַן און זיין האַרץ איז באַרוהיקט געוואָרן.
און דער סולטאַן האָט געהייסן אויסרופן איבערן שטאָט דידאָזיקע ווערטער:
„עולם! אונזער מלך האָט באַפוילן, אַז דער, וואָס וועט אָנבאַגעגענען אַלי-נור-עד-דין, זאָל ער אים תיכף ברייגנען אין פאַלאַץ צום סולטאַן און דערפאַר וועט דערדאָזיקער באַלוינט ווערן מיט ערנקליידער און מיט טויזנט גאָלדשטיק. אָבער דער, וואָס וועט אים אויסבאַהאַלטן אָדער ער וועט וויסן, וואו ער געפינט זיך און וועט אים נישט אַרויסגעבן, וועט באַשטראָפט ווערן אויפן געהעריקן אופן."
דערהערט דעמדאָזיקן אויפרוף, האָבן אים גרויס און קליין גענומען אַרומזוכן, אָבער קיינער האָט אים נישט געקאָנט געפינען, וואָרום אַלי-נור-עד-דין און זיין שקלאַפין זיינען בשלום געקומען אין דער שטאָט באַגדאַד, וואו דער שיפסקאַפּיטאַן האָט זיך אָנגערופן צו זיי:
„נו, אָט איז באַגדאַד, די שטאָט, וואָס איז אויסער יעדער געפאַר. דער ווינטער מיט זיינע פרעסט איז אַוועק. דער פרילינג מיט זיינע רויזן איז געקומען, די ביימער בליען און פרייליך לויפן די וואַסערן אין די טייכן."
אַלי-נור-עד-דין איז אַראָפּ מיט זיין שקלאַפין אויפן ברעג און האָט באַצאָלט פאַר דער וואַסער-נסיעה פינף דוקאַטן. לאַנגזאַם און פאַוואָליע איז ער אַוועק מיט זיין שקלאַפין פון ברעג און שטיל האָבן ביידע גערעדט און פאַרטיפט זיינען זיי געווען אין זייערע געדאַנקען ביז זיי זיינען געקומען אין אַ וואונדער-

לאַבן גאָרטן און דאָרט האָבן זיי דערזען זייער אַ שיין ווינקעלע מיט אַ סך לאַנגע בענק און מיט אַ שיטערן דאַך אין דער הויך און מיט קלאָרע וואַסערלאַך אין געשליפֿענע וואַזעס... געענדיקט האָט זיך דאָסדאָזיקע ווינקעלע מיט אַ פֿאַרקאַן און אין פֿאַרקאַן איז געווען אַ טיר, אָבער אויף דער טיר איז געהאַנגען אַ שלאָס.

„ביי גאָט,—האָט אַלי-נור-עד-דין אויסגעשריען,—דאָס איז אַ וואונדערלאַך ווינקעלע.‟

און על-דזשעליס האָט אַ מידע געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, לאָמיר זיך אַנידערזעצן אויף דידאָזיקע בענקלאַך.‟

האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט, אויסגעוואַשן זיך דאָס פּנים און די הענט און זיך צוגעהערט צו דעם שפּילן קלאַנג פֿון וואַסער און צו דעם מחיהדיקן ווינטעלע, וואָס האָט זיי געגלעט די האָר, ביז זיי זיינען איינגעשלאָפֿן.

דערדאָזיקער גאָרטן האָט געהייסן **דער גאָרטן פֿון עקסטאַז** און דער פּאַלאַץ, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט געהייסן דער פֿאַרוויילונגספּאַלאַץ און האָט געהערט צו דעם קאַליף האַרון-אַל-ראַשיד. אין דעמדאָזיקן גאָרטן און דעמדאָזיקן פּאַלאַץ פֿלעגט דער קאַליף קומען פֿאַרברייינגען און דאָ פֿלעגט ער אויך אָפּרוען פֿון אַרבעט און זאָרג. די פֿענסטער פֿון פּאַלאַץ זיינען געווען הויכע און דער זאַל איז באַלויכטן געוואָרן מיט אַכציק לאָמפּן, וואָס זיינען געהאַנגען אין אַ קרייז. אינמיטן איז געשטאַנען אַ הויכער גאָלדענער קאַנדעלאַבר. אַז דער קאַליף פֿלעגט קומען אין פּאַלאַץ, פֿלעגט ער הייסן זיינע שקלאַפֿינס פֿאַנאַנדערעפֿענען אַלע פֿענסטער און זיין טרינקקאַמעראַד איס-האַק פֿלעגט ער הייסן זינגען מיט די שקלאַפֿינס—זיין האַרץ זאָל ווייכער ווערן און די זאָרגן זאָלן באַרוהיקט ווערן. דער גאָרטנ-אויפֿזעער איז געווען אַן אַלטער שייך, וואָס האָט געהייסן אי-בראַהים. טיילמאָל פֿלעגט דערדאָזיקער איבראַהים פֿאַרלאָזן דעם גאָרטן אויף עטלאַכע שעה צייט, אָבער אַז ער פֿלעגט דערנאָך טרעפֿן אין גאָרטן אומבאַקאַנטע מאַנסלייט, וואָס פֿלעגן זיך פֿאַר-באָרגן אונטער די ביימער מיט פֿאַרדעכטיקע פֿרויען, פֿלעגט ער

אריינפאַלן אין גרויס גרימצאָרן און פלעגט באַלד וועגן דעם מיטטיילן דעם קאַליף, און דער קאַליף פלעגט זאָגן:

„טו מיט זיי, וואָס דו ווילסט, אָבער שאַנעווע זיי נישט."

אין דעמדאָזיקן טאָג, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט, איז אויך דער אַלטער שייך נישט געווען אין גאָרטן עטלאַכע שעה צייט, אָבער אַז ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט ער געפונען אויף אַ באַנק צוויי שלאָפנדיקע מענטשן, באַדעקט מיט איין איזאַר, און דער אַלטער שייך האָט אַרויסגעוואָרטשעט:

„דידאָזיקע לייט ווייסן נאָך אַלץ נישט, אַז דער קאַליף האָט מיר געגעבן דאָס רעכט צו דערהרגענען זיי. די וועל איך דערווייל נישט טויטן, נאָר אַזוי אָנשלאָגן."

און דער אַלטער שייך האָט אַראָפּגעריסן אַ פּאַלמענצווייגל, פאַרקאַטשעט די אַרבל און אויפגעהויבן די האַנט, אָבער אין דער אייגענער מינוט האָט ער דערשפּירט די לאַסט פון אַ נייער מחשבה און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט.

„אָ, איבראַהאַם,—האָט ער געטראַכט,—ווי אַזוי קאָנסטו שלאָגן מענטשן, ווען דו ווייסט נישט גענוי זייער לאַגע? אפשר זיינען זיי אויסלענדער אָדער קינדער פון וועג*), וואָס אַ צופאַל האָט זיי געבראַכט אַהער? וועל איך גלייכער אָפדעקן זיי די געזיכטער און זען, וואָס זיינען עס פאַר אַ פאַרשוינען."

און ער האָט פּאַוואָליע זיך אָנגעבויגן, אויפגעדעקט זיי די געזיכטער און אַ קוק געטאָן אויף זיי.

„אַך, ווי שיין זיי זיינען,—האָט איבראַהים אַ זאָג געטאָן פאַר זיך,—אַז מען זאָל זיי וועלן שלאָגן, קאָן מען אויך נישט."

און ער האָט זיי פון דאָסניי באַדעקט מיטן איזאַר און איז צוגעגאַנגען דערנאָך צו אַלי-נור-עד-דינס פיס און פּאַוואָליע זיי גענומען קראַצן. האָט אַלי-נור-עד-דין געעפנט די אויגן, אָבער אַז ער האָט דערזען, אַז דער אַלטער שייך קראַצט אים די פיס, איז ער רויט געוואָרן, זיך פאַרשעמט, און האָט זיך אַנידערגע-

*) אונטער דעמדאָזיקן אויסדרוק ווערן געמיינט פשוטע רייזנדער.

זעצט און באַלד דערויף האָט ער גענומען דעם אַלטנס האַנט און האָט זי אַ קוש געטאָן.

„אָ, מיין זון,—האָט דער אַלטער געזאָגט,—פון וואַנען קומסטו אַהער?"

און אַלי-נור-עד-דין האָט געענטפערט:

„אָ, מיין האַר, מיר זיינען אויסלענדער."

און אַלי-נור-עד-דין האָט זיך צעוויינט.

האָט זיך דער אַלטער שייך אָנגערופן:

„אָ, מיין זון! זאָלסטו וויסן, אַז אונזער נביא (גאָטס ברכה זאָל רוען אויף זיין קאָפּ) האָט זיך שטענדיק גרויסמוטיג באַצויגן צו מענטשן פון אַ פרעמד לאַנד. אויב דו ווילסט, הויב דיך אויף און גיי-אַריין טיפער אין גאָרטן."

„אָ, מיין האַר!—האָט אַלי-נור-עד-דין געפרעגט,—צו וועמען געהערט דערדאָזיקער גאָרטן?"

האָט דער שייך געזאָגט:

„דעמדאָזיקן גאָרטן האָב איך באַקומען בירושה."

דער אַלטער שייך האָט אַזוי געזאָגט, כּדי די אויסלענדער זאָלן זיך פילן נישט-באַצוואונגען. אַלי-נור-עד-דין האָט אים, נאַטירלאַך, זייער האַרציק באַדאַנקט, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן צוזאַמען מיט זיין שקלאַפין, און דער אַלטער שייך האָט זיי אַוועקגעפירט טיפער אין גאָרטן און געעפנט פאַר זיי דאָס טירל אין פּאַרקאַן. איבערן טירל איז געהאַנגען אַ געפלעכט פון פאַרשידענע וויינטרויבן: רויטע, ווי רובינען און שוואַרצע, ווי שוואַרץ האָלץ. אַלע דריי זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ געדעקטער אַלייע, באַזעצט מיט פאַרשידענע פרוכטביימער און קוסטעס און אויף די צווייגן זיינען געזעסן פאַרשידענע פייגל. זיס האָט געזונגען די נאַכטיגאַל, שטיל האָבן געוואָרקעט טויבן און דער שוואַרצער דראָסעל האָט געזונגען ווי אַ לעבעדיקער מענטש. די אַלע פירות, וואָס זיינען געהאַנגען אויף די ביימער, זיינען שוין געווען צייטיק. צו צוויי ביימער זיינען געווען פון יעדן מין; צוויי ביימער מיט קאַמפאָרישע אַבריקאָסן, צוויי ביימער מיט מאַנדל-אַבריקאָסן און צוויי ביימער מיט קוראַזאַנישע אַבריקאָסן; די פלוי-

מען האָבן געהאַט דעם צאַרטן פאַרב פון אַ מענטשלאַכן לייב און די קאַרשן זיינען געווען רויט, ווי וואַרים בלוט; די פייגן האָבן געהאַט עטלאַכע מערקווירדיקע פאַרבן: רויט, ווייס און גרין. די בלומען האָבן אַרויסגעלויכטן פון גרינעם געלעגער, ווי פערל און קאָראַלן און די רויזן האָבן קאָנקורירט מיט פרישע בעקלאַך פון שיינע פרויען. דאָרט זיינען געווען מייבלומען און מירטן און לעווקאָניעס און לאַווענדן און אַנעמאָנען און זיי אַלע זיינען באַדעקט געווען מיט די צאַרטע טרערן פון טוי. די ראַמאַשקעס האָבן געשמייכלט און באַוויזן זייערע ווייסע ציין און די נאַר-ציסן האָבן געקוקט מיט זייערע טונקעלע פאַרליבטע אויגן אויף די רויזן. אַפּעלסינעס זיינען געווען ענלאַך צו פלאַמענדיקע קוילן און די לימאָנען—צו גאָלד. די גאַנצע ערד איז געווען אַ ווייך גע-לעגער פון בלומען און אין לופטן האָט געשמעקט מיט פרילינג. דאָס טייכל האָט שטיל געברומט אונטער די לידער פון פייגל און אַ ווינטל האָט צאַרט באַוועגט די צווייגן פון דיביימער. עס איז געווען מעסיק הייס, און דאָס אייגענע ווינטעלע האָט צאַרט געקושט די באַק.

דער שייך איבראַהים האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ הויך באַסטצימער און די געסט זיינען פאַרכשופט געוואָרן פון די זעל-טענע שניצונגען און געמעלדן. אַלי-נור-עד-דין האָט זיך אַנידער-געזעצט ביים פענסטער און האָט אויסגעשריען:

„ביי גאָט, דאָ איז אַזוי גוט, אַז מיר פעלן ווערטער, מיט וועלכע איך וואָלט געקאָנט אָפּגעבן אַ שבח דעמדאָזיקן אָרט.“

דער שייך איבראַהים האָט געשטעלט פאַר זיי טייערע גע-ריכטן און אַלע דריי האָבן לאַנג און מיט אַפּעטיט געגעסן. דערנאָך האָט מען צעוואַשן די הענט, און אַלי-נור-עד-דין האָט זיך פון דאָסניי אַנידערגעזעצט ביים פענסטער. ער האָט צוגע-רופן זיין שקלאַפין און ביידע האָבן מיט ליכטיקע אויגן געקוקט אויף די ביימער, וואָס זיינען געווען שווער באַלאָדן מיט צייטי-קע פירות.

„אָ שייך,—האָט זיך אַלי-נור-עד-דין אָנגערופן,—איך וויל

טרינקען. דו מוזט, וואַרשיינלאַך, וויסן, אַז אַלע מענטשן טרינקען נאָכן עסן."

האָט אים דער אַלטער שייך געבראַכט קאַלט זיס וואַסער, אָבער אַלי-נור-עד-דין האָט געזאָגט:

„איך וואָלט געוואָלט טרינקען עפּיס אַנדערש."

האָט דער שייך געפרעגט:

„ווילסטו וויין?"

„יאָ,"—האָט אַלי-נור-עד-דין געזאָגט.

„אויסהיטן זאָל מיך אַלאַ!—האָט דער אַלטער שייך אַ געשריי געטאָן,—דרייסיק יאָר האָב איך נישט פאַרזוכט קיין וויין, ווייל דער נביא (גאָטס ברכה זאָל רוען אויף זיין קאָפּ) האָט פאַרשאָלטן די-יעניקע, וואָס טרינקען אים און אויך די-יעניקע, וואָס מאַכן אים."

„אָבער הערך נאָר,—האָט אַלי-נור-עד-דין געבעטן,—איך וועל דיר זאָגן צוויי ווערטער."

„נו, רייד,"—האָט דער שייך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

האָט אַלי-נור-עד-דין געזאָגט:

„אויב דו וועסט נישט מאַכן קיין וויין און נישט טרינקען קיין וויין און נישט בריינגען קיין וויין, וועט אויך פאַלן אויף דיין קאָפּ דעם נביאס קללה?"

„ניין,"—האָט געענטפערט דער שייך.

„נו, אויב אַזוי,—האָט זיך אַלי-נור-עד-דין אָנגערופן,—טאָ נעם דאָסדאָזיקע גאָלדשטיק און דידאָזיקע צוויי זילבערשטיק און זעץ דיך אַוועק אויף דיין מוילאייזל און פאָר אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט אָנטרעפן אַזאַ מענטשן, וואָס וואָלט געקאָנט קויפן וויין, אַז דו וועסט אים געבן דאָס געלט, זאָלסט אים זאָגן: פאַר דאָסדאָזיקע גאָלדשטיק קויף מיר וויין, און לייג-אַוועק דאָס געלט אויפן מוילאייזל. אויף אַזאַ אופן וועסטו נישט בריינגען קיין וויין, נישט מאַכן קיין וויין און נישט קויפן קיין וויין און דעם נביאס קללה וועט נישט פאַלן אויף דיר."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער שייך איבראַהים צולאַכט און געזאָגט:

„ביי גאָט, איך האָב נאָך נישט געטראָפן אַ מענטשן, וואָס זאָל זיין שאַרפזיניקער פון דיר און איך האָב קיינמאָל נישט געהערט קיין זיסערע ווערטער פון די, וואָס פאַלן דיר פון דער צונג.״

האָט אַלי־נור־עד־דין געזאָגט:

„מור זיינען דיינע געסט, באַדאַרפסטו צופרידענצושטעלן אונזערע פאַרלאַנגען און דעריבער באַדאַרפסטו אונז ברייגנען דאָס, וואָס מיר בעטן.״

„אָ, מיין זון,—האָט דער שייך אויפגעהויבן די אויגן און צושפרייט די הענט,—אָט איז מיין צימערל, וואו עס געפינען זיך אַלע גוטע זאַכן (דידאָזיקע זאַכן זיינען געווען צוגעגרייט פאַרן קאַליף), טאָ גיי אַריין און נעם דיר דאָרט, וואָס דו ווילסט.״

איז אַלי-נור-עד-דין אַריין אין צימערל, וואו ער האָט דערזען געפעסן פון גאָלד און זילבער. דערביי זיינען געשטאַנען פלעשער און ליימענע קרוגן, אָנגעפילט מיט די בעסטע ווייַנען, האָט ער גענומען עטלאַכע פלעשער וויין און אַריינגעטראָגן זיי אין גאַסטצימער, און דאָ האָט ער זיך אַוועקגעזעצט מיט זיין שקלאַפין און גענומען טרינקען. דער שייך האָט זיי געבראַכט בלומען און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין דער זייט. אָבער אַלי-נור-עד-דין מיט זיין שקלאַפין האָבן אַזוי לאַנג געטרונקען דעמדאָזיקן טייערן וויין, ביז זיי זיינען שכור געוואָרן. די באַקן האָבן זיי געברענט, די אויגן זיי׳נען רויט געוואָרן און די האָר זיינען צופאַלן איבערן קאָפּ. דעמאָלט האָט דער שייך זיך אָנגערופן:

„פאַרוואָס זיץ איך עפּיס אַזוי ווייט פון אייך? שוין־זשע קאָן איך נישט זיצן מיט אייך צוזאַמען? נישט אַזוי גיך וועל איך פון דאָסניי געפינען אַזוינע צוויי העלע לבנות.״

און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן זיי און אַלי-נור-עד-דין האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַר, איך בעט דיך, דערנענטער זיך נאָכמער צו אונז און טו דאָס, וואָס מיר טוען.״

האָט אַלי-נור-עד-דין אָנגעגאָסן אַ בעכער ווײַן, אַ קוק געטאָן אויפן שייך און געזאָגט:

„טרינק-אויס, ווײַסטו ווײסן, ווי פײַן עס שמעקט דער ווײַן.“

אָבער דער שייך איבראַהים האָט אויסגעשריען:

„אויסהיטן זאָל אַלאַ! דרײַסיק יאָר האָב איך נישט פאַרזוכט קיין ווײַן.“

האָט אַלי-נור-עד-דין אַליין אויסגעטרונקען דעם ווײַן און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, פונקט ווי ער וואָלט זײַן זייער שכור.

באַלד דערויף האָט עניס-על-דזשעליס אַ קוק געטאָן אויפן שייך און געזאָגט:

„אָ, שייך איבראַהים! דו זעסט, ווי דערדאָזיקער מאַן באַהאַנדלט מיך?“

האָט דער שייך זיך אָנגערופן:

„אָ, מײַן האַרין, זאָג מיר, וואָס איז עס פאַר אַ מענטש?“

האָט עניס-על-דזשעליס געזאָגט:

„שטענדיק באַגייט ער זיך מיט מיר אַזוי: פריער טרינקט ער זיך אָן און דערנאָך שלאָפט ער אײַן, און איך באַדאַרף זיצן און טרינקען אַליין. עס איז צומאָל נישטאָ, ווער עס זאָל מיר אָנגיסן דעם בעכער, און ווען איך וואָלט געוואָלט זינגען, איז אפילו נישטאָ, ווער עס זאָל מיך הערן.“

האָבן דידאָזיקע ווערטער זייער גערירט דעם שייך, און ער האָט געזאָגט:

„יאָ, דאָס איז פאַר דיר נישט קיין מאַן.“

האָט עניס-על-דזשעליס אָנגעגאָסן אַ בעכער מיט ווײַן, אויפגעהויבן די אויגן צום שייך און געזאָגט:

„איך בעט דיך מיט מײַן לעבן, זאָג דיך נישט אָפּ, נעם דעם בעכער פון מײַנע הענט און טרינק-אויס.“

האָט דער אַלטער אויסגעצויגן די האַנט, גענומען דעם בעכער און אויסגעטרינקען, אָבער עניס-על-דזשעליס האָט אים פון דאָסניי אָנגעגאָסן און ווידער דערלאַנגט מיט דידאָזיקע ווערטער:

„אָ, מיין האַר, דאָס איז פאַר דיר!"

„ביי גאָט,—האָט דער שייך זיך גענומען בעטן,—איך קאָן מער נישט טרינקען. פאַר מיר איז גענוג דאָס, וואָס איך האָב אויסגעטרונקען."

אָבער זי האָט זיך נענטער צוגערוקט צו אים און געזאָגט:

„דו מוזט טרינקען, לאָז נישט פאַלן אומזיסט מיינע ווערטער."

נאָכדעם האָט זי אים דערלאַנגט אַ דריטן בעכער און ער האָט אים באַלד אויסגעטרונקען אָן ווערטער. אָבער פלוצלונג האָט זיך אַלי-נור-עד-דין אויפגעהויבן און געזאָגט:

„אָ, שייך איבראַהים, וואָס האָסטו געטאָן? אַז איך האָב דיר פאַרגעלייגט ווײַן האָסטו זיך אָפּגעזאָגט און געטענהט, אַז דרייסיק יאָר ווי דו האָסט אים אין דיין מויל נישט געהאַט."

האָט זיך דער שייך איבראַהים פאַרשעמט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

„ביי גאָט,—האָט ער געזאָגט,—איך בין נישט שולדיק. דאָס האָט זי מיך געצוואונגען דערצו."

האָט אַלי-נור-עד-דין זיך צולאַכט און נאָכדעם האָבן אַלע דריי אַזוי לאַנג געטרונקען, ביז עניס-על-דושעליס האָט זיך אָנגערופן צו אַלי-נור-עד-דין:

„אָ, מיין האַר, טרינק בעסער אַליין און צווינג נישט צו טרינקען דעם אַלטן שייך איבראַהים. זאָל ער פאַרברייגגען מיט אונז אָן ווײַן."

און זי האָט גענומען פון דאָסניי טרינקען מיט אַלי-נור-עד-דין און ביידע האָבן אַזוי לאַנג אויסגעליידיקט און אָנגעגאָסן די ווײַנבעכער, ביז דער שייך איבראַהים, וואָס האָט לאַנג געקוקט, ווי זיי טרינקען, האָט זיך אָנגערופן:

„ביי גאָט, דאָס זעט מיר אויס אויסטערליש. איר טרינקט און איך קוק מיר נאָר צו. פאַרוואָס זאָל איך אויך נישט טרינקען מיט אייך?"

האָט זיך אַלי-נור-עד-דין מיט זיין שקלאַפין צולאַכט און דערנאָך האָבן זיי אים אָנגעגאָסן ווײַן און אַלע דריי האָבן גע-

טרונקען אַזוי לאַנג, ביז עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ דריטל נאַכט. דעמאָלט האָט עניס-על-דזשעליס געזאָגט:

„אָ, שייך איבראַהים, דערלויב מיך זיך אויפצוהויבן און אָנצוצינדן איינס פון די אַריינגעשטעלטע ליכט.”

האָט דער שייך געזאָגט:

„הויב דיך אויף, אָבער מער ווי איין ליכט זאָלסטו נישט אָנצינדן.”

האָט זי זיך שנעל אויפגעהויבן און אָנגעצונדן פריער איין ליכט, דערנאָך אַ צווייט, אַ דריט, ביז זי האָט אָנגעצונדן אַלע אַכציק ליכט און זיך צוריק אַנידערגעזעצט אויף איר אָרט. אַז אַלי-נור-עד-דין האָט דערזען די אָנגעצונדענע ליכט, האָט ער זיך אָנגערופן צום שייך:

„אָ, שייך איבראַהים, שוין-זשע וועסטו מיר פאַרבאָטן אָנ-צוצינדן כאָטש איין לאָמפּ?”

האָט דער אַלטער געזאָגט:

„הויב דיך אויף און צינד-אָן איין לאָמפּ, אָבער דערווי-דער מיר נישט מער מיט דיינע בקשות.”

איז אַלי-נור-עד-דין אויפגעשטאַנען און אָנגעצונדן פריער דעם ערשטן לאָמפּ, דערנאָך אַ צווייטן, אַ דריטן, ביז ער האָט אָנגעצונדן אַלע אַכציק לאָמפּן און דער זאַל האָט געבלענדט פון ליכט און שיין. דעמאָלט האָט דער שייך, וואָס איז שוין געווען אַ רעכט ביסל שכורלאַך, זיך אָנגערופן:

„יאָ, איך מוז אָנדערקענען, אַז איר האָט ליב צו הוליען, נאָכמער ווי איך.”

און באַלד דערויף האָט ער זיך אויפגעהויבן און פאַנאַנ-דערגעעפנט אַלע פענסטער און דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגע-זעצט נעבן זיי און ווייטער געטרונקען און דעקלאַמירט און זיך משמח־געווען ביז דער העכסטער מדרגה.

אָבער דער אַלמעכטיקער גאָט, וואָס זעט אַלץ און ווייס אַלץ, האָט גראָד געוואָלט אַזוי, אַז דער קאַליף זאָל אין דער-דאָזיקער לבנה-נאַכט זיצן ביי די פענסטער, וואָס איז אויסגעקו-מען צו דעם טייך טיגער. און אויף דער אויבערפלאַך פון דעמ-

דאָזיקן טייך האָט דער קאַליף דערזען דעם אָפּשיין פון לאָמפּן און ליכט און ער האָט אויסגעשריען:

„ברענגט מיר אַהער דעם וויזיר דזשאַפאַר-על-מאַרמעקי!"

און אין אויגנבליק צייט איז שוין דזשאַפאַר געשטאַנען פאַרן מלך פון די רעכטגלויביקע, וואָס האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

„אָך, דו הינטישער וויזיר, אַזוי ביזטו מיר געטריי און אַזוי דינסטו מיר, אַז דו ווייסט גאָר אפילו נישט, וואָס עס ווערט געטאָן אין דער שטאָט באַגדאַד?"

האָט דזשאַפאַר באַשיידן אַ פרעג געטאָן:

„אָ, מלך פון די רעכטגלויביקע, וואָס באַדייטן דידאָזיקע ווערטער?"

האָט אים דער קאַליף שטריינג אָנגעקוקט און געזאָגט:

„ווען די שטאָט באַגדאַד וואָלט נישט אָפּגענומען געוואָרן פון מיר, וואָלט דער פאַרוויילונגספּאַלאַץ נישט באַלויכטן געוואָרן דורך לאָמפּן און ליכט. ווי צו דיר! אויב דאָס איז געטאָן געוואָרן, בין איך שוין מסתמא קיין קאַליף נישט מער."

האָט דזשאַפאַר גענומען ציטערן אויפן גאַנצן לייב און ער האָט קוים אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע ווערטער:

„ווער האָט דיר מיטגעטיילט, אַז אין פאַרוויילונגספּאַלאַץ זיינען אָנגעצונדן געוואָרן לאָמפּן און ליכט?"

„גיי-צו צום פענסטער, וועסטו זען,"—האָט דער קאַליף געזאָגט.

איז דער וויזיר צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט דערזען, אַז דער פּאַלאַץ איז פאַרגאָסן מיט פייערן, און זיין ליכט שטייגט-איבער דעם שיין פון דער לבנה. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער שולדיקער מוז דאָ זיין דער שייך איבראַהים, און ער האָט זיך אָנגערופן צום קאַליף מיט דער כונה צו פאַרגלעטן דעם שייכס עולה:

„אָ, מלך פון די רעכטגלויביקע! מיט אַ וואָך צוריק האָט דער שייך מיר געזאָגט: „אָ, מיין האַר דזשאַפאַר, איך וויל ברענגען אין פּאַלאַץ מיינע קינדער און זיך עטוואָס משמח-זיין, כל-

זמן איך לעב נאָך און מיין קאַליף לעבט נאָך. איך וויל אָבער, דו זאָלסט אויסבעטן אַן ערלויבניש ביים קאַליף דערויף. פאַר איינוועגס וועל איך שוין אויך מל-זיין מיין זון און פראַוועון זיין ברית אין פּאַלאַץ.״ האָב איך עס אים דערלויבט, אָבער איך האָב פאַרגעסן מיטצוטיילן דיר וועגן דעם.״

האָט דער קאַליף געזאָגט:

„אָ, דזשאַפּאַר, דו האָסט זיך פאַרשולדיקט געגן מיר אין צוויי זאַכן: ערשטנס, האָסטו מיר נישט מיטגעטיילט וועגן דעם און, צווייטנס, האָסטו נישט דערפילט דעם שייך איבראַהימס באַגער, וואָרום אויב דער שייך איז געקומען צו דיר מיט דידאָזיקע ווערטער, וועלכע דו האָסט מיר דאָ איבערגעגעבן, האָט ער מסתמא געוואָלט, איך זאָל אים קומען צו-הילף. אָבער דו האָסט מיר גאָרנישט מיטגעטיילט און איך האָב אים נישט געהאָלפן״.

„אָ, מלך פון די רעכטגלויביקע,—האָט דזשאַפּאַר בלויז געענטפערט,—איך האָב פאַרגעסן.״

„איך שווער ביי מיינע עלטערן,—האָט זיך אָנגערופן דער קאַליף,—אַז די לעצטע עטלאַכע שעה פון דער נאַכט וועל איך פאַרברענגען מיט זיי, וואָרום דער שייך איז אַ מענטש אַן עהרלאַכער און האָט ליב צו פאַרהעלפן אָרימע און אומגליקלאַכע. היינט באַזוכן אים, וואַרשיינלאַך, זיינע באַקאַנטע און פריינט, וויל איך מיך אויך געפינען צווישן זיי. אפשר וועט עמיץ פון זיינע געסט שיין און גוט מתפלל-זיין פאַר מיין לעבן דאָ אויף דער וועלט און דערנאָך אויף יענער, אָדער אפשר וועט מיין קומען סתם פאַרשאַפן עמיצן גליק און תענוג.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דזשאַפּאַר אָנגערופן:

„אָ, גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע, די נאַכט איז דאָך שוין באַלד אַוועק און די געסט האָבן שוין מסתמא פאַרלאָזט דעם פּאַלאַץ.״

אָבער דער קאַליף האָט קורץ געזאָגט:

„מיר גייען אַהין.״

איז דזשאַפּאַר אַנטשוויגן געוואָרן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן אַ פאַרשעמטער און נישט געוואוסט, וואָס מען טוט. אָבער דער

קאַליף האָט זיך שנעל אויפגעהויבן און דזשאַפּאַר איז אַוועק נאָך אים און דאָס אייגענע האָט אויך געטאָן דער האַרעמדינער מעסרור. שטיל, אָן ווערטער, און פאַרקליידט פאַר פשוטע סוחרים זיינען זיי זאַלבעדריט אַרויס פון פּאַלאַץ און אַוועק איבער די גאַסן ביז זיי זיינען געקומען צו דער טיר פון גאָרטן, וואו עס איז געשטאַנען דער פאַרוויילונגספּאַלאַץ. אָבער דאָ האָט דער קאַליף דערזען, אַז די טיר איז אָפן, האָט עס אים זייער געוואונדערט און ער האָט געזאָגט:

אָ, דזשאַפּאַר, איך וואָלט זיי געוואָלט זען אומבאַמערקטערהייט. איך וואָלט געוואָלט אַ קוק טאָן, ווי אַזוי פאַרברייינגען שייכן די צייט און ווי אַזוי פאַרווענדן זיי זייערע פעהיקייטן. דידאָזיקע לייט צייכענען זיך אויס מיט אַ סך מעלות. אָבער מיר הערן גאָרנישט זייערע שטימען און מיר דאַכט זיך, אַז קיינער איז דאָרט נישטאָ.״

דער קאַליף האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט דערזען אַ נוסבוים.

„אָ, דזשאַפּאַר,—האָט ער זיך תיכף אָנגערופן,—איך וואָלט געוואָלט אַרויפקריכן אויף דעמדאָזיקן בוים, וואָרום זיינע צווייגן דערגרייכן ביז צו די פענסטער פון פּאַלאַץ.״

און פּאַמעלאַך, פאָרזיכטיק, פון צווייג צו צווייג, איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן נוסבוים און זיך אַנידערגעזעצט קעגן אַ פענסטער און גענומען קוקן אין פּאַלאַץ אַריין. און דאָרט האָט ער דערזען אַ יונגפרוי און אַ יונגנמאַן, וואָס זיינען געווען שיין ווי די העלע לבנה (געבענטשט און געלויבט זאָל זיין דער שעפער זייערער) און נעבן זיי איז געזעסן דער שייך איבראַהים.

„אָ, דו קעניגין פון רייץ,—האָט זיך דער אַלטער איבראַהים אָנגערופן,—טרינקען וויין און דערביי נישט הערן קיין פריילאַכע לידער איז נישט קיין באַקוועמע זאַך. ווייסטו דען נישט, וואָס דער דיכטער האָט געזאָגט:

דער בעכער זאָל די ליפּן אונז באַרירן,
און טרינקט דעם וויין מיט לידער און געזאַנג,
און זאָל אייך יעדער שכור דאָ דערמאָנען

די שיינע, ליבע הערלאַכע לבנה.
נאָר טרינקט דעם וויין נישט לאַנגווייליק—מיט לידער.
איר ווייסט דאָך, אַז אויך פערד, בשעת זיי טרינקען,
דאַן הערן זיי דעם פייף פון וואַסערגעבער.

אַז דער קאַליף האָט דערזען, ווי אַזוי עס פירט זיך אויף דער אַלטער איבראַהים, איז ער זייער בייז געוואָרן און אָנגעבלאָזענער אָדער האָט זיך אים באַוויזן אויפן שטערן און ער איז אַראָפּ פון בוים און זיך אָנגערופן צו דזשאַפאַרן:

„אָ, דזשאַפאַר! איך האָב נאָך אין מיין לעבנסטאָג נישט געזען אַזאַ שרעקלאַכע פאַרוואַנדלונג פון אַ צדיק, ווי היינט. הויב זי אויף אויפן בוים, וועסטו זען, וואָס דאָרט ווערט געטאָן און גערעדט."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דזשאַפאַר זייער געחדושט און איז אַרויפגעקראָכן אויפן בוים און דאָ האָט ער דערזען אַלי-נור-עד-דינען, עניס-על-דזשעליס און דעם שייך איבראַהים, וואָס האָט געהאַלטן אין די הענט אַ בעכער וויין. אַז ער האָט עס דערזען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער סוף וועט זיין זייער אַ שלעכטער, איז ער אַראָפּגעקראָכן פון בוים מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און דער קאַליף האָט געזאָגט:

„אָ, דזשאַפאַר! געלויבט צו גאָט, וואָס מיר געהערן נישט צו דידאָזיקע לייט, וואָס זיינען נאָר פרום פאַר לייטן און אין הארצן זיינען זיי אמתע רשעים."

אָבער דזשאַפאַר, וואָס איז געווען זייער אומעטיק און פאַרשעמט, האָט אפילו נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן דערויף. האָט דער קאַליף אַ קוק געטאָן אויף אים און געפרעגט:

„זאָג מיר, ווער האָט זיי, דידאָזיקע לייט געקאָנט ברענגען אַהער און אַריינלאָזן זיי אין פּאַלאַץ אַריין? אָבער דו ווייסט, דזשאַפאַר, זיי זיינען וואונדערלאַך שיין און עלעגאַנט, און נאָך אַזאַ שיין מיידל און נאָך אַזאַ שיינעם יונגנמאַן האָב איך נאָך אין מיין גאַנץ לעבן נישט געזען."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דזשאַפאַר פאַרשטאַנען, אַז דער קאַליף קאָן ווייכער ווערן, האָט ער זיך תיכף אָנגערופן:

„אָ, גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע, דו ביזט פאָלקאָם גערעכט.״

האָט דער קאַליף געשוויגן אַ ווײַלע און דערנאָך געזאָגט:

„אָ, דזשאַפאַר, לאָמיר בײדע אַרויפקריכן אויפן בוים, וואָס אַנטקעגן פענסטער און זיך אַ ביסל ווײַלן מיט זײ. בײ זײ איז דאָך פריילאַך.״

זײַנען זײ אַרויפגעקראָכן אויפן בוים און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ צווײַג און גענומען קוקן אין פענסטער אַרײַן, און דאָ האָבן זײ דערהערט, ווי דער שייך האָט זיך אָנגערופן צו ענים-על-דזשעליס:

„אָ, מײַן האַרין, איך האָב איבערגעטראָטן די גרעניץ פון אָנשטענדיקייט, אָבער מײַן פאַרגעניגן איז נישט גרויס, ווײַל איך הער נישט קיין פריילעכע לידער און קיין קלאַנגען פון סטרונעס.״

האָט אים ענים-על-דזשעליס געענטפערט:

„אָ, שייך איבראַהים, איך שווער דיר בײַ גאָט, אַז ווען דו וואָלסט געהאַט עפּיס אַ שפּילאינסטרומענט, וואָלט דײַן פאַרגעניגן געווען זייער גרויס״.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער שייך איבראַהים אויפגעהויבן.

„וואוהין גייט ער?״—האָט דער קאַליף אַ פרעג געטאָן דזשאַפאַרן.

האָט דזשאַפאַר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

„איך ווייס נישט, אָ, מלך פון די רעכטגלויביקע.״

דער שייך איבראַהים איז אַרויס פון צימער, אָבער באַלד האָט ער זיך צוריקגעקערט מיט אַ קליין האַרפעלע אין די הענט, און אַז דער קאַליף האָט זיך בעסער צוגעקוקט, האָט ער דערזען, אַז דאָסדאָזיקע האַרפעלע געהערט צו זײַן טרינקקאַמעראַד.

„איך שווער בײַ גאָט,—האָט ער געזאָגט,—אויב דאָסדאָזיקע מיידל וועט זינגען שלעכט, וועל איך זײ אַלעמען אויפהיינגען.״

„אָ, אַלאַ,—האָט דזשאַפאַר אָפּגעזיפצט,—זאָל דאָס מיידל זינגען שלעכט.״

„פאַרוואָס?״—האָט דער קאַליף געפרעגט.

„כדי דו זאָלסט זיי אויפהייבגען, —האָט דזשאַפּאַר געענט-פערט.—זיי זיינען דאָס ווערט.״

האָט זיך דער קאַליף צולאַכט, און עניס-על-דזשעליס האָט גענומען דאָס האַרפעלע, אַדורכגעלאָפן מיט דער האַנט איבער די סטרונעס און עס האָבן זיך גענומען גיסן אַזוינע קלאַנגען, וואָס האָבן געקאָנט ווייך מאַכן אַן אייזן און צוגעבן שכל אַ נאַר. און דערנאָך האָט זי גענומען זינגען אַזוי, אַז דער קאַליף האָט נישט אויסגעהאַלטן און האָט אויסגעשריען:

„אָ, דזשאַפּאַר! זאָלסט וויסן, אַז איך האָב נאָך אין מיין לעבנסטאָג נישט געהערט אַזאַ וואונדערלאַכן קול.״

און דזשאַפּאַר האָט געפרעגט:

„איז שוין דעם קאַליפס כעס-אינגאַנצן פאַרשוואונדן גע-וואָרן?״

„יאָ,—האָט דער קאַליף געזאָגט,—איך האָב אים נישט מער.״

זיינען זיי אַראָפּגעקראָכן פון בוים און דער קאַליף האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין וויזיר און געזאָגט:

„ווייסט, דזשאַפּאַר, איך וויל אַריין צו זיי, זיצן מיט זיי אַ ביסל און הערן, ווי דאָס מיידל זינגט.״

האָט זיך דזשאַפּאַר אָנגערופן:

„אָ, מלך פון די רעכטגלויביקע! אויב דו וועסט אַריין צו זיי, וועלן זיי זיך זיכער פאַרשעמען, און דער אַלטער איבראַהים קאָן נאָך אַוועקשטאַרבן פון שרעק.״

דערויף האָט דער קאַליף געזאָגט:

„אָ, דזשאַפּאַר, דו מוזט מיר עפּיס צוטראַכטן אַ מיטל, אַז איך זאָל קאָנען אַריין צו זיי, אָבער זיי זאָלן נישט וויסן, ווער איך בין.״

און ריידנדיק אַזוי, זיינען זיי ביידע אַוועק צו דעם טייך טיגער, און דאָרט, אונטער די פענסטער פון פּאַלאַץ, סאַמע ביים ברעג טייך, האָבן זיי געטראָפן אַ פישער, וואָס האָט פאַרוואָרפן זיין נעץ אינם וואַסער מיט דער האָפנונג, טאָמער וועט אים גאָט צושיקן אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט.

איינמאָל האָט דער קאַליף געפרעגט דעם אַלטן איבראַהים:
„וואָס איז עס פאַר אַ טומל אונטערן פענסטער?"
„דאָס ריידן די פישער, וואָס כאַפּן פיש,"—האָט געענט-פערט דער שייך.
„נו, טאָ גיי-אַרויס און זאָג זיי, אַז דאָס איז פאַרבאָטן",—האָט דער קאַליף באַפוילן.
פון דעמאָלט אָן האָבן זיך די פישער מער נישט באַוויזן אונטער די פענסטער פון פּאַלאַץ. אָבער אין דערדאָזיקער נאַכט, ווען וועלכער עס ווערט דערציילט, איז אַ פישער מיטן נאָמען קערים פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי גאָרטן און האָט דערזען, אַז די גאָרטנטיר איז אָפן, האָט ער ביי זיך אַ טראַכט געטאָן: „קערים, די טיר איז אָפן, אפשר וועסטו זיך לאָזן צום טייך און אַריינ-וואַרפן די נעץ אין וואַסער?"
און דער פישער האָט אַזוי געטאָן, און אַז די נעץ איז פאַרשוואונדן געוואָרן אינם טונקעלן וואַסער, האָט ער דעקלאַמירט אַ ליד, אין וועלכן עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פאַרגלייך צווישן אַ פישער, וואָס אַרבעט אַ גאַנצע נאַכט, און אַ בעל-הבית, וואָס שלאָפט זיס אין אַ ווייכער בעט, און אַז ער כאַפּט זיך אויף און עפנט די אויגן, זעט ער נאָר, ווי אַלע נויגן און בוקן זיך פאַר אים. אָבער באַלד ווי ער האָט געענדיקט דעקלאַמירן, איז צוגע-גאַנגען דער קאַליף און אַ פרעג געטאָן:
„קערים, וואָס טוסטו דאָ?"
דער קאַליף האָט אים געקענט. דערהערט זיין נאָמען, האָט זיך דער פישער אָפּגעקערט און האָט דערזען דעם קאַליף. פון שרעק איז אים קאַלט געוואָרן אין די הענט און אין די פיס.
„ביי גאָט,—האָט ער אויסגעשריען,—איך טו עס נישט צו-ליב דעם, ווייל איך וויל נישט פאָלגן דאָס געזעץ, נאָר ווייל די נויט האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר און האָט מיך געצוואונגען דערצו."
האָט דער קאַליף זיך צולאַכט און געזאָגט:
„נו, ציי-אַרויס די נעץ אויף מיין מזל."
האָט דער פישער, אַ דערפרייטער, געוואַרט אַ ווילע און

דערנאָך אַרויסגעצויגן די נעץ מיט אַ סך פיש, און דער קאַליף, אַ צופרידענער, האָט געזאָגט:

„אָ, קערים, צי-אַראָפּ פון זיך די קליידער."

האָט דער פישער אַזוי געטאָן און אַראָפּגעצויגן די קליי-דער פון זיך. געטראָגן האָט ער אַ דזשובעק*) פון גראָבן שטאָף און באַלייגט מיט הונדערטער לאַטעס. אויסערדעם, איז ער אינ-גאַנצן באַדעקט געווען מיט פאַרשידענע עקלהאַפטע אינזעקטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַזויפיל פליי, אַז זיי האָבן געקאָנט אויפהויבן פון דער ערד דעם מאַנטל צוזאַמען מיטן מענטשן. דער קאַליף האָט אַראָפּגענומען פון דעם פישערס קאָפּ די טשאַלמע, וואָס איז שוין אַ יאָר דריי נישט איבערגעלייגט געוואָרן, און נאָכדעם האָט ער אַראָפּגעצויגן פון זיך זיינע צוויי העמדער פון אַלעקסאַנדרינישן און באַלאַבעטישן זיידנס צוזאַמען מיטן מעלוואַטאַך**) און זיך אָנגערופן צום פישער:

„אָ, קערים, טו עס אָן אויף זיך."

און ער, דער קאַליף, האָט אָנגעטאָן דעם פישערס דזשו-בעק מיט זיין טשאַלמע, און נאָכדעם האָט ער געזאָגט צום פישער:

„קערים, גיי זיך דיין וועג."

האָט דער פישער אַ קוש געטאָן דעם קאַליפס פיס און דערנאָך פאַרגעלייענט דאָסדאָזיקע ליד:

דו האָסט באַלוינט מיך מער, פיל איך בין ווערט.
נאָר וויים: וועסט הערן אומעטום מיין דאַנק.
נאָר אויך, ווען איך וועל שטאַרבן, וועט מיין לויב
דערגרייכן צו דיין אויער פון מיין גרוב.

אָבער נאָך איידער דער פישער האָט געענדיקט דאָסדאָזי-קע ליד, האָט דער קאַליף דערשפּירט, ווי עס קריכן און שפּרינ-גען איבער אים פאַרשידענע עקלהאַפטע אינזעקטן, האָט ער זיי

---

*) דזשובעק—אַ לאַנגער ברייטער מאַנטל, וואָס די פּאַרצייטיקע סוחרים פּלעגן טראָגן אין די מזרח-לענדער.

**) מעלוואַטאַך—אויך אַ מין אויבערמאַנטל.

געוומען כאַפּן דאָ אויפן האַלז און דאָ אויפן בוזים און האָט זיי געוואָרפן אין טייך אַריין און האָט אַלץ גערעדט צום פישער:

„אָ, וויי צו דיר, קערים, דיין גאַנצער דזשובעק באַשטייט בלויז פון אינזעקטן."

דערויף האָט דער פישער געזאָגט:

„אָ, מיין ליבער גנעדיקער מלך! דידאָזיקע אינזעקטן וועלן דיך באַאומרוהיקן בלויז דעם ערשטן טאָג. אין אַ וואָך אַרום וועסטו זיך אַזוי צוגעוויינען צו זיי, אַז דו וועסט זיי גאָרנישט שפּירן."

האָט זיך דער קאַליף צולאַכט און געזאָגט:

„שוין-זשע וועל איך לויטער גיין אין דעמדאָזיקן דזשובעק?"

האָט דער פישער געטראַכט אַ ווייל און דערנאָך געזאָגט:

„איך וואָלט דיר געוואָלט עפּיס זאָגן, אָבער איך שעם מיך און האָב מורא פאַר דיר."

„נו, זאָג, וואָס דו ווילסט. שרעק דיך נישט,"—האָט דער קאַליף געזאָגט.

דעמאָלט האָט זיך דער פישער אָנגערופן:

„אָ, מלך פון די רעכטגלויביקע! איך מיין, אַז דו ווילסט זיך אויסלערנען כאַפּן פיש און זיך שטעלן דערנאָך בראש פונם פישהאַנדל, וואָס וועט דיר זיכער ברייינגען גרויסע פאַרדינסטן. אָ, מלך פון די רעכטגלויביקע, אויב איך האָב געטראָפן, אויב דאָס איז אַזוי, וועט דיר דערדאָזיקער דזשובעק שטאַרק צונוץ קומען."

נאָכדעם איז דער פישער אַוועקגעגאַנגען און דער קאַליף האָט גענומען דעם קאָרב מיט פיש, באַשאָטן פון אויבן מיט אַ ביסל גראָז און איז צוגעגאַנגען צו דזשאַפאַרן, וואָס איז געשטאַנען פון דערוויטנס אונטער אַ בוים. דזשאַפאַר האָט געמיינט, אַז דאָס איז דער פישער קערים, האָט ער זיך זייער דערשראָקן און שנעל אַרויסגעמורמלט:

„אָ, קערים, צו וואָס ביזטו געקומען אַהער? ווייסטו דען נישט, אַז דער קאַליף איז דאָ?"

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער קאַליף אַזוי

נולאַכט, אַז ער איז אַנידערגעפאַלן אין גראָז.

„צי ביזטו אַמאָל נישט אונזער מלך פון די רעבֿטגלויבי-קעז?״—האָט דזשאַפאַר אויסגעשריען.

„יאָ, דזשאַפאַר,—האָט געענטפערט דער קאַליף,—און דו ביזט מיין וויזיר און מיר זיינעןביידע געקומען אַהער, אָבער דו האָסט מיך נישט דערקענט. איך מיין, אַז דער שייך איבראַ-הים, וואָס איז נאָך דערצו שכור, וועט מיך אודאי נישט דער-קענען. פאַרבלייב דאָ, ביז איך וועל מיך נישט צוריקקערן.״

„איך הער און געהאָרך,״—האָט געענטפערט דזשאַפאַר און דער קאַליף איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון פאַלאַץ און האָט אָנגעקלאַפּט. דעמאָלט האָט זיך אויפגעהויבן דער שייך איבראַהים און האָט אַ פרעג געטאָן:

„ווער איז דאָרט?״

„דאָס בין איך, שייך איבראַהים״,—איז געקומען אַן ענטפער פון הינטער דער טיר.

אָבער דער שייך האָט געפרעגט:

„ווער ביזטו? רוף דיך אָן!״

האָט דער קאַליף געזאָגט:

„איך בין קערים דער פישער. איך האָב געהערט, אַז דו האָסט געסט, און דעריבער האָב איך דיר געבראַכט פיש, זעל-טענע פיש.״

אַלי-נור-עד-דין און זיין שקלאַפין האָבן זייער ליב געהאַט פיש, און אַז זיי האָבן דערהערט, אַז אַ פישער האָט געבראַכט פיש, האָבן זיי זיך זייער דערפרייט און געזאָגט:

„אָ, ליבער שייך איבראַהים, עפן די טיר און זאָל ער אַריינטראָגן זיינע פיש.״

האָט דער שייך געעפנט די טיר, איז אַריין דער קאַליף מיט זיינע פיש און זיך טיף פאַרנויגט, און דער שייך האָט זיך אָנגערופן:

„נו, גזלן, גנב, מערדער, קום-אַריין, קום-אַריין און באַוויז אונז דיינע פיש, וואָס דו האָסט געבראַכט.״

האָט דער קאַליף באַוויזן די פיש, וואָס האָבן זיך נאָך

געצאַפּלט, און ענים-על-דזשעליס האָט אויסגעשריען:

„ביי גאָט, דאָס איז אויסגעצייכנטע פיש. אַך, ווען זיי וואָלטן אָפּגעקאָכט געוואָרן!"

„איך שווער ביי גאָט,—האָט אויסגעשריען דער שייך אי־בראַהים,—דו ביזט גערעכט. פישער!—האָט ער זיך אָנגערופן צום קאַליף,—גוט וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט אונז געבראַכט פאַר־טיקע פיש."

האָט דער קאַליף זיך פאַרנויגט און געזאָגט:

„איך הער און געהאָרך. אויב דו ווילסט, קאָן איך זיי אָפּקאָכן."

„אָבער מאַך עס שנעלער,"—האָט דער שייך אים באַמערקט

האָט דער קאַליף גענומען דעם קאָרב מיט די פיש, איז אַרויס פון פּאַלאַץ, צוגעגאַנגען צו דזשאַפאַרן און געזאָגט:

„דזשאַפאַר, זיי ווילן געקאָכטע פיש."

האָט דזשאַפאַר געזאָגט:

„אָ, מלך פון די רעכטגלויביקע, גיב מיר דעם קאָרב פיש, וועל איך זיי אָפּקאָכן."

דערויף האָט דער קאַליף געזאָגט:

„איך שווער ביים קבר פון מיינע עלטערן, אַז איך וועל זיי אַליין אָפּקאָכן מיט די אייגענע הענט און עס וועט זיין גוט."

און באַלד דערויף איז ער אַוועק אין הייזל פונם אויפזע־ער און דאָרט האָט ער געפונען אַלץ, וואָס מען באַדאַרף: אַ פישבראָטער, זאַלץ און אפילו מאַיאָראַן. דערנאָך איז ער צוגע־גאַנגען צום אויוון און אָפּגעקאָכט די פיש, ווי די בעסטע וויר־טין. אַז זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיי אַוועקגעלייגט אויף באַנאַנבלעטער, דערנאָך האָט ער אָנגעריסן עטלאַכע לימאָ־נען און איז אַוועק דערמיט אין פּאַלאַץ אַריין. אַלי-נור-עד-דין מיט זיין שקלאַפין און דער שייך האָבן זיך באַלד גענומען צו די פיש, וואָס זיינען געווען זייער באַטעמט און גוט געקאָכט. נאָכדעם, ווי זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָבן זיי צעוואַשן די הענט און אַלי-נור-עד-דין האָט געזאָגט:

„אָ, פישער! איך שווער ביי גאָט, אַז דו האָסט אונז היינט

פאַרשאַפט גרויס תענוג.״

און ווי ער האָט געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען פון דאָרט דריי גאָלדשטיק, וואָס סענדזשאַר האָט אים מיטגעגעבן אויפן וועג, און געזאָגט:

„ענטשולדיק מיר, אָ, פישער, ביי גאָט, ווען איך וואָלט דיך געקענט פריער, איידער דאָס גרויסע אומגליק איז מיך באַפאַלן, וואָלט איך דיך זילבער באַפרייט פון דיין אָרימקייט. איצט נעם-אָן פון מיר דאָס, וואָס איך קאָן דיר אויסטיילן פון מיין אָרימע, קעשענע.״

האָט דער קאַליף צוגענומען דאָס געלט, אַ קוש געטאָן עס און אַריינגעלייגט אין קעשענע און געהאַט האָט ער בלויז איין כוונה—צו הערן ווי מען זינגט. און דעריבער האָט ער זיך געווענדט צו אַלי-נור-עד-דינען מיט דידאָזיקע ווערטער:

„דיין באַנעמונג איז זייער אַ צערטלאַכע און דו האָסט מיך באַלוינט מיט אַ ברייטער האַנט, אָבער זיי מיר מוחל, איך האָב צו דיר נאָך איין בקשה: איך וויל הערן דאָס זינגען פון דעם-דאָזיקן מיידל.״

האָט אַלי-נור-עד-דין אָפּגעקערט דאָס געזיכט צו זיין שקלאַפין און געזאָגט:

„עניס-על-דזשעליס!״

„וואָס איז דיין פאַרלאַנג?״—האָט זי געפרעגט.

און ער האָט געזאָגט:

„דערדאָזיקער פישער וויל הערן דיין זינגען. איך בעט דיך אין נאָמען פון מיין לעבן, דו זאָלסט דערפילן זיין פאַרלאַנג.״

דעמאָלט האָט עניס-על-דזשעליס גענומען איר האַרפעלע, אַ לויף געטאָן מיט די פינגער איבער די סטרונעס און אויסגעזונגען דאָסדאָזיקע ליד:

וועז אויף אַ האַרפע שפּילט אַ שיינע מיידל,
וואָס איז אויך ווי אַ יונגע גאַזעל שלאַנק,
דאַן קריגט אַ שטומער פעהיקייט צו ריידן
און אויך אַ טויבער ווערט די קלאַנגען הערן.

דערנאָך האָט זי געגומען שפּילן אַזוי, אַז שטיינער האָבן געקאָנט פֿאַרכשופט ווערן פֿון די קלאַנגען, און דערביי האָט זי געזונגען:

אָ, שיינעם מיידל, גליקלעך איז דאָס הויז,
וואָס הערט די קלאַנגען פֿון דיין שטים און האַרפֿע.
עס ווערט צעזייט די שווארצקייט פֿון דעם אָונט
און אויפֿן האַרצן ווערט אונז לייכטער, לינדער.

דאָס זינגען פֿון דער שקלאַפֿין האָט שטאַרק געווירקט אויפֿן קאַליף און ער האָט זיך אַזוי אַנטציקט, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אַלץ איבערגעחזרט:

„אַלאַ רוט אויף דיר! אַלאַ רוט אויף דיר! אַלאַ רוט אויף דיר!“

און אַלי-נור-עד-דין האָט געפֿרעגט:

„נו, פֿישער, איז דיר געפֿעלן דאָס שפּילן און זינגען פֿונם מיידל?“

„ביי גאָט!—האָט אויסגעשריען דער קאַליף—איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ זינגען און שפּילן.“

און אַלי-נור-עד-דין האָט זיך אָנגערופֿן:

„דו זעסט, איך שיינק זי דיר אַוועק מיט דער פֿולער האַנט.“

און נאָכדעם האָט ער זיך אויפֿגעהויבן, אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן פֿישער זיין מעלוואַטאַך און געהייסן, ער זאָל אַוועקפֿירן דאָסדאָזיקע מיידל. האָט ענים-על-דזשעליס אַ קוק געטאָן אויף אַלי-נור-עד-דינען און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, שוין-זשע וועסטו זיך שיידן מיט מיר נישט געזעגנטערהייט? אויב דאָס איז אונז יאָ באַשערט, טאָ וואַרט, וועלן מיר זיך צעשיידן.“

ווען דו וועסט זיך מיט מיר צעשיידן, פֿריינט,
וועט שטענדיק אין מיין האַרצן זיין דיין היים.
איך בעט דעם גוטן גאָט, ער זאָל
אונז ביידן קיינמאָל נישט צעשיידן מער.

און אַלי-נור-עד-דין האָט איר געענטפֿערט:

מיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט צער און פּיין
אין דער מינוט, וואָס וועט אונז שיידן.
די אויגן האַלט איך אָפן, ווי אַן טרערן,
נאָר טיף אין מיר—דאָרט וויינען גאַנצע קוואַלן.

אַז דער קאַליף האָט דערהערט דידאָזיקע לידער, האָט ער זיך שטאַרק מצער־געווען דערפון, וואָס ער קאָן זיין די סיבה פון זייער שיידן זיך, און ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן יונגנמאַן און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַר! צי שרעקסטו זיך דערפאַר, ווייל דו ביזט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן אָדער דו ביזט עמיצן עפּיס שולדיק?"

האָט אַלי־נור־עד־דין געזאָגט:

„ביי גאָט, אָ, פּישער! דאָס, וואָס איז געשען צווישן מיר און דערדאָזיקער מיידל איז אַזוי אויסטערליש, אַז ווען דאָס וואָלט פאַרשריבן געוואָרן, וואָלט עס געבראַכט גרויס נוצן פאַר די ווייטערדיקע דורות."

דעמאָלט האָט דער קאַליף זיך אָנגערופן:

„וואָלסטו אונז אפשר דערציילט דיין לעבנסגעשיכטע און דאָס אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט מיט דיר? מעגלאַך, אַז דו אַליין וועסט געטרייסט ווערן דורכן דערציילן און, מעגלאַך, אַז דו וועסט אויך האָבן אַ נוצן דערפון."

האָט אַלי־נור־עד־דין אַ פרעג געטאָן:

„צי ווילסטו אויסהאָרכן מיין געשיכטע אין לידער, צי אין פּראָזע?"

„אין פּראָזע,—האָט דער קאַליף געענטפערט,—דאָס איז פאַר אונז פאַרשטענדלאַכער. אָבער לידער קאָן מען פאַרגלייכן מיט פּערל, וואָס זיינען אָנגעצויגן אויף אַ שנירל."

דאָך האָט אַלי־נור־עד־דין דערציילט זיין געשיכטע אין לידער, אָבער אַז ער האָט געענדיקט, האָט אים דער קאַליף געבעטן, ער זאָל אים דערקלערן מאַנכע פּרטים, און דעמאָלט האָט אים אַלי־נור־עד־דין דערציילט זיין גאַנצע לעבנסגעשיכטע פון אָנהויב ביזן סוף. האָט זיך דער קאַליף עטוואָס פאַרטראַכט און דערנאָך געפרעגט:

„וואוהין, אַלזאָ, וועסטו איצט גיין?“

„גאָטס וועלט איז גרויס,“—האָט אַלי-נור-עד-דין געענטפערט.

האָט דער קאַליף געזאָגט:

„איך וועל דיר מיטגעבן אַ בריף צו דעם סולטאַן מאַכ-מעד, דעם זון פון סוליימאַן-עס-זייני. ווען יענער וועט דורכליי-ענען דעם בריף, וועט ער דיר קיין שלעכטס נישט טאָן.“

האָט זיך אַלי-נור-עד-דין זייער פאַרוואונדערט און געפרעגט:

„שוין-זשע זיינען פאַראַן אויף דער וועלט פישער, וואָס קאָרעספּאָנדירן מיט מלכים? אַזאַ זאַך איז נאָך, דאַכט זיך, ביז אַהער נישט געשען.“

דערויף האָט דער קאַליף געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, דו האָסט רעכט. אָבער דו באַדאַרפסט וויסן, אַז איך האָב מיך געלערנט מיט אים אין איין שול און אַ געוויסע צייט בין איך געווען זיין דערציער. עס האָט אים אָבער שטאַרק געגליקט, און ער איז געוואָרן אַ סולטאַן און איך—נישט מער ווי אַן אָרימער פישער. ביז אַהער האָב איך מיך קיינמאָל נישט געווענדט צו אים און קיינמאָל גאָרנישט געבעטן ביי אים, איך בין אָבער זיכער, אַז ווען איך זאָל יעדן טאָג זיך ווענדן צו אים מיט טויזנטער זאַכן, וואָלט ער מיר אַלץ דערפילט.“

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט אַלי-נור-עד-דין געזאָגט:

„שרייב-אָן אַ בריף, אָבער פאַר מיר אין די אויגן.“

האָט דער קאַליף גענומען פאַפיר און טינט און נאָך דער געווייבלאַכער פראַזע: „אין נאָמען פון גאָט דעם אַלמעכטיקן און באַרמהאַרציקן“, האָט ער אָנגעשריבן דידאָזיקע ווערטער: „אַ בריף פון האַרון-ער-ראַשיד, דעם זון פון על-מאַרגדיע צו זיין מאַיע-סטעט מאַכמעד, דעם זון פון סוליימאַן-עס-זייני, וועמען איך האָב באַגליקט מיט מיין חסד און באַשטימט פאַרן וויצע-מלך איבער אַ טייל פון מיין לאַנד. איך קום דיר צו מעלדן, אַז דער, וואָס וועט דיר איבערגעבן דעמדאָזיקן בריף, הייסט אַלי-נור-עד-דין, און ער איז דער זון פון וויזיר על-פאַדל, דער זון פון קאַקאַן, און דו באַדאַרפסט אים איבערגעבן דיין מלוכה-שטעלע, ווייל איך

באַשטים אים אויף דיין אָרט, עס זאָל דיר גאָרנישט איינפאַלן נישט צו געהאָרכן מיך און שלום זאָל רוען אויף דיין קאָפּ."

נאָכדעם האָט ער איבערגעגעבן דעם בריף אַלי-נור-עד-די-נען, וואָס האָט צוגענומען דעם בריף און אַ קוש געטאָן אים און צוגעלייגט אים צו זיין טשאַלמע און באַלד דערויף האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין.

דעמאָלט האָט דער שייך איבראַהים אַ קוק געטאָן אויפן קאַליף, וואָס איז געווען פאַרקליידט פאַר אַ פישער, און געזאָגט:

„אַך, דו פאַרהאַסטער פישער, דיר איז נאָך ווייניק, וואָס דו האָסט געבראַכט פיש סך-הכל פאַר צוואַנציק פאַלבדירגעמעס און באַקומען האָסטו דריי גאָלדשטיק, ווילסטו נאָך אונז אויך צונעמען די שקלאַפין."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער קאַליף אָנגעשריען אויף אים און באַלד געגעבן אַ צייכן מעסורן, וואָס איז אַריינ-געלאָפן אין צימער און אויפגעדעקט זיין פנים. דזשאַפאַר, ווידער, האָט אַוועקגעשיקט אַ דינער צום הויפּאויפזעער, ער זאָל שיקן קליידער פאַרן מלך פון די רעכטגלויביקע. דער דינער, וואָס איז באַלד געקומען מיט קליידער פון פּאַלאַץ, האָט אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון קאַליפס פיס, און דער קאַליף האָט אויסגעטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אויף זיך. דער שייך איבראַהים האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול און דער קאַליף האָט זיך אַני-דערגעשטעלט געגן אים, צו זען וואָס דאָ וועט געשען, און אַז ער, דער שייך, האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט ער זיך שרעק-לאַך דערשראָקן און ער האָט גענומען בייסן די פינגער און פרעגן:

„צי איז עס אויפן וואָר, צי אין חלום?"

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אינגאַנצן אויסגעניכ-טערט און ער האָט זיך געוואָרפן אויף די קני פאַרן קאַליף און גענומען בעטן מיט טרערן אויף די אויגן, ער זאָל אים מוחל-זיין. האָט אים דער קאַליף מוחל-געווען. נאָכדעם האָט ער אַרויס-געגעבן אַ באַפעל, אַז דאָס מיידל זאָל אָפּגעפירט ווערן אין פּאַ-

לאַץ אַריין, וואו עס איז איר אָפּגעגעבן געוואָרן אַ באַזונדער וואוינונג און אויך אַ פרוי צו באַדינען זי.

„וויסן זאָלסטו,—האָט זיך דער קאַליף אָנגערופן צו איר,— אַז איך האָב באַשטימט דיין האַר פאַרן סולטאַן פון על-באַשראַך, און אויב גאָט וועט באַוויליקן, וועל איך אים שיקן ערנקליידער און וועל דיך אויך אַוועקשיקן צו אים.”

אַלי-נור-עד-דין, וואָס איז פאַרטאָג אַוועק פון פאַרווייִלונגספּאַלאַץ, איז בשלום געקומען קיין על-באַשראַך, און ער איז גלייך אַוועק צום סולטאַן אין פּאַלאַץ אַריין, וואו ער האָט אַזוי שטאַרק אויסגעשריען, אַז דער סולטאַן האָט געהייסן, מען זאָל אים אַריינרופן צו אים אין צימער. דאָרט האָט ער אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון דעם סולטאַנס פיס און האָט אים דערלאַנגט דעם בריף. אַז דער סולטאַן האָט דערזען דעם קאַליפס אונטערשריפט, האָט ער זיך באַלד אויפגעהויבן און נאָכדעם, ווי ער האָט דריימאָל אַ קוש געטאָן דעם בריף, האָט ער געזאָגט:

„איך הער און געהאָרך מיין גאָט, געבענשט און געלויבט זאָל ער זיין, און איך הער און געהאָרך דעם מלך פון די רעכט-גלויביקע.”

און ער האָט באַלד אַריינגערופן פיר קאַדיס און עמירן, פאַר וועלכע ער האָט זיך געוואָלט אָפּזאָגן פון זיין קייזערלאַכן טיטל, אָבער דאָ איז געקומען דער וויזיר על-מאַ'און, דער זון פון סאַוויע, און דער סולטאַן האָט אים באַוויזן דעם קאַליפס בריף. אַז דער וויזיר האָט איבערגעלייענט דעמדאָזיקן בריף, האָט ער אים צוריסן אויף שטיקלאַך, אַריינגעלייגט די שטיקלאַך אין מויל, צוקייט זיי און אויסגעשפּייט. איז דער סולטאַן זייער בייז געוואָרן און האָט אַ געשריי געטאָן:

„וויי צו דיר! וואָס האָסטו עס געטאָן?”

האָט דער וויזיר זיך אָנגערופן:

„דערדאָזיקער מאַן האָט נישט געזען נישט דעם קאַליף און נישט זיין וויזיר. ער איז אַ געמיינער מאַן, אַן אויסוואורף, וואָס האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ פאַלשן בריף און נאָכגעמאַכט דעם קאַליפס האַנטשריפט. און ווי אַזוי האָסטו געפּועלט ביי זיך אַראָפּ-

גענומען פון זיך דעם סולטאַנטיטל, ווײַבאַלד דער קאַליף האָט נישט געשיקט צו דיר קיין הויף-שליח מיט אַ קייזערלאַכן פּאַפּיר. ווען דאָס וואָלט ווירקלאַך געווען אַן אמת, וואָלט אַהער געקומען דעם קאַליפס אַ באַאַמטער אָדער זיין וויזיר. אָבער דער מאַן איז געקומען אַליין."

„וואָס זאָלן מיר, אַלזאָ, טאָן?"—האָט געפרעגט דער סולטאַן.

האָט דער וויזיר אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

„גיב מיר דעמדאָזיקן מאַן און איך וועל אים אַוועקשיקן מיט אַ שליח קיין באַגדאַד. אויב די זאַך, ווי ער דערציילט, וועט זיך אַרויסווייזן פאַר ריכטיק, וועט אונז דער שליח ברײַנגען דעם קאַליפס באַפעל וועגן דעם, און אויב דאָס וועט זיין נישט ריכטיק, וועט אים דער אייגענער שליח ברײַנגען צוריק אַהער און איך וועל דערווייל נקמה-נעמען פון מיין באַליידיקער."

איז דעם סולטאַן געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס זיין וויזיר האָט געזאָגט, האָט ער אַ רוף געטאָן זיינע פּאַזשן און זיי האָבן אומגעוואָרפן אַלי-נור-עד-דינען און האָבן אים אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז ער האָט געחלשט. נאָכדעם האָט מען אים אָנגעטאָן קייטן אויף די פיס און מען האָט אַ רוף געטאָן דעם טורמעשעף, וואָס איז באַלד געקומען און אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון דעם סולטאַנס פיס. געהייסן האָט דער תּפיסה-שעף קוטייט*), און דער סולטאַן האָט אים געזאָגט:

„קוטייט, איך וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט נעמען דעמדאָזיקן מאַן און זאָלסט אים אַרײַנזעצן אין דער סאַמע פינסטערער קעליע פון דיין תּפיסה און טאָג און נאַכט זאָלסטו אים פּייניקן."

האָט יענער געענטפערט:

„איך הער און געהאָרך".

באַלד דערויף האָט ער אַלי-נור-עד-דינען אַוועקגעפירט אין תּפיסה און פאַרשלאָסן אים אין אַ קעליע. נאָכדעם האָט ער געהייסן, מען זאָל אַרײַנטראָגן אין קעליע אַ בײַנקל, אַ מאַטראַץ און אַ שטול און האָט זיך זייער גוט באַגאַנגען מיטן אַרעסטירטן.

*) קוטייט—קאָטער אָדער קעצעלע.

ער האָט אים אפילו אַראָפּגענומען די קייטן פון די פיס. אַלע טאָג האָט דער וויזיר אַריינגעשיקט אַ באַפעל, מען זאָל פייניקן און שלאָגן דעם אַרעסטירטן און אַלע טאָג פלעגט דער תפיסה-שעף אונטערשרייבן אַ פאַפּיר, אַז דערדאָזיקער באַפעל ווערט פּינקטלאַך דערפילט, אָבער אינדערעמתן האָט ער עס קיינמאָל נישט געטאָן און האָט זיך זייער גוט באַגאַנגען מיט אַלי-נור-עד-דינען.

און אַזוי זיינען אַוועק גאַנצע פערציק טעג און אויף דעם איינאונפערציקסטן טאָג איז געקומען פון קאַליף זייער אַ שיינע מתנה, וואָס איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם סולטאַן, האָט ער אַ רוף געטאָן זיין וויזיר על-מאָ׳און, דעם זון פון סאַוויע און געזאָגט צו אים:

„אָ, על-מאָ׳און, צי איז אַמאָל נישט דידאָזיקע מתנה באַשטימט פאַרן נייעם סולטאַן?״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער וויזיר על-מאָ׳און, דער זון פון סאַוויע, געזאָגט:

„אַ סך בעסער וואָלט געווען, ווען מיר וואָלטן אים דערהרגעט באַלד ווי ער איז געקומען.״

דעמאָלט האָט דער סולטאַן אַ געשריי געטאָן:

„גיי און ברייננג מיר אים אַהער און איך וועל אים אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ!״

„איך הער און געהאָרך,—האָט זיך דער וויזיר אויפגעהויבן,—אָבער איך וואָלט פריער געוואָלט לאָזן מעלדן אין שטאָט אַזוי: „ווער עס וויל זען, ווי עס ווערט געטויט אַלי-נור-עד-דין, דער זון פון על-פאַדל, דער זון פון קאַקאַן, זאָל קומען אין פּאַלאַץ!״ זאָלן אַלע קומען זען ווי אַזוי ער וועט געטויט ווערן און איך וועל נקמה-נעמען פון די אַלע, וואָס זיינען מיר מקנא.״

האָט דער סולטאַן געזאָגט:

„מיך אַרט נישט. טו דיר אַזוי.״

איז דער וויזיר, אַ צופרידענער און אַ גליקליכער, אַוועק צום וואַלי און געהייסן אים מאַכן אַזאַ מעלדונג איבער דער שטאָט, אָבער אַז דער עולם איז באַקאַנט געוואָרן מיט דערדאָ-

זיקער מעלדונג, האָט ער זיך זייער מצער־געווען און אַ סך האָבן געוויינט. עס האָבן אפילו געוויינט קינדער אין די חדרים און קרעמער אין די קראָמען. אַ סך מענטשן זיינען אַוועק אין פּאַלאַץ צו זען די צערעמאָניע פון טויטשטראָף און אַ סך, ווידער, זיינען אַוועק צו דער תפיסה, וואו זיי וועלן קאָנען זען, ווי מען פירט־אַרויס דעם אַרעסטירטן. דער וויזיר איז אַוועק צו דער תפיסה מיט צען דינער, און אַז קוטייט, דער תפיסה־שעף, האָט אים דערזען, האָט ער אים געפרעגט:

„אָ, מיין האַר, וואָס פאַרלאַנגסטו?"

„פיר מיר באַלד אַרויס דעם יונגן פאַרברעכער",—האָט דער וויזיר געזאָגט.

אָבער קוטייט האָט באַמערקט:

„ער זעט־אויס שרעקלאַך פון די קלעפּ און ענוים."

„עס מאַכט נישט אויס,"—האָט דער וויזיר געענטפערט.

איז ער אַריין אין תפיסה און דאָרט האָט ער געטראָפן אַלי־נור־עד־דינען שטייענדיק אינמיטן קעליע; ער איז געשטאַנען און דעקלאַמירט דאָסדאָזיקע ליד:

ווער קאָן מיר אין מיין ביינקעניש דאָ העלפן?
ווער קאָן מיך אויסלייזן פון אַנגסט און צער?
נישטאָ קיין מיטל צו מיין שווערן לעבן,
נישטאָ קיין טרייסט אויך צו מיין מידן האַרץ.

דעמאָלט האָט קוטייט אַראָפּגעצויגן פון אים זיינע רייניקע קליידער און נאָכדעם, ווי ער האָט אים אָנגעטאָן אין שמוציקע, האָט ער אים אַרויסגעפירט צום וויזיר. און אַז אַלי־נור־עד־דין האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער דערזען, אַז ער שטייט פאַר זיין גרעסטן שונא, וואָס האָט נאָר איין מחשבה אין קאָפּ—אומצו־ברענגען אים. האָט זיך אַלי־נור־עד־דין צעוויינט און דערנאָך זיך אָנגערופן צו אים:

שוין־זשע ביזטו פאַרזיכערט פון אַן אומגליק? שוין־זשע געדיינקסטו נישט די ווערטער פון דיכטער:

ער האָט פאַרברויכט זיין מאַכט גאָר אָן רחמנות,
געפיניקט האָט ער גרוויזאַם אָן אַ שיעור.

נאָר דאָס איז מער קיין מאַכט שוין נישט געווען,
געווען איז עס רציחה, מערדעריי.)

אָ, וויזיר, זאָלסט וויסן, אַז גאָט, געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין, קאָן טאָן מיט דיר אַלץ, וואָס אים געפעלט."

„צי מיינסטו, אַלי,—האָט דער וויזיר געענטפערט,—אָנצושרעקן מיך מיט דידאָזיקע ווערטער? אָט וועל איך דיר באַלד, אויף די אויגן פון גאַנץ באַשראַך, אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ און איך האָב גאָר קיין מורא נישט פאַר דיינע רייד."

און נאָכדעם האָט דער וויזיר געהייסן די דינער, זיי זאָלן אַרויפזעצן אַלי-נור-עֶד-דינען אויף אַ מוילאייזל. אָבער זיי האָבן כמעט נישט געוואָלט פאָלגן און זיך אָנגערופן צום אומגליקלאַכן:

„אויב דו ווילסט, וועלן מיר אים פאַרוואַרפן מיט שטיינער און צורייסן אויף שטיקלאַך, און אונז אַרט נישט, אויב מען וועט אונז דערפאַר באַשטראָפן מיט טויט."

אָבער אַלי-נור-עד-דין האָט געזאָגט צו זיי:

„טוט עס נישט. מען באַדאַרף נישט."

האָבן זיי אַוועקגעפירט דעם אומגליקלאַכן אַלי-נור-עד-דינען איבער די גאַסן פון על-באַשראַך און אויסגעשריען דידאָזיקע ווערטער:

„אַזוי ווערט געטאָן מיט אַ מאַן, וואָס האָט נאָכגעמאַכט דעם קאַליפס בריף צום סולטאַן."

דערנאָך האָבן זיי אים צוגעפירט צו די פענסטער פון פאַלאַץ און אַוועקגעשטעלט אים אויפן בלוטיקן אָרט*), וואו עס איז באַלד צוגעגאַנגען דער תלין און געזאָגט:

„איך בין צופרידן דערפון, וואָס איך גיי טאָן, אָבער אויב דו האָסט עפּיס אַ בקשה, טאָ רייד, וועל איך עס דערפילן, וואָרום דו האָסט נאָך צו לעבן נישט לאַנג: ביז דער סולטאַן וועט אַ קוק טאָן אין פענסטער אַריין."

*) בלוטיקער אָרט הייסט יענער אָרט, וואו עס ווערט אויסגעפירט די טויט־שטראָף, מחמת דאָס בלוט פון געטויטן ווערט נישט אָפּגערייניקט, נאָר עס ווערט איינגעזאַפּט אין דער ערד.

האָט זיך אַלי-נור-עד-דין אָנגערופן:

„מיין ווי איז גרויס און מיין עלענט—נאָך גרעסער. דער טויט איז נאָנט, אָבער מיין בקשה איז אַ קליינע: ברייננ מיר אַ ביסל וואַסער, איך זאָל קאָנען אונטערהאַלטן מיין מוט, וואָס פאַלט פון רגע צו רגע.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער עולם צע-ווייגט און דער תּלין האָט אים געבראַכט וואַסער. אָבער דאָ האָט זיך אויפגעהויבן דער ווזיר און האָט אים אַרויסגעשלאָגן פון דער האַנט דעם קרוג מיט וואַסער און דערביי האָט ער זיך צוביייזערט אויפן תּלין. דעמאָלט האָט דער תּלין פאַרבונדן אַלי-נור-עד-דינען די אויגן און צוגעגרייט אים צו דער טויטשטראָף. אָבער דער עולם, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט זיך נישט געקאָנט באַרוהיקן און עס האָבן זיך דערהערט האַרבע אויסרופן געגן ווזיר. פּלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבן אויפן וועג, וואָס פירט אין שטאָט אַריין, אַ גרויסער וואָלקן שטויב, און דער סול-טאַן, וואָס האָט אים דערזען פון זיין פּאַלאַץ, האָט זיך געווענדט צו זיינע הויפּלייט:

„זעט נאָר, צי פירט מען דאָס נישט עפּיס אַ וויכטיקע ידיעה אַהער?״

האָט דער ווזיר אַ קוק געטאָן אַהין, וואו דער וואָלקן שטויב האָט זיך אויפגעהויבן סאַמע ביזן הימל, און האָט זיך אָנ-גערופן צום סולטאַן:

„דאָס גייט אונז נישט אָן דערווייל. פריער מוז אָפּגע-האַקט ווערן דער קאָפּ פון דעמדאָזיקן מאַן.״

אָבער דער סולטאַן האָט באַמערקט דערויף:

„ניין, מיר וועלן וואַרטן, ביז מיר וועלן זיך נישט דער-וויסן, וואָס עס ווערט אונז געפירט.״

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט דעם וואָלקן שטויב אויפגעהויבן דזשאַפאַר, דער ווזיר פון קאַליף מיט זיין סוויטע, דרייסיק טעג זיינען אַוועק, ווי אַלי-נור-עד-דין איז אַרויס פון באַגדאַד אויפן וועג קיין על-באַשראַה און דער קאַליף האָט אָרג פאַרגעסן אָן אים. איינמאָל אָבער איז ער אַריין צו ענים-

על-דזשעליס אין צימער און האָט דערזען, אַז זי איז בלאַס און אומעטיק, און אַז ער האָט געפּרובט מיט איר ריידן, האָט זי בלויז אַרויסגעזאָגט דאָסדאָזיקע ליד:

דו שטייסט פאַר מיינע אויגן טאָג און נאַכט,
דאָך ווייס איך נישט—צי דו ביזט ווייט פון מיר, צי נאָנט.

דערזען דעם קאַליף, איז זי געפאַלן אויף די קני און געקושט אים די פיס און דערנאָך פאָרגעלייענט דאָסדאָזיקע ליד:

דו מאַן פון ריינעם בלוט, דו שיינער גרויסער מאַן!
ווי אויף אַ הויכן צווייג אַ פרוי: גאָלד מיט זאַפט—
אַזוי זעסטו מיר אויס, דו מאַן פון ריינעם בלוט.
דו האָסט, אָ, מאַן, אַמאָל געגעבן מיר דיין וואָרט.
נאָר צי געדיינקסטו, וואָס דו האָסט פאַרשפּראָכן מיר?

„ווער ביזטו?"—האָט זי דער קאַליף געפרעגט.
און זי האָט געזאָגט:

„איך בין דיר געשיינקט געוואָרן דורך אַלי-נור-עד-דין, דעם זון פון על־פאַדל, דעם זון פון קאַקאַן, אָבער מיין וואונש איז, דו זאָלסט דערפילן דיין וואָרט, וואָס דו האָסט מיר געגעבן: דו באַדאַרפסט מיך אָוועקשיקן צו אים צוזאַמען מיט אַן ערנגעשאַנק. זאָלסט וויסן, אַז דרייסיק טעג האָב איך דאָ פאַרבראַכט, אָבער דרייסיק נעכט האָב איך נישט צוגעמאַכט מיט אַן אויג."

האָט זיך דער קאַליף באַלד דערמאָנט, וואָס עס איז געשען און ער האָט אַ רוף געטאָן דזשאַפאַרן און אים געזאָגט:

„דרייסיק טעג האָב איך נישט באַקומען קיין שום ידיעה פון אַלי-נור-עד-דין, דעם זון פון על-פאַדל, דעם זון פון קאַקאַן, און מיר שיינט, אַז דער סולטאַן האָט אים געטויט. אָבער איך שווער דיר מיט מיין קאָפּ און מיט דעם קבר פון מיינע אבות, אַז איך וועל אָן רחמנות אומברייינגען דעמיעניקן, וואָס האָט אַרויפגעלייגט אויף אים אַ האַנט, מעג ער מיר זיין דער סאַמע נאָנטסטער מענטש. איך האָב איצט איין פאַרלאַנג, דו זאָלסט זיך אַוועקלאָזן קיין על-באַשראַך און פון דאָרט מיר געבן צו וויסן, וואָס האָט דאָרט דער סולטאַן מאַכמעד, דער זון פון סוליימאַן-

עס־זייני, געטאָן מיט אַלי־נור־עד־דין, דעם זון פון על־פּאַדל, דעם זון פון קאַקאַן.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט נישט לאַנג געדויערט און דזשאַפּאַר האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין.

געקומען קיין על־באַשראַך, האָט ער דערזען אַ גרויסן המון אַרום דעם סולטאַנס פּאַלאַץ, האָט ער אַ פרעג געטאָן איינעם פון דעמדאָזיקן המון:

„זאָג מיר, וואָס געשיט דאָ?״

האָט מען אים מיטגעטיילט פון אַלץ, וואָס דאָ איז געשען און דעמאָלט איז דזשאַפּאַר תיכף אַריין אין סולטאַנס פּאַלאַץ און זיך געמאָלדן צום סולטאַן.

אַז דער סולטאַן האָט אים אויפגענומען, האָט ער אים אי־בערגעגעבן די סיבה פון זיין נסיעה. דערביי האָט ער געזאָגט, אַז אויב מיט אַלי־נור־עד־דינען איז עפּיס געשען, וועט דער קאַ־ליף זיכער טויטן דעם סולטאַן. באַלד דערויף האָט ער אים אַרע־סטירט צוזאַמען מיט זיין וויזיר על־מאַ׳און, דעם זון פון סאַוויע און אויפן טראָן איז מיט גרויס פּאַראַד אַוועקגעזעצט געוואָרן אַלי־נור־עד־דין, דער זון פון על־פּאַדל, דער זון פון קאַקאַן. דריי מעת־לעת האָט דזשאַפּאַר פאַרבראַכט אין על־באַשראַך, וואָס דאָס איז די געוויינלאַכע צייט פאַר פאַרוויילונגען, מאָלצייטן און פּאַלאַץ־צערעמאָניעס פון אַ נייעם סולטאַן, און אויפן פערטען טאָג אינדערפרי האָט זיך אַלי־נור־עד־דין אָנגערופן צו דזשאַפּאַרן:

„איך וואָלט זייער וועלן זען דעם מלך פון די רעכט־גלויביקע.״

דערויף האָט דער וויזיר געזאָגט.

„דו וועסט אים זען.״

אין אַ שעה אַרום איז דזשאַפּאַר אַוועק צו דעם סולטאַן מאַכמעד, דעם זון פון סוליימאַן און געזאָגט:

„מאַך דיך גרייט אין וועג אַריין, וואָרום נאָך דער פרי־מאָרגנדיקער תפילה פאַרלאָזן מיר די שטאָט על־באַשראַך.״

און דער סולטאַן האָט געענטפערט:

„איך הער און געהאָרך.״

און נאָך דער פרימאָרגנדיקער תּפילה האָבן זיך אַלע אַנידערגעזעצט אויף די מויל־אייזלען און אַרויסגעפאָרן פון על-באַשראַך. מיט זיי צוזאַמען איז אויך מיטגעפאָרן דער וויזיר על-מאַ׳און, דער זון פון סאַוויע, אָבער זיין האַרץ האָט זיך שטאַרק געפּייניקט פון חרטה. אַלי-נור-עד-דין, דער נייער סולטאַן איז, באַטירלאַך, אויך געפאָרן און צו דער באַשטימטער צייט זיינען זיי בשלום געקומען קיין באַגדאַד, די שטאָט פון שלום און רו.

דזשאַפאַר האָט זיך באַלד געשטעלט פאַרן קאַליף און האָט אים דערציילט פון אַלץ, וואָס איז געשען מיט אַלי-נור-עד-דין.

נאָכדעם, ווי דער קאַליף האָט אויסגעהערט אַלץ, וואָס דזשאַפאַר האָט דערציילט, האָט ער זיך אָנגערופן צו אַלי-נור-עד-דין:

„נעם דיר דעמדאָזיקן שווערד און האַק-אַראָפּ דיין פיינט דעם קאָפּ.״

האָט אַלי-נור-עד-דין גענומען דעם שווערד און צוגעגאַנגען צום וויזיר על-מאַ׳און, דעם זון פון סאַוויע, אָבער יענער האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט:

„יעדער האַנדלט לויט זיין כאַראַקטער: איך האָב געהאַנדלט שלעכט. איצט וועל איך זען, ווי אַזוי וועסטו זיך באַגיין.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט אַלי-נור-עד-דין אַ וואָרף געטאָן זיין שווערד און זיך אָנגערופן צום קאַליף:

„אָ, מלך פון די רעכטגלויביקע! ער האָט מיך אַנטוואָפנט!״

האָט דער קאַליף געזאָגט:

„נו, טאָ לאָז אים לעבן. אָבער דו, מעסור,—האָט דער קאַליף אויפגעהויבן די אויגן אויף מעסורן,—נעם דעם אייגענעם שווערד און האַק אים אַראָפּ דעם קאָפּ.״

האָט מעסור באַלד דערפילט דעם קאַליפס רצון, נאָכדעם האָט זיך דער קאַליף אָנגערופן צו אַלי-נור-עד-דין:

„זאָג, וואָס באַגערסטו? איך וועל דיר אַלץ טאָן.״

האָט זיך אַלי-נור-עד-דין טיף פאַרנייגט און געזאָגט:

„אָ, מיין גרויסער מלך! איך וויל גאָרנישט זיין קיין סול-

טאַן פון על-באַשראַך. דינען דיר איז מיר ליבער און זיסער.״

„זאָל זיין אַזוי,״—האָט דער קאַליף נאָכגעגעבן און האָט געהייסן אריינפירן די שקלאַפין.

נאָכדעם האָט זיי דער קאַליף באַשאָנקען מיט טויזנטער מתנות, מיט גאָלד און זילבער און בריליאַנטן. אויסערדעם, האָט ער זיי אויסגעבויט אַ וואונדערשיינעם פּאַלאַץ אין באַגדאַד און האָט זיי באַשטימט אַ גרויסע יערלאַכע פּענסיע. אַלי-נור-עד-דין איז געוואָרן זיין טיש-קאַמעראַד, און ביזן סאַמע טויט האָבן אַלע צוזאַמען גליקלאַך און פריילאַך געלעבט און שטענדיק גענאָסן פון ליכט און ווין און געזאַנג און זיסע תּפילות.

די געשיכטע פון גנאכים, דעם זון פון עיוב, דעם אומרוהיקן שקלאף פון ליבע.

הויבט זיך אָן אינמיטן פון דער זעקסאונ־דרייסיקסטער נאַכט און ענדיקט זיך אינ־מיטן פון דער פיראונפערציקסטער.

און שעכערעזאַדע האָט ווייטער דערציילט:

„אָ, מיין גליקלאַכער מלך, דאָס איז אַ געשיכטע, וואָס איז אַמאָל געשען אין דמשק. דאָרט האָט אַמאָל געוואוינט אַ רייכער סוחר, וואָס האָט געהאַט אַ זון, שיין ווי די לבנה און אָנשטאָט ווערטער פלעגט אים טריפן האָניק פון די ליפן. געהייסן האָט ער גנאַכים*), דער זון פון עיוב, אָבער ער האָט געהאַט אַ שוועסטער מיטן נאָמען פיטנעך**), וואָס איז געווען וואונדערלאַך שיין, ווי טויזנט לבנות. זייער פאָטער איז פרי געשטאָרבן און האָט זיי איבערגעלאָזט אַ גרויסע ירושה, דערין אַ סך זיידנס

*) „גנאַכים" באַדייט אַ מענטש, וואָס האָט הצלחה אין אַלץ.

**) „פיטנעך"—שיין, פול רייץ, פאַרפירעריש.

און פיל זעק מיט מאַשוס. אויף דידאָזיקע זעק איז געווען אָנ-געשריבן: „פראַכט קיין באַגדאַד", ווייל ער האָט גערעכנט צו פאָרן אין דערדאָזיקער שטאָט.

נאָך דעם פאָטערס טויט, וואָס געשיט אַלעמאָל לויט'ן רצון פון בורא, געבענשט און געלויבט זאָל ער זיין, האָט דער זון גענומען די אַלע פראַכטן און איז אַוועקגעפאָרן קיין באַג-דאַד. פאַרן אַוועקפאָר האָט ער זיך, נאַטירלאַך, געזעגנט מיט זיין מוטער, מיט די קרובים און באַקאַנטע און איז בשלום גע-קומען קיין באַגדאַד מיט די גאַנצע פאַרטיע סוחרים. האָט ער זיך באַלד אָנגעדונגען זייער אַ שיינע וואוינונג מיט אַ סך טע-פיכן, קישנס און פאָרהאַנגלאַך, און נאָכדעם, ווי ער האָט צולייגט אין אָרדנונג זיינע פראַכטן און פאַנאַנדערגעשטעלט זיינע מויל-אייזלען און קעמלען, האָט ער זיך אויסגערוט עטלאַכע טעג. אַז די עטלאַכע טעג זיינען אַריבער, האָבן אים גענומען באַזוכן גרויסע סוחרים און רייכע לייט פון באַגדאַד. דעמאָלט האָט ער גענומען אַ גרויסן זאַק מיט צען שטיקער זיידנס, וואָס אויף יעדן פון זיי איז אָנגעצייכנט געווען דער פרייז, און איז דער-מיט אַוועק אויפ'ן מאַרק. די סוחרים פון מאַרק האָבן זיך אים זייער העפלאַך פאַרנויגט און דער שייך פון מאַרק האָט אים אַוועקגעזעצט ביי זיך אין קראָם. פאַר יעדעס שטיק זיידנס האָט ער באַלד באַקומען צוויי דוקאַטן, און דערדאָזיקער פרייז האָט אים זייער צופרידנגעשטעלט. ביסלאַכווייז האָט ער פאַרקויפט זיינע סחורות און אַזוי איז אַדורכגעלאָפן אַ יאָר צייט.

אין דעם ערשטן טאָג פון צווייטן יאָר איז ער, ווי אַלע-מאָל, אַוועק אויפן מאַרק, אָבער צו זיין גרויסן וואונדער איז דער מאַרק געווען געשלאָסן און קיין מענטשן האָט מען נישט געזען. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַרום דעם פאַרשלאָסענעם מאַרק, ביז ער האָט אָנבאַגעגנט אַן אומבאַקאַנטן מאַן, וועלכן ער האָט געפרעגט די סיבה דערפון, און יענער האָט געזאָגט:

„געשטאָרבן אַ סוחר פון מאַרק, זיינען אַלע אַוועק צו זיין

לויה. אויב דו ווילסט באַלוינט ווערן*), טאָ גיי אויך צו דער לויה."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז גנאַכים אַוועק אויפן בית-עולם, וואו ער האָט זיך אָפּגעוואַשן די פיס און נאָכדעם איז ער מיט אַלע סוחרים אַוועק צום קבר, וואו דער עולם האָט מתפלל-געווען פאַרן טויטן. די משפחה פונם געשטאָרבענעם האָט אויפגעשטעלט אַ ביידל איבערן קבר און דאָס ביידל איז באַ-לויכטן געוואָרן מיט לאָמפּן און ליכט. דערביי האָט מען מקבר-געווען דעם מת און געדונגענע מענטשן האָבן געלייענט דעם קאָראַן. גנאַכים האָט זיך אויך געפונען נעבן קבר און נעבן די מענטשן, וואָס האָבן געלייענט דעם קאָראַן, אָבער פּלוצלונג האָט אים דורכגענומען אַ גרויסער פּחד און די פיס האָבן אים גענו-מען ציטערן און אין די אויגן איז אים פינסטער געוואָרן. דע-מאָלט האָט ער זיך געזאָגט: „אָבער איך קאָן דאָך נישט אַוועק-גיין פון דאַנען. עס איז נישט שיין."

דעם קאָראַן האָט מען געלייענט ביז נאַכט, און די צוהע-רער, וואָס זיינען געזעסן אַרום קבר, האָבן גענומען עסן אָוונט-ברויט און נאַשערייען, וואָס די דינער האָבן געבראַכט. נאָכן עסן האָבן זיי צעוואַשן די הענט און ווידער געהערט דעם קאָראַן.

גנאַכימס האַרץ האָט זיך אַלץ נישט באַרוהיקט און איצט האָט ער שוין געטראַכט פון גנבים און גזלנים, וואָס צוגנבענען און צורויבן פרעמדע סחורות. „איך בין דאָ אַ פרעמדער מענטש,— האָט ער געטראַכט,— און אויב איך וועל די נאַכט פאַרברייגען צוזאַמען מיט די סוחרים, וועט מען זיכער צוגנבענען מיין האָב און גוטס."

און דער פּחד האָט אין אים אַלץ געוואַקסן און קאַלט איז אים געוואָרן. דעמאָלט האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך אָנגערופן צו די סוחרים, אַז ער מוז נאָך היינט באַזאָרגן מאַנכע ענינים, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט זיי צעזעגנט, איז ער

*) די אַראַבער האַלטן, אַז דער, וואָס באַטייליקט זיך אין אַ לויה, ווערט באַלוינט פון גאָט.

אוועק אהיים. אָבער עס איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט, און אַז ער איז געקומען צו די שטאָטטויערן, זיינען זיי געווען גע־שלאָסן. קיינער איז נישט אַרויס און נישט אַריין, עס האָבן בלויז געבילן הינט און וועלף האָבן ערגעץ מרה־שחורהדיק גע־וואָיעט. דעמאָלט האָט גנאַכים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרץ און געזאָגט:

„כח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט! איך האָב מיך געשראָקן פאַר מיין האָב און גוטס און בין אַוועק אין שטאָט. האָב איך געפונען די טויערן פאַרשלאָסן. אָבער איצט שרעק איך מיך שוין פאַר מיין אייגן לעבן.״

נאָכדעם האָט ער גענומען זוכן אַן אָרט, וואו ער זאָל קאָנען איבערנעכטיקן. האָט ער לאַנג געזוכט און געפונען האָט ער אַ קליינעם פאַמיליען־בית־עולם, וואָס איז געווען אַרומגע־רינגלט מיט פיר ווענט און געוואַקסן זיינען דאָרט פאַלמענביי־מער. די טיר פון דעמדאָזיקן בית־עולם איז געווען אָפן, איז ער אַריינגעגאַנגען און זיך אַנידערגעלייגט צווישן די קברים און צוגעמאַכט די אויגן, אָבער דער שלאָף איז אים פון אַנטרונען.

איז דער פחד נאָך גרעסער געוואָרן, פון מינוט צו מינוט איז ער געוואַקסן און גנאַכים האָט זיך אויפגעהויבן אַ בלאַסער פון צווישן די קברים און איז אַוועק צו דער טיר פון בית־עולם. שוין דאָ האָט ער פלוצלונג באַמערקט אַ פייערל נישט ווייט פון די שטאָטטויערן. האָט ער געמאַכט אַ פּאָר טריט פאָרויס, און דעמאָלט האָט ער דערזען, ווי דאָס פייערל באַוועגט זיך און דערנענטערט זיך צום בית־עולם. האָט זיך דער פחד אין גנאַ־כינען נאָכמער געשטאַרקט, האָט ער פאַרשפאַרט די טיר און זיך אומגעקערט צוריק און זיך באַהאַלטן אויפן שפּיץ פון אַ פאַלמענ־בוים. אָבער דאָס פייערל האָט זיך אַלץ באַוועגט, און אָט איז עס געקומען אַזוי נאָנט, אַז גנאַכים האָט שוין געקאָנט זען ווי צוויי שוואַרצע שקלאַפן האָבן געטראָגן עפּיס אַ קאַסטן און אַ דריטער האָט אין איין האַנט געהאַלטן אַ לאָפּאַטע און אין דער אוויסער—אַ לאַמטערנע. אַז זיי זיינען געקומען צו דער טיר צון נישט ווייט פונם בוים, וואו גנאַכים איז געזעסן, האָט איי־

בער פון די צווי, וואָס האָבן געטראָגן דעם קאַסטן, זיך אָנגעּרופן צו זיין חבר:

„וואָס איז מיט דיר, אָ, סאַוואַי?"

האָט דער צווייטער זיך עטוואָס צוגעשטעלט און געזאָגט:

„וואָס איז דיר, אָ, קאַפור?"

דעמאָלט האָט דער ערשטער ווידעראַמאָל געזאָגט:

„שוין-זשע האָט עס ווען געטראָפן, אַז מיר זאָלן ביינאַכט נישט לאָזן אָפן די טירן?"

„יאָ,—האָט דער צווייטער געזאָגט,—דו ביזט גערעכט. אַזוינס האָט ווירקלאַך קיינמאָל נישט פּאַסירט."

„אָבער וואָס פאַר אַ נאַראָנים איר זענט,"—האָט זיך אָנגערופן דער דריטער,—דאָ נעכטיקן אַלעמאָל די לייט פון באַגדאַד, ווען זיי געפינען פאַרשלאָסן די שטאָטטויערן? אין אַזוינע פאַלן פאַרשפּאַרן זיי די טיר פון בית-עולם, ווייל זיי האָבן מורא פאַר די נעגרעס, וואָס שעכטן זיי לעבעדיקערהייט און מאַכן פון זיי אַ פיין געבראָטנס"*).

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָבן יענע צווי געזאָגט:

„דו ביזט פולקום גערעכט, הגם דו ביזט נאַרישער פאַר אונז ביידן."

אָבער דער דריטער האָט ווייטער געזאָגט:

„איך זע, אַז איר גלויבט מיר נישט, אָבער איר וועט מיר זיכער גלויבן, ווען איר וועט אַרויף אויפן בית-עולם און וועט דאָרט עמיצן דערטאַפּן. איך וועל אייך נאָך בעסער זאָגן, יענער האָט דערזען אונזער פייערל און האָט זיך באַהאַלטן אויפן שפּיץ פון אַ פאַלמענבוים."

„אָ, באַקכיט!—האָבן זיך אָנגערופן צו אים די אַנדערע צווי שקלאַפן, וואָס האָבן געטראָגן דעם קאַסטן—קריך-אַריבער

*) שווער קאַטעגאָריש צו זאָגן, צי דידאָזיקע פראַזע באַדאַרף פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ שפּאַס. אָבער אין קאַירא ווערט נאָך היינט דערציילט, אַז די נעגרעס עסן מענטשנפלייש, הויפּטזעכלאַך פון די ווייסע און אַלס באַווייז דערצו דערציילט מען שטענדיק, אַז אַן אַם ראַט נישט לאַנג אויפגעגעסן דאָס זויגקינד.

דעם פאַרקן און עפן אונז די טיר, ווייל מיר זיינען מיד, דער קאַסטן איז אַ שווערער. אויב דו וועסט אונז שנעל עפענען די טיר, באַקומסטו איינעם פון די מענטשן, וואָס מיר וועלן דאָרט פאַקן, און דו וועסט אים קאָנען אָפּבראָטן בלויז פאַר זיך אַליין, אַזוי, אַז קיין איין טראָפּעלע פעטס וועט דיר נישט פאַרלאָרן גיין. אַלץ וועט בלייבן ביי דיר אין מויל און אין מאָגן.״

אָבער דער שקלאַף מיט דער לאָפּאַטע האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און געזאָגט:

„איך האָב שטענדיק מורא פאַר אַלץ, וואָס איז מיר אומפאַרשטענדלאַך, און דעריבער לאָמיר דאָ איבערלאָזן דעם קאַסטן.״

דערויף האָבן יענע צוויי געזאָגט:

„דאָס טויג נישט, מען קאָן נישט איבערלאָזן דעם קאַסטן.״

האָט באַקכיט ווידעראַמאָל געזאָגט:

„איך האָב מורא, אויף יענער זייט מוזן זיין גזלנים, וואָס דערהרגענען מענטשן און באַרויבן זיי. זיי קומען שטענדיק אַהער און פאַרטיילן צווישן אייננאַנדער דאָס אָנגערויבטע.״

האָבן זיך יענע צוויי צולאַכט און אויסגעשריען:

„דו ביזט געווען אַ נאַר און דו ביזט אַ נאַר! וואָס שרעקסטו זיך?״

האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט דעם קאַסטן אויף דער ערד און זיינען אַריבערגעקראָכן דעם פאַרקאַן און נאָכדעם האָבן זיי געעפנט די טיר.

אַז זיי האָבן אַריינגעטראָגן דעם קאַסטן און צוריק פאַרשפאַרט די טיר, האָט זיך איינער פון זיי אָנגערופן:

„אָ, מיין ברודער, מיר זיינען מיד פון וועג און פון דער משא, וואָס מיר האָבן געטראָגן. גראָבן אַ קבר איז אַ שווערע אַרבייט. נישטאָ קיין כּחות דערויף. לאָמיר בעסער זיך אַנידערזעצן און אָפּרוען עטלאַכע שעה—צייט איז פאַראַן גענוג, און דערנאָך וועלן מיר זיך נעמען צו דער אַרבעט. אָבער אָפּרוען אַליין איז נאָך ווייניק: זאָל יעדער פון אונז דערציילן אויספירלאַך זיין לעבנסגעשיכטע, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט פון אָנהויב ביזן סוף.״

האָבן די איבעריקע צוויי איינגעשטימט אויף דעמדאָזיקן פאָרשלאָג, און באַקכיט, דער שקלאַף, וואָס האָט געטראָגן די לאָפּאַטע און די לאַמטערנע, האָט דער ערשטער גענומען דער־ציילן. אָבער דידאָזיקע געשיכטע איז געווען אַזאַ, אַז עס איז נישט מעגלאַך זי איבערצוגעבן*); באַלד נאָך אים האָט דער צווייטער אָנגעהויבן דערציילן זיין לעבנסגעשיכטע און אַזוי האָט ער פאַרציילט.

די געשיכטע פונם שקלאַף קאַפור.

„אָ, מיינע ברידער! וויסן זאָלט איר, אַז איך געדיינק מיך נאָך פון דער צייט, ווען איך בין אַלט געוואָרן אַכט יאָר און איך האָב געהאַט די געוויינהייט צו זאָגן אַ האַר און אַ שררה איין ליגן אַ יאָר. סוף-כל-סוף האָט מיר דער ליגן, נאַטירלאַך, געשאַדט און איינמאָל האָט מיך אפילו דער באַלעבאָס אָפּגעגעבן צו אַ מעקלער, וועלכן ער האָט אָנגעזאָגט, אַז פאַרקויפן זאָל ער מיך מיט דידאָזיקע ווערטער:

„ווער וויל קויפן אַ שקלאַף מיט אַ פעלער?"

האָט דער מעקלער אַזוי געטאָן און די סוחרים האָבן אים געפרעגט:

„וואָס פאַר אַ פעלער?"

דערויף האָט דער מעקלער באַמערקט:

„ער זאָגט איין ליגן אַ יאָר."

איז צוגעגאַנגען אַ סוחר צום מעקלער און געפרעגט:

*) דידאָזיקע געשיכטע איז אַזוי ווייט ארויס פון די ראַמען פון אָנשטענ־דיקייט, אַז אין דיבעסערע איינגלישע, דייטשע און פראַנצויזישע איבערזעצונגען זי אַרויסגעפאַלן.

„וויפיל גיט מען פאר דעמדאזיקן שקלאף מיט א פעלער?"

„פינפהונדערט זילבערשטיק," — האט דער מעקלער געענט־פערט.

„נו, קאנסטו זיך נעמען פון דעם פרייז צוואנציק גאלד־שטיק," — האט דער סוחר געזאגט.

האט אים דער מעקלער אוועקגעפירט צו מיין באלעבאס, און דארט איז אים אויסגעצאלט געווארן דאס געלט און אזוי בין איך פארקויפט געווארן צום סוחר.

מען האט מיך באלד אנגעטאן אין פיינע קליידער און איך האב ביי אים געדינט ביז ניי־יאר. דאס נייע יאר האט זיך גליקלאך אנגעהויבן, די פעלדער האבן ארויסגעגעבן זייער א סך תבואות און סוחרים און רייכע לייט האבן עפטער געמאכט בע־לער. מיין באלעבאס איז, נאטירלאך, אויך נישט געשטאנען פון וייטן און האט געמאכט זייער א רייכן מאלצייט אין א גארטן, אונטערן שטאט.

ער האט מיטגענומען אין דעמדאזיקן גארטן אלץ, וואס איז נאר געווען צום עסן און צום טרינקען. עס האבן נישט געפעלט די בעסטע וויינען און די זיסטע נאשערייען און די געסט האבן זיך משמח־געווען ביז האלבן טאג. דעמאלט האט זיך דער באלעבאס דערמאנט, אז ער האט נאך עפיס פארגעסן אין שטוב, האט ער זיך אויפגעהויבן און א געשריי געטאן:

„היי, שקלאף! זעץ דיך אויפן מוילאייזל און ברייננ אהער פון מיין שטוב א זאך, וואס איך האב פארגעסן. אבער געדיינק: זאלסט עס וואס שנעלער מאכן."

איך פארשטייט, מיין איך, אליין, אז אין א מינוט ארום בין איך שוין געזעסן אויפן מוילאייזל און העגדום־פענדום גע־פלויגן אהיים. אבער אז איך בין געקומען אין שטאט אריין, האב איך געגומען שרייען, רייסן זיך די האר פון קאפ און פארגיסן טייכן טרערן, אזוי, אז באלד איז זיך צונויפגעלאפן די גאנצע שטאט, יונג און אלט זיינען געשטאנען און געגאפט און געשטוינט, קוקנדיק אויף מיר. דערהערט דידאזיקע געשרייען, איז ארויסגעלאפן פון שטוב דאס ווייב פון מיין האר צוזאמען

מיט אַ טאָכטער און ביידע האָבן געגלאָצט מיט די אויגן און ביידע האָבן אין איין קול געפרעגט, וואָס איז געשען מיט מיר.

האָב איך מיר נאָך שטאַרקער גענומען רייסן די האָר פון קאָפּ און נאָך שטאַרקער גענומען פליקן די קליידער אויף זיך און מיט גרויסע ווײ־געשרייען האָב איך מיך אָנגערופן:

„מיין האַר איז צוזאַמען מיט זיינע געסט געזעסן אונטער אַן אַלטער וואַנט און דידאָזיקע וואַנט איז געפאַלן אויף זיי. און אַז איך האָב עס, ווײ צו מיר און צו מיין לעבן, דערזען, האָב איך מיך תיכף אַרויפגעכאַפּט אויפן מוילאייזל און אָט בין איך געקומען אין שטאָט אַריין, מיטצוטיילן אייך פון דעמדאָזיקן אומגליק.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָבן ווייב און טאָכטער גענומען רייסן אויף זיך די האָר און די קליידער און זיך גענומען שלאָגן מיט די פויסטן אין פנים אַריין, אַזוי, אַז אויף דער גאַנצער שטאָט איז געפאַלן אַן אימה און אַ שרעק. נאָכדעם איז דעם האַרס ווייב אַריינגעפאַלן אין שטוב און איבערגעקערט די גאַנצע שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ, די שויבן אויסגעבראָכן, די פענסטעררעמען און די ווענט אַרויסגעקלאַפּט און די גאַנצע צייט אין איין קול געשריען:

„אָ, מיין האַר!״

דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן צו מיר:

„ווײ צו דיר, אָ, קאַפור! קום נאָר אַהער, איך בעט דיך, און העלף מיר צוברעכן דעמדאָזיקן שקאַף און וואַרף מיר אַרויס דעמדאָזיקן כינעזישן פאַרפאָר.״

בין איך אַראָפּגעלאָפן פון מוילאייזל און אַריינגעלאָפן אין שטוב און דאָ האָב איך גענומען ברעכן פאָליצעס און שאַפעס און טישן און בענק און אַזוי האָב איך צובראָכן אַלץ, וואָס דאָרט איז געשטאַנען, און מיט די פיס צוטראָטן און צופיצלט און צופליקט און אַרויסגעשליידערט אין דרויסן, און די גאַנצע צייט האָב איך אין איין קול געשריען:

„אָ, מיין האַר! מיין האַר!״

דאָס ווייב פון מיין האַר איז אַרויס אין דרויסן מיט אַן אָפּגעדעקטן געזיכט, אָן אַ שלייער. זי איז געווען אַזוי צומישט,

אַז זי האָט נישט געזען, וואָס אַרום איר טוט זיך און זי האָט מיך לאַנג געזוכט מיט די אויגן, און אַז זי האָט מיך, צולעצט, דערזען, איז זי צוגעגאַנגען צו מיר אין דער באַגלייטונג פון אירע יונגעלאַך און מיידעלאַך און געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

„אָ, קאַפּור! גיי פּאָרויס און ווייז אונז דאָס אָרט, וואו דיין האַר איז אומגעקומען אונטער דער וואַנט. איך וויל אים אָפּזוכן אַ טויטן און אים מקבר-זיין, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ געשעצטן און געאַכפּערטן מאַן, ווי ער איז געווען.“

בין איך אַוועק פאָרויס און געשריען: „אָ, מיין האַר! אָ, מיין האַר!“ און זיי זיינען געגאַנגען הינטער מיר מיט אָפּגעדעקטע קעפּ און געזיכטער*) און מיט גרויס געוויין איבערגעחזרט דידאָזיקע ווערטער:

„אָ, וויי צו אונז! וויי צו אונז! דאָס גרעסטע אומגליק איז מיט אונז געשען.“

און אין דעם גאַנצן שטאָטפערטל איז נישט פאַרבליבן קיין איין מאַן און קיין איין פרוי און קיין איין קינד און קיין איין מיידל און קיין איין זקנה, וואָס זאָל נישט גיין מיט אונז און זאָל זיך נישט באַטייליקן אין אונזער אומגליק. אַזוי זיינען מיר, הונדערטער מענטשן, דורכגעגאַנגען די גאַנצע שטאָט, און אַז עמיץ פון די אַנטקעגנגייענדיקע האָט געפרעגט, וואָס איז דאָ געשען פאַר אַן אומגליק, האָט מען אים דערציילט דאָס, וואָס מען האָט געהערט פון מיר, און יענער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אויסגעשריען:

„כח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט! לאָמיר גיין צום וואַלי און מיטטיילן אים פון דעם, וואָס איז געשען.“

און אַזוי האָט זיך דער וואַלי דערוואוסט פון דעם, און ער האָט זיך תיכף-ומיד אַרויפגעכאַפּט אויף זיין מוילאייזל, און ער האָט מיטגענומען מיט זיך אַ סך אַרבעטער מיט העק און

*) אַראַבישע פרויען דעקן-אויף פאַר זייטיקע דעם קאָפּ און דאָס געזיכט בלויז אין אַ גרויס אומגליק.

קערב און זיך אויך אַוועקגעלאָזט מיט אונז צוזאַמען צו דעם אָרט פונם אומגליק."

איך בין אַוועקגעלאָפן אַ שטיק וועג פאָרויס און געשריען און געוויינט און באַשאָטן זיך מיט אַש דעם קאָפּ און זיך גע־פּאַטשט אין די באַקן אַריין. און אַז איך בין געקומען צו מיין האַר, וואָס איז געזעסן גאַנץ געמיטלאַך מיט זיינע געסט אין גאָרטן, האָב איך פאַרדעקט מיט די הענט דאָס געזיכט און אַ געשריי געטאָן:

„אָ, מיין טייערע האַרין! ווער קאָן מיך באַדויערן נאָכדעם, ווי זי איז געשטאָרבן! וואָס טויג מיר מיין לעבן, אַז זי איז טויט?"

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער באַלעבאָס שנעל אַ כאַפּ געטאָן פון זיין אָרט און נישט־טויט, נישט־לעבעדיק אַ פרעג געטאָן:

„אָ, קאַפור! קאַפור! וואָס איז געשען? צי קאָנסטו מיר נישט זאָגן, וואָס דו וויינסט און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ?"

האָב איך מיך אָנגערופן מיט די לעצטע כחות:

„בשעת דו האָסט מיך געשיקט, איך זאָל דיר ברענגען אַ זאַך, וואָס דו האָסט פאַרגעסן, האָב איך געטראָפן אַ חורבן אין דיין הויז: זאָלסט וויסן, אַז די וואַנט פון גאַסטצימער איז איינ־געפאַלן אויף דיין פרוי מיט די קינדערלאַך."

האָט זיך מיין האַר אַ וואַקל געטאָן אויף די פיס און גע־פרעגט מיט אַ געפאַלענער שטים:

„אָ, קאַפור, איז מיין ווייב אומגעקומען?"

„אומגעקומען! אומגעקומען!—האָב איך געשריען, רייסנדיק זיך די האָר אויפן קאָפּ—אָבער די ערשטע איז אומגעקומען דיין עלטערע טאָכטער."

האָט מיין האַר צוגעמאַכט די אויגן און קוים געפרעגט:

„איז די יינגסטע כאָטש געבליבן?"

„ניין, די יינגסטע אויך נישט,"—האָב איך זיך ביטערלאַך צעוויינט.

„און דער מוילאייזל, אויף וועלכן איך פלעג אַלעמאָל

רייטן?"—האָט ער ווייטער געפרעגט און פון די צוגעמאַכטע אויגן זיינען אים געפאַלן טרערן.

„און דער מוילאייזל אויך נישט,—האָב איך געזאָגט,—עס זיינען איינגעפאַלן די ווענט פון הויז און די ווענט פון שטאַל און זיי האָבן אונטער זיך באַגראָבן אַלץ, וואָס עס האָט געלעבט אין הויז און אין שטאַל. עס זיינען אומגעקומען די שעפסן, ציגן און הינער, זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלוט און מיסט און קיינער האָט זיך נישט געראַטעוועט."

„אָבער מיין עלטערער זון?"—האָט מיין האַר געפרעגט און הענט און פיס האָבן אים גענומען ציטערן ווי אַ בלאַט אין הערבסט.

און איך האָב אַלץ געענטפערט דאָס אייגענע און אַלץ גרעסערע געוואַלדן געמאַכט:

„אומגעקומען! אומגעקומען! פרעג גאָרנישט! פון די מענטשן איז קיין זכר נישט געבליבן און די דערהרגעטע ציגן, שעפסן און הינער ליגן ווי מיסט אין דרויסן און די גאַסנהינט מוזן גראָבן די נעזער אין זיי."

דעמאָלט האָט זיך מיין האַר נאָכאַמאָל אַ וואַקל-געטאָן אויף זיינע פיס און איז אַנידערגעפאַלן אין חלשות. אָבער אַז מען האָט אים אָפּגעמינטערט, האָט ער גענומען רייסן אויף זיך די קליידער, די באָרד, די טשאַלמע פון קאָפּ און זיך אַזוי לאַנג געהאַקט מיט די פויסטן אין פנים אַריין, ביז עס האָט זיך געוויזן בלוט, און דערביי האָט ער געשריען מיט די לעצטע כחות:

„אָ, מיינע קינדער! אָ, מיין ווייב! אָ, דאָס גרעסטע אומגליק איז געפאַלן אויף מיר! צי איז נאָך מיט עמיצן אויף דער וועלט געשען דאָס, וואָס מיט מיר איז געשען?"

זיינע געסט, מיט וועלכע ער האָט זיך משמח-געווען, האָבן אויך צוריסן אויף זיך די קליידער און צופליקט די בערד און נאָכדעם זיינען אַלע אַרויס פון גאָרטן. אָבער מיין האַר איז געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז ער איז געגאַנגען, ווי אַ שכור מיט צוגעמאַכטע אויגן, פון וועלכע עס זיינען נאָכאַנאַנדער געפאַלן טרערן.

באַלד ווי זיי זיינען אַרויס פון גאָרטן, האָבן זיי באַמערקט פון דערווייטנס אויפן וועג אַ וואָלקן שטויב און נאָכדעם האָבן זיי דערהערט געשרייען און אַ טופּען פון מוילאייזלען און פערד און נאָכדעם האָבן זיי דערזען, אַז דאָס באַוועגט זיך אַ גרויסע מחנה אַנטקעגן זיי. דאָס איז געגאַנגען דער וואָלי מיט די איינ-וואוינער פון דער שטאָט, וואָס האָבן געוואָלט זען מיט די איי-גענע אויגן דאָס אומגליק, און פאָרויס איז געגאַנגען די פאַמי-ליע פון מיין דערהרגעטן האַר. אין אַ צוויי מינוט אַרום האָט מיין האַר דערזען זיין ווייב און קינדער. איז ער צוערשט פאַר-שטיינערט געוואָרן, און גלעזערנע אויגן האָט ער געהאַט, דער-נאָך אָבער האָט ער זיך צולאַכט און געזאָגט:

„כח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט! זעט, זיי לעבן דאָך! אָבער וואָס איז מיט אונזער הויז? איינגעפאַלן, האַ?"

און זיי, ווידער, האָבן אויך געגאַפט און געקוקט האָבן זיי, ווי מענטשן, וואָס זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון אַ פינ-סטערן קעלער אויף דער זון:

„כח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט? זעט, ער לעבט דאָך! וואָס איז געשען?

און די גאַנצע משפחה איז געפאַלן איינאַנדער אויפן האַלז און זיך געקושט און געוויינט און געטאַנצט און געלאַכט פון שמחה און צומישעניש.

און דאָס ווייב האָט געפרעגט מיין האַר:
אָבער ווי אַזוי האָסטו זיך געראַטעוועט?"
האָט מיין האַר געפרעגט דאָס ווייב:
„זאָג מיר, ווי אַזוי האָסטו זיך געראַטעוועט?"

האָט זי געשטיינט און געגאַפט פון דערדאָזיקער פראַגע און נאָכדעם געזאָגט:

„פון וואָס האָבן מיר זיך געזאָלט ראַטעווען? צי דו רעדסט מיט דיין געזונטן פאַרשטאַנד? מיר זיינען געווען געזונט און גליקלאַך און אין שטוב איז ביי אונז גאָרנישט געשען, ביז ער איז געקומען, דיין שקלאַף קאַפור מיט אַ בלויזן קאָפּ און מיט צוריסענע קליידער אויף זיך און מיט שרעקלאַכע גוואַלדן און

יאָמערן: אָ, מיין האַר! אָ, מיין האַר! האָבן מיר אים געפרעגט: „וואָס איז מיט דיר, קאַפור!" האָט ער געזאָגט: מיין האַר איז מיט זיינע געסט געזעסן אונטער אַ וואַנט אין גאָרטן, איז די וואַנט איינגעפאַלן און מיין האַר איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיינע געסט."

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט מיין האַר נאָכמער געשטיינט, ווי פריער און זיך אָנגערופן:

„און צו מיר איז ער געקומען מיט טרערן און מיט אַ יאָמער אויף דער צונג און געשריען האָט ער: „אָ, מיין האַרין! אָ, מיין האַרין!" און אַז איך האָב אים געפרעגט, וואָס איז געשען אַזוינס, האָט ער געזאָגט, אַז מיין פאַמיליע איז אומגעקומען און מיין הויז איז חרוב-געוואָרן."

בשעת מיין האַר האָט גערעדט, בין איך געשטאַנען און געוויינט און געשאָטן זיך זאַמד אויפן קאָפּ און געפּאַטשט זיך אין די באַקן אַריין, אָבער מיין האַר האָט מיך פּלוצלונג שטרענג אָנגעקוקט און זיך אָנגערופן:

„וועה צו דיר, דו ביזט אַ פאַלשער שקלאַף! דו ביזט אַ שרעקלאַכער אויסוואורף! אַ געמיינער יונגאַטש! דו זע נאַר, וואָס דו האָסט דאָ פאַרקאָכט פאַר אַ קאַשע? ביי גאָט, איך וועל דיר אַראָפּשינדן די פעל און דיין פלייש וועל איך דיר צוהאַקן און אַרויסוואַרפן פאַר די הינט פון מאַרק.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָב איך זיך באַרוהיקט און געזאָגט:

„ביי גאָט, דו וועסט נישט טאָן מיט מיר דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט, וואָרום דו באַדאַרפסט געדיינקען, אַז דו האָסט מיך געקויפט מיט אַ פעלער און איך האָב עדות דערויף. דו ווייסט זייער גוט, אַז איך האָב די געוויינהייט צו זאָגן איין ליגען אַ יאָר, און איך בין גאָרנישט מחויב צו דערמאָנען דיר עס. דאָס איז ערשט אַ האַלבער ליגן און דעם צווייטן האַלבן ליגן וועל איך זאָגן צום סוף יאָר, אָ, מיין האַר, דעמאָלט וועסטו האָבן אַ גאַנצן קיילעכיקן ליגן."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך מיין האַר אַ ריס

געטאָן פון אָרט און אויסגעשריִען:

„אָ, דו פאַרשאָלטענער שקלאַף! נישט געדאַכט זאָלסטו ווערן! דאָס איז ערשט אַ האַלבער ליגן ביי דיר? איך וועל זייער שיין אויסזען, אויב איך וועל נאָך באַדאַרפן איבערלעבן דיין צווייטן האַלבן ליגן. אַ מער, גיי שוין בעסער אַוועק פון מיר. דו ביזט פריי*).

אָבער איך האָב מיך נישט אונטערגעגעבן און ווייטער געזאָגט:

„ביי גאָט, אויב דו באַפרייסט מיך, באַפריי איך דיך נישט, ביז עס וועט זיך נישט ענדיקן דאָס יאָר און איך וועל דיר נישט זאָגן דעם צווייטן האַלבן ליגן. אָ, מיין האַר, ערשט דע-מאָלט מעגסטו מיך נעמען און אַרויספירן מיך אויפן מאַרק צו פאַרקויפן, אָבער איצט טאָרסטו עס נישט טאָן. איך קאָן נישט קיין שום מלאכה און וועל מוזן שטאַרבן פון הונגער. איך רייד צו דיר מיט אַ געזונטן פאַרשטאַנד, לויט אונזערע געזעצן, וואָס געפינען זיך אינם קאַפּיטל, דאָרט, וואו עס רעדט זיך וועגן דער באַפרייונג פון אַ שקלאַף."

מיינע ווערטער, וואָס איך האָב גערעדט צו מיין האַר, זיינען ווי אַ בליץ אַדורכגעפלויגן דורך דעם גאַנצן עולם—כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער שטאָט. האָט מען מיך גענו-מען שילטן און וואָגלען און סטראַשען און שרייען אויף מיר, אָבער איך האָב זיך געמאַכט נישט-הערנדיק, און האָב לאַכנדיק געזאָגט:

„ווי אַזוי קאָן מיין האַר מיך באַפרייען, וויבאַלד ער האָט מיך געקויפט מיט אַ פעלער?"

האָבן אַלע געשטוינט און מען האָט זיך אומגעקערט אין שטאָט אַריין.

---

*) דידאַזיקע ווערטער בוריקן זיך אין אַ קליינער דערקלערונג. באַפרייען אַ שקלאַף אָן שום מיטלען צום לעבן, אַרויסלאָזן אים אַזוי ווי ער שטייט און גייט, ווערט ביי די אַראַבער געהאַלטן פאַר דער העכסטער שטראָף, וואָס קאָן נאָר אַרויס-געלייגט ווערן פאַר דעם גרעסטן חטא.

אָבער אַז מיין האַר איז אַריין אין שטוב אַריין און דער־זען, אַז אַלץ איז צוהאַקט און צובראָכן און צושמעטערט און אַז עס איז געוואָרן אַ תל פון זיין האָב און גוטס, האָט ער אָנגע־הויבן גליען פון גרימצאָרן, און דאָס ווייב האָט אים געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, זאָלסט וויסן, אַז דאָס געפּעס און דעם כינעזישן פאַרפאָר האָט קאַפור צובראָכן.״

דעמאָלט האָט ער אויסגעשריען נישט מיט זיין קול:

„איך שווער ביי גאָט, אַז איך האָב נאָך אין מיין גאַנץ לעבן נישט געזען אַזאַ אויסוואורף, ווי דערדאָזיקער שקלאַף! און דאָס איז נאָך ביי אים אַ האַלבער ליגן, וואָס וועט זיין, פרעג איך, אַז עס וועט קומען דער גאַנצער ליגן? דעמאָלט, מיין איך, וועט איין הויז זיין ווייניק פאַר אים און ער וועט צושמעטערן און צושטערן און חרוב־מאַכן גאַנצע שטעט און אפשר אַפילו מדינות?״

און, גליענדיק פון גרימצאָרן, אין ער אַוועק צום וואַלי, וואָס האָט מיך באַלד דערויף אַזוי שטאַרק באַשטראָפט, אַז איך בין אַנידערגעפאַלן אין חלשות. נאָכדעם האָט מיך דער האַר פאַרקויפט פאַר אַ גאַנץ הויכן פרייז אין אַ פרעמדער שטאָט, אָבער איך האָב מיך געהאַלטן ביי מיין ליגן אַ יאָר און האָב אומעטום אומגליקלאַך געמאַכט מיינע הערן.

און אַזוי בין איך געגאַנגען פון האַנט צו האַנט: איין עמיר אָדער איין סוחר פלעגט מיך באַלד, ווי עס פלעגט מיט אים גע־שען דאָס אומגליק פון מיין ליגן, פאַרקויפן צום צווייטן, דער צווייטער צום דריטן, דער דריטער צום פערטן, אַזוי אָן אַ סוף און אָן אַן אויפהער, ביז איך בין אַריינגעפאַלן אין פּאַלאַץ אַריין צום מלך פון די רעכטגלויביקע. אָבער איצט בין איך שוין אַלט און שוואַך און האָב שוין מער קיין כחות נישט צו אַזוינע שפּיצלעך.״

די ווייטערדיקע געשיכטע פון גנאַבים, דעם זון פון עיוב.

אויסגעהערט דידאָזיקע געשיכטע, האָבן זיך די איבעריקע צולאַכט, און איינער פון זיי האָט זיך אָנגערופן:

„דעם אמת געזאָגט, ביזטו אַן אויסוואורף און אַ זון פון אַן אויסוואורף און אַן אייניקל פון אַן אויסוואורף, וואָרום מיט דיינע ליגנס קאָנסטו דאָך טאַקי אומברענגען אַ וועלט!“

נאָכדעם האָט זיך דער אייגענער אָנגערופן צום דריטן שקלאַף:

„איצט דערצייל אונז דו דיין לעבנסגעשיכטע.“

און יענער האָט אַזוי געזאָגט:

„אָ, קינדער פון מיין פעטער! דאָס אַלץ, וואָס איז אייך דאָ דערציילט געוואָרן, איז לחלוטין גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט מיין לעבנסגעשיכטע. אָבער איר באַדאַרפט וויסן, אַז מיין לעבנס-געשיכטע איז זייער אַ לאַנגע און צייט האָבן מיר ווייניק: דער פרימאָרגן, קינדער פון מיין פעטער, איז נאָנט, און מען קאָן אונז, חלילה, פאַקען מיט אונזער קאַסטן: דעמאָלט זיינען מיר אַלע פאַרלאָרן. לאָמיר, אַלזאָ, פריער טאָן דאָס, וואָס מיר באַדאַרפן טאָן, און דערנאָך, אַז מיר וועלן זיך אומקערן אַהיים, וועל איך אייך רוהיק און אויספירלאַך דערציילן מיין לעבנסגעשיכטע.“

דעמאָלט האָבן זיי אַוועקגעשטעלט די לאַמטערנע אויף דער ערד און גענומען גראָבן אַ גרוב צווישן די קברים. קאַפור האָט געגראָבן און סאַוואַי און סאַוואַב האָבן אָפּגעוואָרפן די אַרויסגעגראָבענע ערד דערנאָך האָבן זיי אַריינגעשטעלט דעם קאַסטן אין גרוב, פאַרשאָטן פון אויבן מיט ערד, ווי אַ קבר, זיך אויפגעהויבן, פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר און פאַרשוואונדן געוואָרן פון גנאַבימס אויגן.

דעמאָלט איז גנאַבימען געקומען אויפן רעיון דער פאַר-גראָבענער קאַסטן, און ער האָט גענומען טראַכטן וועגן דעם,

וואָס עס קאָן זיך געפינען אין קאַסטן. דיזאָזיקע רעיונות האָבן אים שטאַרק געפייניקט, אָבער ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ער איז נאָך אַלץ געזעסן אויפן בוים און מורא-געהאַט אַראָפּצוגיין אויף דער ערד.

אָבער אַז עס איז געוואָרן טאָג, איז ער אַראָפּגעקראָכן פון בוים און אַוועק צו דעם גרוב. דאָ האָט ער צוריק אויפגעגראָבן די ערד און אַרויסגענומען דעם קאַסטן.

מיט אַ שטיין האָט ער אַראָפּגעקלאַפּט דעם שלאָס און גע-עפנט דאָס דעקל, און דעמאָלט האָט ער דערזען נאָך אַ לעבעדיק מיידל, וואָס איז איינגעשלעפערט געוואָרן דורך בענדזש*). גע-וועזן איז דאָס מיידל זייער שיין און אין אירע קליידער זיינען איינגעוועבט געווען טייערע איידלשטיינער, וואָס מען האָט גאָר-נישט געקאָנט אָפּשאַצן זייער ווערט.

אָבער אַז גנאַכים האָט בעסער באַטראַכט דאָס מיידל, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ קרבן פון אַ פאַרשווערונג און מיט דער גרעסטער מי און אָנשטרענגונג האָט ער זי אַרויס-גענומען פון קאַסטן און אַוועקגעלייגט זי אין גראָז.

באַלד ווי עס האָט נאָר אַ בלאָז געטאָן אויף איר אַ פרישע ווינטל, וואָס איז איר אַריין אין די נאָזלעכער, אין מויל און אין האַלז, האָט זי אָנגעהויבן צו ניסן און צו הוסטן. און זי האָט גענאָסן און געהוסט אַזוי לאַנג, ביז עס איז איר אַרויסגעשפּרונ-גען פון האַלז דאָס שטיקל בענדזש, וואָס איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט געקאָנט איינשלעפערן אַ העלפאַנד אויף עטלאַכע נעכט.

נאָכדעם האָט זי געעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט מיט אַ זילבערנער שטים, ווי אַ לייכט גלעקעלע:

„ווינטל דו ווינטל! דו ווייסט נישט באַרוהיקן דעמיעניקן, וואָס וויל טרינקען, און דו ווייסט אים נישט שטילן זיין הייסן דורשט. אָבער וואו איז זאַר-על-בוסטאַן.“

---

*) אין די האַרעמס ווערן טיילמאָל איינגעשלעפערט די־יעניקע פרויען, וואָס מען וויל זיי באַזייטיקן.

האָט קיינער איר נישט געענטפערט, האָט זי זיך פון דאָסניי אַרומגעקוקט און געזאָגט:

„סאַגיבאַן! שעדזשערעט-עד-דור! נור-על-הודאַ! נעדזשמעט-עס-בוך! שלאָפט איר אַלע, צי וואָס? נוסען! הולוועך! זאַריפּען! רעדט עפּיס!"

האָט איר ווידער קיינער נישט געענטפערט און דאָסמאָל האָט זי אויסגעשריען:

„אָ, ווי צו מיר! איצט זע איך, וואו איך בין: אויף אַ בית-עולם! אָ, דו, וואָס דו ווייסט די סודות פון אַלע הערצער— דו וועסט זיך מיט זיי אָפּרעכענען און מיך באַלוינען! אַליין אויף אַ בית-עולם בין איך, ווי צו מיר!"

אָבער גנאַכים, וואָס איז רוהיק געשטאַנען דערביי, האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַרין! דו האָסט דאָ נישט קיין בית-עולמס און קיין קברים. דאָ שטייט בלויז פאַר דיר דיין שקלאַף גנאַכים, דער זון פון עיוב, וועמען דער מלך, וואָס זיצט אויפן הימל, האָט געבראַכט אַהער, צו ראַטעווען דיך פון אַן אומגליק און צו דערפילן דיינע קלענסטע באַגערן."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זי געזאָגט:

„נישטאָ קיין גאָט אויסער גאָט און מאַכמעד איז זיין נביא."

נאָכדעם האָט זי אַ קוק געטאָן אויף גנאַכימען, אַרויפגע-לייגט די הענט אויף איר ברוסט און געזאָגט מיט אַ זיסן קול, ווי אַ זילבערן גלעקעלע:

„אָ, דו שיינער יונגלינג! זאָג מיר, ווער האָט מיך גע-בראַכט אַהער, ווייל איך געפין מיך איצט ביי מיינע קלאָרע גע-דאַנקען."

דערויף האָט ער געענטפערט:

„אָ, מיין האַרין! דעמדאָזיקן קאַסטן האָבן געבראַכט אַהער דריי האַרעמדינער."

און ער האָט איר דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, ווי אַזוי ער האָט צוגעבראַכט די נאַכט און ווי אַזוי ער

איז צופעליק געוואָרן איר רעטער, און אַז דאָס מיידל האָט אויסגעהערט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט, האָט זי געזאָגט:

„אָ, יונגלינג, געבענשט זאָל זיין גאָט, וואָס איך בין אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַזאַ מענטשן, ווי דו. הויב דיך אויף, לייג מיך אַריין צוריק אין קאַסטן און גיי-אַרויס אויפן גרויסן שליאַך, און אַז דו וועסט דערזען אַן אייזלאָנטרייבער, זאָלסטו אים בעטן, ער זאָל דיר אָפּפירן דעם קאַסטן און זאָלסט מיך אַזוי אַוועקפירן צו דיר אַהיים. ביי דיר אין הויז וועל איך מיך באַרוהיקן און דאָרט וועל איך דיר דערציילן מיין לעבנסגעשיכטע און דעמאָלט וועסטו דערגרייכן דורך מיר אַ סך גליק."

גנאַכים האָט זייער צופרידן אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער און איז אַרויס אויפן גרויסן שליאַך.

דער טאָג האָט זיך נאָר-וואָס אָנגעהויבן און די זון איז אַ פרישע אויפגעשטאַנען און אין גאַס האָבן זיך גענומען באַווייזן מענטשן. האָט גנאַכים געדונגען אַן אייזלאָנטרייבער און האָט אים געבראַכט אויפן בית-עולם און דאָרט האָט מען אַרויפגעלייגט דעם קאַסטן אויפן מויליייזל און מען איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט.

גנאַכים איז געווען זייער צופרידן מיט דעמדאָזיקן צופאַל. דאָס מיידל איז געווען שיין, ווי די לבנה, און אַז ער וואָלט זי געוואָלט פאַרקויפן, האָט ער געקאָנט באַקומען צענטויזנט דורקאַטן. אויסערדעם, האָט זי געהאַט אויף אירע קליידער זייער קאָסטבאַרע איידלשטיינער.

געקומען צו זיך אַהיים, האָט ער אַוועקגעשטעלט דעם קאַסטן אויף דער פּאָדלאָגע און אַרויסגענומען פון דאָרט דאָס וואונדערשיינע מיידל.

אַז זי האָט געעפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט, איז זי אויך געווען זייער צופרידן, ווייל דאָס איז געווען אַ פּרעכטיקע וואוינונג מיט טייערע טעפּיכן און בלומען, און דאָ האָט זי אויך דערזען אַ סך שטאפן מיט זעק סחורות און האָט פאַרשטאַנען, אַז זי געפינט זיך אין אַ הויז פון זייער אַ רייכן סוחר.

האָט זי אויפגעהויבן אויף אים אירע אויגן, ווי צוויי שטראַלנדיקע נעכט און האָט איינגעפונען, אַז ער איז זייער שיין און איר האַרץ האָט אָנגעהויבן ציען צו אים. האָט זי אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם זיך אָנגערופן:

„אָ, יונגלינג, ברענג מיר עפּיס צו עסן.“

„איך הער און געהאָרך,“—האָט ער געענטפערט און איז אַוועק אויפן מאַרק, וואו ער האָט געקויפט אַ געבראָטענעם שעפּס, נאַשערייען, געטריקנטע פרוכטן, ליכט און וויינען און אַ גאַנצן קאַסטן מיט פּאַרפומען.

געקומען אַהיים, האָט ער דאָס אַלץ אויסגעלייגט פאַר איר, און זי האָט זיך צולאַכט און אַרומגעכאַפּט אים מיט אירע זיסע אָרעמס און אים געגומען אַזוי הייס קושן, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן פון ליבע, דערנאָך האָבן זייביידע זי געזעצט עסן און טרינקען, ביז עס איז נאַכט געוואָרן.

ביידע זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ גלייכער ליבענעץ, ווייל ביידע זיינען געווען פון איין עלטער און איין גלייכער שיינקייט.

אַז עס איז געוואָרן פינסטערלאַך, האָט גנאַכים, דער אומרוהיקער שקלאַף פון ליבע, אָנגעצונדן ליכט און לאָמפּן און אין צימער האָט אַלץ געגומען שיינען. האָט ער אַוועקגעשטעלט וויינען אויפן טיש און האָט זי אַרומגענומען. נאָכדעם האָט ער איר אָנגעגאָסן און זי האָט אים אָנגעגאָסן, און ביידע האָבן געטרונקען און געלאַכט און דעקלאַמירט לידער, און וואָס מער זיי האָבן זיך משמח-געווען, אַלץ שטאַרקער האָבן זיי ליב באַקומען איינאַנדער. און עפּטער האָבן זיי איבערגעחזרט דידאָזיקע ווערטער:

„געבענטשט און געלויבט זאָל זיין די פאַלקאָמענהייט פון יענעם, וואָס באַהעפט מענטשלאַכע הערצער.“

און זיי האָבן געטרונקען אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך גענומען דרייטלען דער הימל און זיי האָט זיך פאַרוואָלט שלאָפן. דעמאָלט האָבן זיי זיך געלייגט אין באַזונדערע בעטן און געשלאָפן ביז האַלבן טאָג.

גנאַכים, דער זון פון עיוב, איז אויפגעשטאַנען דער ערשטער און איז באַלד אַוועק אויפן מאַרק, וואו ער האָט ווידעראַמאָל

איינגעקויפט פלייש, ווייַן און גאַשערייען און האָט עס אַלץ געבראַכט אַהיים. נאָכדעם האָבן זיי זיך ביידע געזעצט ביים טיש און אַ סך געגעסן און נאָכמער געטרונקען. און פונם ווייַן זייַנען די באַקן זיי רויט געוואָרן און די אויגן האָבן זיך צופלאַקערט מיט אַ העליש גלוסטיק פייער*), און גנאַכים האָט געזאָגט:

„אָ, מייַן האַרין! דערבאַרם דיך איבער דעם שקלאַף פון ליבע, איבער דעם מאַן, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון דייַנע אויגן. איך האָב נאָך קיינעם נישט געליבט, אויסער דיך.״

און ער האָט זיך צעוויינט, אָבער זי האָט געזאָגט:

„אָ, מייַן האַר! מייַן רעטער! איך שווער ביי גאָט, אַז איך האָב דיך ליב און גלויב דיר. אָבער, צום באַדויערן, ווייס איך, אַז מיר קאָנען איינאַנדער נישט געהערן.״

און ער האָט געפרעגט:

„ווער קאָן אונז שטערן דערין?״

און זי האָט געענטפערט:

„הייַנט בייַנאַכט וועל איך דיר דערציילן מייַן לעבנסגעשיכטע וועסטו פאַרשטיין די סיבה דערפון.״

אָבער אַז עס איז געוואָרן נאַכט, האָט זי גאָרנישט דערציילט, און אויף מאָרגן האָט זי אויך אַזוי געטאָן און אַזוי איז אַוועק אַ גאַנצער חודש.

און איינמאָל בייַנאַכט, בשעת גנאַכים האָט זיך באַזונדערס געקלאָגט פאַר איר אויפן ליבעפייער, וואָס מאַכט אים קראַנק און אַז ער באַגערט זי ווי אַ לייב, האָט זי זיך אָנגערופן:

„נו, איצט וועל איך דיר קלאָר מאַכן די זאַך און דו וועסט אַליין איינזען, אַז איך בין גערעכט.״

נאָכדעם האָט זי אַרויסגענומען אַ לענטע און געזאָגט:

„אָ, מייַן האַר, לייען-איבער וואָס אויף דערדאָזיקער לענטע איז אָנגעשריבן.״

האָט ער גענומען אין האַנט די לענטע און דערזען דע-

*) אין דעמדאָזיקן אָרט זייַנען דורכגעלאָזט געוואָרן מאַנכע נישט־אָנשטענדיקע פּרטים.

רויף ווערטער, אויסגעהאַפּט פון גאָלד: „איך בין דיינע און דו ביזט מיינער. מיין יחוס ציט זיך פונם נביאס אַ פעטער"*).

איבערגעלייענט דידאָזיקע ווערטער, האָט ער אַרויסגעלאָזט פון האַנט די לענטע און געזאָגט:

„דערציילט מיר דיין לעבנסגעשיכטע;

„גוט,—האָט זי זיך אָנגערופן און האָט אָנגעהויבן אַזוי: ווייסן זאָלסטו, אַז איך בין די געליבטע שקלאַפין פונם מלך פון די רעכטגלויביקע און מיין נאָמען איז קוט-על-קולוב. דער מלך פון די רעכטגלויביקע האָט מיך דערצויגן ביי זיך אין פּאַלאַץ. דאָרט בין איך אויסגעוואַקסן, דאָרט בין איך שיין געוואָרן און דאָרט האָט דער מלך געזען מיינע שיינע פאָרמען און האָט מיך ליב באַקומען. דעמאָלט האָט ער מיר געגעבן אַ באַזונדער צימער און צען שקלאַפינס און האָט מיר אויך געשיינקט טייערע קליידער און איידלשטיינער, וואָס דו זעסט זיי איצט אויף מיר.

„איינמאָל איז דער קאַליף אַוועקגעפאָרן, איז די סולטאַנין זובײידעך צוגעגאַנגען צו איינע פון מיינע שקלאַפינס און געזאָגט: „בשעת דיין האַרין קוט-על-קולוב וועט איינשלאָפן, זאָלסטו איר אַריינשטעקן אין נאָז און אין אירע געטראַנקען דאָסדאָזיקע שטיקל בענדזש. דערפאַר וועל איך דיר געבן אַ גרויסע סומע געלט, וואָס וועט דיך זיכער צופרידנשטעלן". האָט יענע געזאָגט דערויף: „איך וועל עס גערן טאָן." נאָכדעם האָט זי מיך אָנגעטרונקען מיט בענדזש. איך בין באַלד אַנידערגעפאַלן און האָב מיך גענומען אַזוי שטאַרק קאָרטשען און דרייען מיטן גוף, אַז דער קאָפּ האָט אָנגערירט די פיס, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין געשטאָרבן. שפּעטער האָט מען מיך אַריינגעלייגט אין אַ קאַסטן און צוויי האַרעמדינער האָבן מיך אַוועקגעטראָגן אויפן בית-עולם, וואו מען האָט מיך פאַרגראָבן אין אַ גרוב. אָבער דו האָסט מיך אַרויסגעראַטעוועט פון טויט און דיין באַציונג צו מיר איז נאָר ליבער און שענער, איידער די באַציונג פון אַ ברודער צו אַ שוועסטער. דאָס איז, ווי דו זעסט,

*) האַרון-אל-ראַשיד האָט געשטאַמט פון על-אַבאַס, אַ פעטער פון נביא.

מיין לעבנסגעשיכטע. איך ווייס נישט, ווי אַזוי לעבט דער קאַליף אָן מיר, אָבער דערפאַר ווייסטו איצט, ווער איך בין און וועסט זיכער רוהיק און באַדאַכט אָפּשאַצן מיין לאַגע.

אַז גנאַלים, דער זון פון עיוב, האָט דערהערט דידאָזיקע געשיכטע, האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט זיך אַוועקזעצט אַליין אין אַ ווינקל צימער. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל טאָן און האָט זיך שטאַרק געפּייניקט פון זיין ליבע צו יענער, מיט וועלכער ער קאָן זיך נישט באַהעפטן מיטן גוף און מיט דער נשמה. און ער האָט געוויינט פון דער מאַכט פון זייבע גלוסטן, וואָס ער האָט געגלוסט און פון זיין ליידנשאַפטספייער און ליבע און ער האָט אויך באַוויינט זיין ביטער מזל:

„יאָ, געבענשט און געלויבט זאָל זיין יענער, וואָס גיסטאָן מיט ליבע דאָס האַרץ פון גרויסמוטיקן מענטשן, אָבער ווי אַזוי שטילט מען, ווי אַזוי זעטיקט מען דידאָזיקע ליבע?"

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך קוט-על-קולוב אויפגעהויבן, און איז צוגעגאַנגען צו אים און אריינגענומען אים אין אירע הייסע אָרעמס און אַ קוש געטאָן אים, אָבער אַזוי ווי איר האַרץ איז געווען פול מיט ליבע צו אים, האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט עס אים אָפן אַרויסגעזאָגט. באַלד דערויף האָט זי אים ווידעראַמאָל אַרומגעכאַפּט מיט אירע הייסע אָרעמס און פון דאָסניי גענומען אים קושן, אָבער ער האָט זיך געשראָקן פאַרן קאַליף און האָט זי אָפּגעשטויסן. אָבער אין אים האָט געברענט די ליבע צו איר, איז ער אויפגעשטאַנען און זיך דערנענטערט צו איר און אָנגעהויבן מיט איר אַ געשפּרעך און דערדאָזיקער געשפּרעך האָט זיך געצויגן סאַמע ביז פאַרטאָג.

שפּעטער זיינען זיי אַנטשלאָפן געוואָרן, און אַז גנאַלים האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער באַלד אַוועק אויפן מאַרק, וואו ער האָט איינגעקויפט אַ סך עסנוואַרג און וויינען.

געקומען אַהיים, האָט ער געזען, ווי קוט-על-קולוב זיצט און וויינט, אָבער זי האָט תּיכף אויסגעווישט די טרערן און אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

„אָ, געליבטער פון מיין האַרצן! דו ביזט אַוועק און מיך

האָט דאָ געפּייניקט דער אומעט. ביי גאָט, די צייט, וואָס דו ביזט דאָ נישט געווען, האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי לאַנג, ווי אַ יאָר; זאָלסט וויסן, אַז איך קאָן נישט פאַרבאָרגן מיין ליבע צו דיר און איך קאָן אויך נישט לעבן אָן דיר. קום צו מיר, נעם מיך, ווי אַ מאַן נעמט אַ פרוי און זאָל זיך זיין וואָס עס וויל."

אָבער ער האָט געזאָגט:

„זאָל מיך גאָט דערשלאָגן אויפן אָרט! דאָס קאָן נישט זיין! צי קאָן אַ הונט פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַ לייב? דאָס, וואָס עס געהערט מיין קאַליף, קאָן נישט געהערן צו מיר!"

און ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע הענט און זיך אַוועקגעזעצט באַזונדער אין אַ ווינקל, אָבער זי האָט אים נאָך שטאַרקער ליב באַקומען דערפאַר. גאַנצע דריי חדשים האָבן זיי געלעבט אונטער איין דאַך, אָבער געשלאָפן אין באַזונדערע בעטן און יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט אים ווען אַרומנעמען און קושן, פלעגט ער זיך אַרויסרייסן פון אירע הענט און זאָגן:

„דאָס, וואָס עס געהערט מיין קאַליף, קאָן נישט געהערן צו מיר."

אָט אַזוי האָט געלעבט גנאַכים, דער זון פון עיוב און דער אומרוהיקער שקלאַף פון ליבע.

דער קאַליף האָט שוין באַדאַרפט קומען פון זיין רייזע, און די סולטאַנין זובײדעך, וואָס האָט געוואָלט אומברענגען די שיינע קוט-על-קולוב, איז זייער אומרוהיק געוואָרן. זי האָט גע-קלערט: „וואָס וועל איך זאָגן דעם קאַליף, ווען ער וועט קומען און וועט נישט געפינען זיין שיינע שקלאַפין?"

דעמאָלט האָט זי פאַרבעטן צו זיך אַן אַלטע זקנה, וואָס האָט געוואוינט מיט אירע שקלאַפינס און האָט איר פאַרטרויט דעם גאַנצן סוד. האָט זי די אַלטע אויסגעהערט מיט אַ טרייען אויער און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַרין, וויסן זאָלסטו, אַז דער קאַליף באַדאַרף באַלד קומען, און מיר איז איינגעפאַלן אַזאַ פלאַן: איך וועל שיקן נאָך אַ טישלער און וועל אים הייסן מאַכן אַ הילצערנע לאַלקע, ענלאַך צו דער געטויטער שקלאַפין און מיר וועלן אויס-

גראָבן אַ קבר. דערנאָך וועלן מיר אָנצינדן ליכט און לאָמפּן אַרום קבר און אַלע הויפּלייט וועלן אָנטאָן שוואַרצע קליידער. און אַז דער קאַליף וועט קומען, זאָלסטו אַלע פרויען און האַרעמדינער הייסן וויינען הויך אויפן קול, און אַז ער וועט זיי פרעגן, פאַרוואָס וויינען זיי, זאָל מען אים ענטפערן קורץ און טרויעריק: „קוט-על-קולוב איז געשטאָרבן, און זאָל דיך אַלאַ טרייסטן אין דיין פאַרלוסט. אונזער סולטאַנין ווייס זייער גוט, ווי אַזוי דו האָסט זי ליב געהאַט, האָט זי באַפוילן, מען זאָל זי מקבר-זיין אין הויף פון פּאַלאַץ.״

אַז ער וועט עס דערזען, וועט ער זיך געוויס צעוויינען, אָבער ער וועט עס האַלטן פאַר אַן אמת און וועט גלויבן דערין. ער וועט אַוועקזעצן מענטשן אַרום איר קבר, זיי זאָלן לייענען דעם קאָראַן און ער וועט אפשר אויסגיין פון צער און בייַנקשאַפט. און, מעגלאַך, אַז אַמאָל וועט אים אייַנפאַלן אַ געדאַנק און ער וועט דערשפּירן דעם סם פון ספקות און ער וועט אַ טראַכט טאָן: „מיין שיינע קוט-על-קולוב איז מסתמא געפאַלן פון דער סולטאַנינס האַנט, ווייל זי איז זייער אויפערזיכטיק,״ האָסטו זיך אויך נישט וואָס צו שרעקן. און אויב ער וועט וועלן אויפגראָבן דעם קבר, וועט ער דערזען אַ מת, פאַרוויקלט אין טייערע געוועבן, און אויב ער וועט וועלן אויפדעקן דעם מת דאָס געזיכט, קאָנסטו אים זייער לייכט אָפּהאַלטן דערפון, זאָגנדיק, אַז עס איז אַ גרויסער חטא אָפּצודעקן דאָס געזיכט ביי אַ טויטן און אַז דערפאַר ווערט מען זייער האַרב באַשטראָפט אויף יענער וועלט. דער קאַליף וועט דיר זיכער פאָלגן און געהאָרכן און וועט דיר נאָך באַדאַנקען, וואָס דו האָסט זי אַזוי שיין און פיין מקבר-געווען, ווי עס פּאַסט פאַר דער געליבטער פון אַ קאַליף.״

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט די סולטאַנין אייַנגעפונען, אַז די אַלטע איז זייער גערעכט און רעדט קלוג, האָט זי איר געשיינקט ערנקליידער און אַ גרויסע סומע געלט און האָט געלאָזט טאָן אַלץ, ווי די אַלטע האָט געהייסן. אינגיכן איז פאַרטיק געוואָרן אַ הילצערנער מת, ענלאַך צו דער טויטער שקלאַפין און די סולטאַנין האָט אים פאַרוויקלט אין טייערע געוועבן

און מקבר-געווען מיט לאָמפּן און ליכט און אַרומגעלייגט דעם קבר מיט די בעסטע און שענסטע טעפּיכער. אַלע האָבן זיך אָנגעטאָן אין שוואַרצע קליידער און דער גאַנצער הויף האָט געוואוסט, אַז די שיינע שקלאַפין קוט-על-קולוב איז געשטאָרבן.

דער קאַליף האָט לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך און האָט זיך אומגעקערט פון זיין נסיעה צוריק אין פּאַלאַץ אַריין. דעם גאַנצן וועג האָט ער בלויז געטראַכט פון קוט-על-קולוב, אָבער אַז ער האָט דערזען די פּאַזשן, די האַרעמדינער און די שקלאַפינס אָנגעטאָן אין שוואַרצן, האָט ער זיך זייער דערשראָקן און עס איז אים קאַלט געוואָרן. איז ער אַריין צו דער סולטאַנין אין די צימערן, האָט ער דערזען, אַז אויך זי איז אָנגעטאָן אין שוואַרצן, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט מיט גרויס פּחד געפרעגט, וואָס איז געשען אַזוינס, און דעמאָלט איז אים מיטגעטיילט געוואָרן, אַז די שיינע קוט-על-קולוב איז געשטאָרבן.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז ער באַלד אַנידערגעפאַלן אין אַ שווערער חלשות. האָט מען אים אָפּגעמינטערט, איז זיין ערשטע פראַגע געווען — וואו איז דער קבר פון קוט-על-קולוב, און די סולטאַנין זובײדעך האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מלך פון די רעכטגלויביקע, זאָלסט וויסן, אַז איך האָב זייער געשעצט דידאָזיקע פרוי און האָב זי מקבר-געווען אין הויף פון פּאַלאַץ.“

האָט זיך דער קאַליף באַלד אויפגעהויבן און, נישט איבערגעטאָן זיך, נאָר אין די וועגקליידער אַוועק צו איר קבר. אָבער אַז ער האָט דערזען, אַז דער קבר איז באַדעקט מיט טייערע טעפּיכער און עס ברענען לאָמפּן און ליכט, האָט ער באַדאַנקט דער סולטאַנין פאַר איר שכל און טריישאַפט. שפּעטער, אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט ער דערשפּירט דעם גיפט פון ספקות און ער האָט געהייסן אויפגראָבן דעם קבר און אַרויסנעמען דעם מת, אָבער ער האָט זיך פּלוצלונג דערשראָקן פאַר גאָטס צאָרן, און די סולטאַנין האָט אים באַמערקט:

„טו עס נישט. מען טאָר נישט.“

דער קאַליף האָט באַלד צונויפגערופן זיינע אַלע קאָראַן-לערנער און פרומע לייט און זיי געהייסן לייענען ביים קבר דעם קאָראַן, און אַז זיי האָבן אַזוי געטאָן, האָט ער זיך אַני-דערגעזעצט און אַזוי לאַנג געוויינט, ביז ער האָט פאַרלאָרן זיינע קלאָרע געדאַנקען.

אַ גאַנצן חודש צייט האָט ער טעגלאַך באַזוכט דעם קבר און נאָכדעם איז ער אַריין אין האַרעם און זיך געלייגט דאָרט שלאָפן. איין שקלאַפין איז אים בעת-מעשה געזעסן צוקאָפּנס און אַ צווייטע צופוסן. ער האָט געפּרובט איינשלאָפן און נישט גע-קאָנט: דאָס האַרץ האָט אים אַלץ געבייגקט נאָך דער שיינער קוט-על-קולוב.

אָבער די אויגן האָט ער געהאַלטן פאַרמאַכט, ווי אַ שלאָף-פעדיקער, דעם אָטעם האָט ער שטיל געצויגן און דעמאָלט האָט ער געהערט, ווי די שקלאַפין, וואָס איז אים געזעסן צוקאָפּנס, האָט זיך אָנגערופן צו דער צווייטער שקלאַפין, וואָס איז גע-זעסן צופוסן:

„אָ, קייזוראַן, צי ווייסטו דערפון?“

האָט די צווייטע געפרעגט:

„וואָס אַזוינס? אָ, קאַדעב!“

דעמאָלט האָט די ערשטע ווייטער געזאָגט:

„אונזער קאַליף ווייס דאָך גאָרנישט, וואָס דאָ איז גע-שען. אַלע טאָג זיצט ער ביים קבר און וויינט, אָבער ער ווייס גאָרנישט, אַז אין קבר ליגט נישט מער ווי אַ שטיק האָלץ, וואָס אַ טישלער האָט געמאַכט.“

„און וואָס איז געוואָרן מיט קוט-על-קולוב?“—האָט די צווייטע דערשראָקן געפרעגט.

און די ערשטע האָט ווידער געזאָגט:

„האַרך-זשע, וועל איך דיר זאָגן. די סולטאַנין זובײדע האָט אונטערגעשטעלט אַ שקלאַפין, וואָס האָט איינגעגעבן קוט-על-קולוב בענדזש, און אַז דערדאָזיקער בענדזש האָט געווירקט, האָט מען דאָס מיידל אַריינגעלייגט אין אַ קאַסטן און סאַוואַי

מיט קאַפּורן האָבן דעם קאַסטן אַוועקגעטראָגן אויפן בית-עולם און דאָרט אים באַגראָבן.

„אָ, קאַדעב, דאָס איז דאָך שרעקלאַך!—האָט קייזוראַן אַרויסגעזאָגט.—איז די שיינע קוט-על-קולוב גאָרנישט געשטאָרבן?״

„גאָט זאָל זי אויסהיטן פון טויט!—האָט יענע געענטפערט.—איך האָב געהערט, ווי מענטשן דערציילן איינאַנדער אינדער-שטיל, אַז קוט-על-קולוב לעבט און זי געפינט זיך ביי אַ יונגן סוחר פון דמשק, וואָס הייסט גנאַכים. שוין פיר חדשים צייט, ווי זי וואוינט ביי אים. אָבער אונזער קאַליף שלאָפט נישט ביינאַכט און וויינט אויף איר קבר, וואו עס ליגט גאָר אַ שטיק האָלץ.״

און זיי האָבן זיך אַלץ גערעדט צווישן איינאַנדער און דער קאַליף האָט אַלץ געהערט ביז דעם לעצטן וואָרט, און אַז זיי זיינען צולעצט, אַנטשוויגן געוואָרן, איז דער קאַליף אויפגעשפרונגען אין שרעקלאַכן גרימצאָרן און געהייסן תיכף אַריינפירן אַלע עמירן מיטן וויזיר. דער וויזיר דזשאַפאַר-על-באַרמעטי איז באַלד געקומען צולויפן און אַ קוש געטאָן דעם שטויב פונם קאַליפס פיס, און דער קאַליף, וואָס האָט געברענט פון גרימצאָרן, האָט געזאָגט:

„אָ, דזשאַפאַר, נעם אַ טייל פון מיינע חילות און באַפאַל דאָס הויז פון גנאַכים, דעם זון פון עיוב, און ברענג מיר אַהער דעמדאָזיקן גנאַכים צוזאַמען מיט מיין שקלאַפין קוט-על-קולוב, וואָס וואוינט מיט אים אונטער איין דאַך. וויסן זאָלסטו, אַז איך וועל אים פייניקן מיט די שרעקלאַכסטע יסורים. דאָס האַרץ, אַ צאַפלדיקס, וועל איך אים אַרויסרייסן!״

„איך הער און געהאָרך,״—האָט דזשאַפאַר געענטפערט און איז באַלד אַוועק מיט אַ מחנה חיל און מיטן וואַלי צו גנאַכימן אין הויז.

גנאַכים איז גראָד נישט לאַנג געקומען פון גאַס און האָט געבראַכט אַ טאָפּ מיט פלייש פאַר ביידן צו עסן, אָבער אַז קוט-על-קולוב האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זי דערזען דורכן פענסטער, אַז דאָס הויז איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט פּאָליציייליט און מיט חיל מיט בלויזע

שווערדן און דערביי שטייען עמירן, וויזירן און דער וואַלי.

האָט זי באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס איז געשען אַ גרויס אומגליק און איז זייער בלאַס געוואָרן און זיך אָנגערופן צו גנאַכימן:

„אַנטלויף, כל-זמן דו קאָנסט.“

האָט גנאַכים אַרויסגעקוקט פון פענסטער און דערזען, אַז דער וויזיר מיט זיינע לייט האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז, האָט ער זיך דערשראָקן און זיך אָנגערופן צו איר:

„ווי אַזוי קאָן איך אַנטלויפן פונדאַנען? מיין גאַנץ פאַר-מעגן האָב איך דאָ. וואָס טויג מיר מיין לעבן אָן מיין פאַר-מעגן.“

אָבער קוט-על-קולוב האָט געזאָגט:

„אַנטלויף, אַנטלויף, מיין ליבער. אַנישט, וועסטו אומקומען צוזאַמען מיט דיין האָב-און-גוטס.“

און ער האָט ווידעראַמאָל געפרעגט:

„אָבער ווי אַזוי קאָן איך אַנטלויפן? אָ, מיין האַרין, ליכט פון מיינע האַרץ, זון פון מיינע אויגן! צי זעסטו נישט, אַז דאָס הויז איז אַרומגערינגלט?“

און זי האָט געזאָגט:

„שרעק זיך נישט, אַנטלויף!“

און זי האָט אים געשווינד איבערגעטאָן אין אַלטע צורי-סענע מלבושים און אַרויפגעשטעלט אים דעם טאָפּ פלייש אויפן קאָפּ און געזאָגט:

„גיי, דיר וועט זיכער געלינגען. פאַר מיר שרעק דיך נישט, וואָרים איך קאָן דעם קאַליף און וויים, ווי אַזוי צו ריידן מיט אים.“

איז גנאַכים אַרויס פון הויז מיטן טאָפּ פלייש אויפן קאָפּ און אַלאַ—געלויבט און געבענטשט זאָל ער זיין—האָט אים גענו-מען אונטער זיין שוץ און ער איז נצול-געוואָרן פון דעם קאַ-ליפס ענוים און איז אַוועק מיט אַ ריין געוויסן.

און אַז דזשאַפאַר איז צוגעקומען צום הויז, איז ער אַראָפּ פונם פערד און אַריין אין שטוב און אַ קוק געטאָן אויף קוט-

על-קולוב. אָבער דאָס מיידל איז געשטאַנען און זיך געפוצט און נאָכדעם אָנגעפּאַקט דעם קאַסטן מיט גאָלד און טייערע איידל-שטיינער. באַלד דערויף איז זי צוגעגאַנגען צו דזשאַפאַרן, אַ קוש געטאָן אים דעם שטויב פון די פיס און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, דאָס, וואָס איז אָנגעשריבן מיט אַ פעדער, ווערט באַשטימט פון גאָט."

דערויף האָט איר דזשאַפאַר געזאָגט:

„ביי גאָט, מיין האַרין, איך האָב אַ באַפעל צו אַרעסטירן גנאַכימען, דעם זון פון עיוב."

האָט קוט-על-קולוב אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט:

„זאָלסטו וויסן, אַז גנאַכים, דער זון פון עיוב, האָט איינגעפּאַקט זיינע סחורות און איז אַוועק מיט זיי קיין דמשק, און מער ווייס איך גאָרנישט. איך בעט דיך, דו זאָלסט נעמען דעם-דאָזיקן קאַסטן און אַוועקטראָגן אינם פּאַלאַץ פון מלך פון די רעכטגלויביקע."

„איך הער און געהאָרך,"—האָט דזשאַפאַר געזאָגט און האָט געהייסן אַוועקטראָגן דעם קאַסטן אין פּאַלאַץ פון מלך פון די רעכטגלויביקע.

נאָכדעם האָט ער געהייסן דעם וואַלי, ער זאָל צושטעלן קוט-על-קולוב אין פּאַלאַץ, אָבער אין וועג זאָל מען זי באַהאַנדלען מיט גרויס כבוד און אַכטונג. דאָס איז, נאַטירלאַך, פּינקטלאַך אויסגעפירט געוואָרן, הגם פריער האָט מען דאָס הויז באַזוכט און צורויבט.

געקומען אין פּאַלאַץ אַריין, האָט דזשאַפאַר באַלד מיטגעטיילט דעם קאַליף פון אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט און דער קאַליף האָט געהייסן אַריינזעצן קוט-על-קולוב אין אַ פינסטערן צימער און אַן אַלטע שקלאַפין זאָל איר באַדינען. ער האָט געמיינט, אַז גנאַכים האָט זי געשענדט און געלעבט מיט איר.

נאָכדעם האָט ער זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריף צום עמיר מאַכמעד, דעם זון פון סוליימאַן-עס-זייני, וואָס איז געווען דער פאַרטרעטער פון קאַליף אין דמשק. אין בריף בריף איז געשטאַנען פאָלגענדיקס: „באַלד ווי דו וועסט דער-

האלטן דעמדאָזיקן בריף, זאָלסטו אַרעסטירן דעם יונגן סוחר גנאַכים און איבערשיקן אים אַהער צו מיר.״

אַז דער פאַרטרעטער פון קאַליף האָט באַקומען דעם בריף, האָט ער אים צוגעלייגט צום קאָפּ און אַ קוש געטאָן און נאָכ־דעם האָט ער געהייסן אויסרופן אין פאָלק, אַז ווער עס וויל, קאָן באַרויבן דאָס הויז פון גנאַכים, דעם זון פון עיוב. האָבן זיך באַלד אַרויסגערופן די אַלע רוצחים און רויבער, וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט, און זיינען אַוועק צו גנאַכימען אין הויז. דאָרט האָבן זיי דערזען, אַז גנאַכימס מוטער און זיין שוועסטער זיצן נעבן אַ טויטן און וויינען, האָט מען דערויף נישט געקוקט און מען האָט באַרויבט דאָס הויז און גנאַכימס מוטער מיט דער שוועסטער האָט מען אַוועקגעפירט צום פאַרטרעטער פון קאַליף, וואָס האָט זיי אויסגעפרעגט וועגן גנאַכימען, דעם זון פון עיוב.

גנאַכימס מוטער איז געפאַלן אין חלשות, אָבער זי איז באַלד געקומען צו זיך און זיך אָנגערופן:

„שוין אַ גאַנץ יאָר, ווי מיר האָבן פון אים קיין שום ידיעה נישט.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט מען זיי אָפּגעלאָזט.

אָבער גנאַכים, דער זון פון עיוב, דער אומרוהיקער שקלאַף פון ליבע, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין גאַנץ פאַרמעגן, איז געווען אַזוי צומישט, אַז ער האָט אָנגעהויבן וויינען און ביז נאַכט איז ער אַזוי געגאַנגען און געוויינט און הונגער און דורשט האָבן אים פאַרפאָלגט און געפייניקט, און נאַכט איז שוין געוואָרן און דעמאָלט האָט ער דערזען, אַז ער געפינט זיך אין אַ ישוב, וואו עס שטייט אַ מעטשעט, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט ביי דער וואַנט פון דעמדאָזיקן מעטשעט, אָבער ער איז געווען אַזוי מיד און הונגעריק, אַז ער האָט פאַרלאָרן די קלאָרע געדאַנקען. אין די אַלטע בעטלער־מלבושים, וואָס קוט־על־קולוב האָט אין איילע־ניש אַרויפגעוואָרפן אויף אים, האָבן זיך געפונען אַ סך ווערים און אמפליים, וואָס האָבן אים צופרעסן דאָס לייב, און ביז פאַר־טאָג האָט ער זיך אַזוי פאַרענדערט אין געזיכט, אַז מען האָט אים נישט געקאָנט דערקענען.

אינדערפרי איז דער עולם געגאַנגען דאַוונען אין מעטשעט, האָט מען אים געפונען אַ געחלשטן, באַלייגט מיט שטויב און אומפלייט. דאָך איז נאָך געווען צו מערקן, אַז דערדאָזיקער מאַן האָט אַמאָל געפירט אַ ברייט און רייך לעבן. אַז זיי האָבן אים אונטערגעהויבן, האָבן זיי דערשפירט, אַז ער איז אינגאַנצן פאַרגליווערט פון הונגער און קעלט. האָבן זיי אים איינגעהילט אין אַלטע שמאַטעס, ער זאָל נישט דערפראָרן ווערן, און עמיץ פון דער מחנה האָט אים אַ פרעג געטאָן:

„ווער ביזטו? אַן אויסלענדער? אַ וואַנדערער? וואָס איז די סיבה פון דיין קראַנקהייט?"

האָט גנאַכים געעפנט די אויגן און אָנגעקוקט דעם בייגעריקן עולם און זיך צעוויינט: ער האָט זיי נישט געקאָנט ענטפערן. איינער פון דידאָזיקע איז אַוועק און האָט געבראַכט האָניק און אַ פּאָר ברייטלאַך און גנאַכים האָט אונטערגעלענט זיין האַרץ און געגעסן, אַרומגערינגלט מיט נייגעריקע מענטשן פונם ישוב.

נאָכדעם זיינען אַלע אַוועק און גנאַכים איז געבליבן אין ישוב אַ גאַנצן חודש צייט. אָבער פון טאָג צו טאָג איז ער אַלץ שוואַכער געוואָרן, ביז די ישוב-לייט האָבן דערזען, אַז ער קאָן אָוועקשטאַרבן, האָבן זיי זיך באַראַטן צווישן זיך און באַשלאָסן, אַז עס איז גלייכער, מען זאָל אים אַוועקפירן קיין באַגדאַד אין שפּיטאָל אַריין.

און גראָד אין דער אייגענער צייט, ווען זיי האָבן זיך באַראַטן און גנאַכים איז געזעסן אַ דערשלאָגענער און מיט גלעזערנע אויגן געקוקט צום הימל, זיינען צוגעגאַנגען צוויי פרויען— בעטלערינס. דאָס איז געווען גנאַכימס מוטער און שוועסטער. דערזען די בעטלערינס, האָט ער זיי אַוועקגעשיינקט זיין ברויט, וואָס איז נעבן אים געלעגן, און זיי האָבן אויף דעם אייגענעם אָרט אויך איבערגענעכטיקט, אָבער ער האָט זיי נישט דערקענט. אויף מאָרגן זיינען די ישוב-לייט געקומען צו אים מיט אַ מויל-אייזל, און איינער האָט זיך אָנגערופן צום צווייטן:

„זעץ-אַוועק דעמדאָזיקן קראַנקן אויפן מויל-אייזל און פיר אים אַוועק קיין באַגדאַד און לאָז אים איבער ביי דער טיר פון

שפּיטאָל, אפשר וועט ער נאָך געזונט ווערן און דעמאָלט וועט דיר אַלאַ באַלוינען דערפאַר.״

און יענער האָט געענטפערט:

„איך הער און געהאָרך״.

מען האָט באַלד אַרויסגעטראָגן גנאַכימען פון מעטשעט און אַרויפגעזעצט אים אויפן מוילאייזל און דערביי איז געשטאַנען זיין מוטער און שוועסטער און זיי האָבן אים נישט דערקענט. אָבער אַז זיי האָבן אים בעסער באַטראַכט, האָבן זיי געזאָגט:

„אַך, ווי ער איז ענלאַך צו אונזער גנאַכימען.״

גנאַכים איז געלעגן אויפן מוילאייזל און געשלאָפן און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער אָנגעהויבן צו וויינען און צו קרעכצן. אָבער צוזאַמען מיט אים האָבן אויך געוויינט די מוטער און די שוועסטער, הגם זיי האָבן אים נישט דערקענט. דער מוילאייזל איז אַוועק אין דער ריכטונג פון באַגדאַד און אַהין זיינען אויך אַוועק גנאַכימס מוטער און שוועסטער.

געקומען אין דערדאָזיקער שטאָט, האָט אים דער אָנטרייבער אַוועקגעלייגט נעבן דער טיר פון שפּיטאָל און זיך באַלד אומגעקערט צוריק אַהיים. אָבער גנאַכים איז דאָרט געלעגן סאַמע ביז אינדערפרי, ווען די איינוואוינער פון דער שטאָט זיינען אַרויס פון די הייזער און האָבן אים באַמערקט. ער איז פאַר דער צייט אַזוי אויסגעצערט געוואָרן, אַז ער איז געווען ענלאַך צו אַ הויפן ביינער און אַ סך נייגעריקע מענטשן זיינען געשטאַנען און געקוקט אויף אים, ביז דער שייך פון מאַרק איז געקומען און האָט זיי אַלעמען צוטריבן.

דערדאָזיקער שייך האָט שטיל געמורמלט פאַר זיך:

„איך וועל זיכער אַריין אין גן-עדן, אויב איך וועל מיך מרחם-זיין איבער דעמדאָזיקן אומגליקלאַכן מענטשן. אין דעם שטאָטישן שפּיטאָל וועט ער לאַנג נישט לעבן.״

און ער האָט געהייסן זיינע יונגען, זיי זאָלן אויפהויבן דעם חולה און איבערטראָגן צו אים אין הויז, וואו ער האָט אים אַוועקגעלייגט אין אַ נייער בעט מיט אַ הויכן קישן, און דער שייך האָט זיך אָנגערופן צו זיין ווייב:

„זאָלסט אים גוט אויפפּאַסן."

„איך הער און געהאָרך",—האָט זי געזאָגט און תיכף פאַר-קאַטשעט די אַרבעל און אויפגעקאָכט וואַסער און אַרומגעוואַשן אים די הענט און פיס און דאָס גאַנצע לייב און אַרויפגעצויגן אויף אים אַ העמד פון אירע שקלאַפינס. זי האָט אים אויך געגעבן צו טרינקען וויין און באַגאָסן מיט רויזנוואַסער, אָבער אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער שיינער קוט-על-קולוב און ער האָט זיך דערשפּירט נאָך ערגער און אומגליק-לאַכער, ווי פריער.

אָבער אַזוי ווי גנאַכים האָט זיך געפּייניקט, האָט זיך אויך געפּייניקט די שיינע קוט-על-קולוב. אַלציק טעג איז זי געזעסן אין אַ פינסטערן צימער, און איינמאָל, בשעת דער קאַליף איז פאַרבייגעגאַנגען איר צימער, האָט ער דערהערט ווי זי דעקלאַ-מירט לידער, און באַלד דערויף האָט זי הויך אַרויסגעזאָגט:

„אָ, מיין געליבטער! אָ, מיין גנאַכים! ווי דו ביזט גוט! ווי דו ביזט אומשולדיק-ריין! ווי גרויסמוטיק דו האָסט זיך באַ-גאַנגען מיט דעם, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו דיר, ווי אַ טיראַן. דו האָסט אָפּגעהיט זיין ערע, אָבער ער האָט זיך נישט גערעכנט דערמיט און האָט דיך אומגעבראַכט. דו האָסט גאָר-נישט באַרירט זיין האַרעם, זיינע פרויען, אָבער ער האָט זיך, ווי אַ רוצח, נוקם-געווען אין דיר און דיין פאַמיליע. אָבער אַלאַ זעט עס אַלץ און אַלאַ וועט נישט שווייגן!"

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער קאַליף פאַרשטאַ-נען זייער זין און האָט בעת-מעשה אַ קלער געטאָן, אַז ער האָט זיך באַגאַנגען אָהן יושר. איז ער געקומען אין פּאַלאַץ אַריין און האָט געשיקט נאָך איר אַ האַרעמדינער, און אַז זי האָט איבער-געטראָטן די שוועל פון פּאַלאַץ האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געמאַכט קליינע וואַקלדיקע טריט פון אַ מענטשן, וואָס עמיץ האָט אים שטאַרק באַליידיקט.

און דער קאַליף האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיך אָנ-גערופן:

„אָ, קוט-על-קולוב! איך זע, אַז דו טראָגסט אויף מיר אַ

האַרץ און אַז דו באַשולדיקסט מיך אין אַכזוריות. דו מיינסט, אַז איך האָב אָן יושר באַהאַנדלט יענעם מאַן, וואָס האָט זיך אויס־געצייכנט מיט גרויס ערלאַכקייט און יושר, אָבער זאָג מיר, ווער האָט אָפּגעהיט מיין ערע, בשעת איך האָב געטראָטן מיט די פיס זיין כבוד און ווער האָט ניִשט באַרירט מיינע פרויען, בשעת איך האָב מיך נוקם־געווען אין זיין פאַמיליע?"

האָט זי געמאַכט נאָך אַ טריט פאָרויס און געזאָגט:

„גנאַכים, דער זון פון עיוב. אין דער באַציונג צו מיר איז ער געווען דער ריינסטער און איידעלסטער מענטש, אָ, מלך פון די רעכטגלויביקע!"

„כח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט! — האָט דער קאַ־ליף אויסגעשריען. — הער נאָר, קוט־על־קולוב, דו קאָנסט ביי מיר פאָדערן, וואָס דו ווילסט, וואָרום דיין פאָדערונג וועט תיכף־ומיד צופרידנגעשטעלט ווערן."

און זי האָט געזאָגט:

„יאָ, איך פאַרלאַנג פון דיר מיין געליבטן, וואָס הייסט גנאַכים, דער זון פון עיוב".

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט ער געזאָגט:

„אויב דאָס וועט נאָר ניִשט זיין קעגן דעם ווילן פון גאָט, הייס איך אים ברייִנגען אַהער."

דעמאָלט האָט קוט־על־קולוב אויפגעהויבן די אויגן צום מלך און געזאָגט:

„אויב מען וועט אים ברייִנגען אַהער, וועסטו מיר אים שיינקען?"

„איך וועל דיר אים שיינקען, האָט זיך דער קאַליף אָנגע־רופן, — אָבער וויסן זאָלסטו, אַז אַן אָרענטלאַכער מאַן פאָדערט קיינמאָל ניִשט צוריק זיינע מתנות."

„האָב איך צו דיר נאָך איין בקשה, — האָט קוט־על־קולוב געזאָגט, — דערלויב מיר אים אויפצוזוכן. אפשר וועט אונז גאָט צונויפפירן אין איינעם."

האָט דער קאַליף געזאָגט:

„קאָנסט טאָן אַזוי ווי דיר געפעלט."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זי זיך זייער דער־

פרייט און זי האָט באַלד גענומען טויזנט גאָלדשטיק און איז אַוועק צו אַלע שייכן פון שטאָט. אויף מאָרגן איז זי שוין געווען ביים שייך פון מאַרק און זי האָט אים געגעבן געלט און געזאָגט:

צוטייל צווישן אָרימע אויסלענדער.״

האָט דער שייך געזאָגט:

„יאָ, ביי מיר אין הויז געפינט זיך אַן אויסלענדער, וואָס איז זייער יונג און שיין. אפשר וואָלסטו אַריין צו מיר אין הויז אַ קוק טאָן אויף אים? אַמאָל קאָן עס זיין דער, וועלכן דו זוכסט אַרום און קאָנסט נישט געפינען.״

דער שייך פון מאַרק האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס איז גנאַכים, דער זון פון עיוב, דער אומרוהיקער שקלאַף פון ליבע. דער שייך האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַן אויסלענדער, וואָס האָט פאַרשווענדט זיין פאַרמעגן, אָדער אַ פאַרליבטער, וואָס האָט זיך צושיידט מיט זיין געליבטער. אָבער אַז קוט-על-קולוב האָט דערהערט זיינע ווערטער, האָט איר גענומען קלאַפּן דאָס האַרץ און די בעקלעך זיינען איר פאַרלאָפן געוואָרן מיט הייסן בלוט, און זי האָט זיך אָנגערופן צום שייך:

„גיב מיר עפּיס אַ באַגלייטער, וועל איך גיין צו דיר אין הויז.״

האָט דער שייך מיטגעשיקט מיט איר אַ ייִנגל, און אַז זיי זיינען אַריין אין הויז, האָט זי זיך פאַרנויגט פאַר דעם שייכס ווייב און יענע, אַז זי האָט זיך דערוואוסט, ווער זי איז, האָט זי איר אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון די פיס.

און קוט-על-קולוב האָט זיך אָנגערופן:

„זאָג מיר, וואו האָסטו דאָ דיין אויסלענדער?״

האָט זיך דעם שייכס ווייב צעוויינט און געזאָגט:

„ער איז פון אַ פיינער משפחה, מיין קינד, און האָט, קענטיק, געלעבט אין גרויס רחבות און פאַרגעניגן.״

אָבער אַז דעם שייכס ווייב האָט זי צוגעפירט צום קראַנקען גנאַכימען, האָט זי אים נישט דערקאָנט.

ער איז געווען שרעקלאַך אויסגעמאָגערט, בלויז הויט און ביינער און אין די אויגן האָט אים געשפּילט דאָס פייער פון אַ

חולה. אָבער קוט-על-קולוב האָט זייער רחמנות געהאַט איבער אים און האָט זיך צעוויינט און געזאָגט:

„ווי שרעקלאַך עס זעען דאָ אויס די אויסלענדער. מעגלאַך, אַז אינדערהיים זיינען זיי געווען עמירן אָדער גרויסע סוחרים."

און זי האָט געהייסן, מען זאָל אים פאַר איר געלט ברייני-גען וויינען, רפואות און גוטע מאכלים און נאָכדעם, ווי זי איז אים אַ ווײַלע געזעסן צוקאָפּנס, איז זי אַוועקגעפאָרן אין פּאַלאַץ.

אַלע טאָג איז זי געפאָרן אויפן מאַרק און אַלע טאָג האָט זי געזוכט גנאַכימען. אין עטלאַכע טעג אַרום האָט זיך דערדאָ-זיקער שייך געטראָפן מיט צוויי אָרימע פרויען: דאָס איז גע-ווען גנאַכימס מוטער און זיין שוועסטער פיטנעך. האָט זיי דער שייך אַוועקגעפירט צו קוט-על-קולוב און געזאָגט:

„אָ, מיין גנעדיקע האַרין! צו אונז אין שטאָט איז געקו-מען אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער, וואָס זעען-אויס פון אַ שיינער פאַ-מיליע. זיי האָבן, קענטיק, אַמאָל געלעבט אין גרויס רחבות און גליק, אָבער היינט גייען זיי אין צוריסענע קליידער און יעדע פון זיי טראָגט אַ טאָרבע אויפן רוקן. דידאָזיקע פרויען האָב איך געבראַכט צו דיר, דו זאָלסט רחמנות-האָבן איבער זיי און לינ-דערן זייער נויט. זאָלסט וויסן, אַז זיי זיינען נישט פון יענע, וואָס קאָנען בעטלען. אָ, מיין האַרין, פאַר דיינע גוטע מעשים וועט דיך אַלאַ זיכער גוט באַלוינען."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך קוט-על-קולום אָנ-גערופן:

„דו דערוועקסט אין מיר דאָס האַרץ צום גוטן. ווייז מיר דידאָזיקע פרויען. איך וויל זיי זען".

האָט דער שייך אַריינגערופן די אָרימע פרויען, אָבער אַז קוט-על-קולוב האָט דערזען, ווי זיי זיינען שיין און איידל, האָט זי זיך צעוויינט און געזאָגט:

„ביי גאָט, דידאָזיקע פרויען שטאַמען פון אַן איידעלער פאַמיליע, עס טוט מיר באַנג אויף זיי."

דערויף האָט זיך אָנגערופן דער שייך:

„אָ, מיין גנעדיקע האַרין! מיר האָבן ליב אָרימע און אומ-

גליקלאַכע און פאַר אונזער ליבע באַלוינט אונז גאָט. איך מיין, אַז גזלנים אָדער אַזוי שלעכטע מענטשן זיינען באַפאַלן דידאָזיקע פרויען און זיי באַרויבט און אומגליקלאַך געמאַכט.״

ביידע פרויען האָבן זיך צעוויינט, און אַז זיי האָבן זיך נאָך דערמאָנט אָן גנאַכימען, דעם זון פון עיוב, דעם אומרוהיקן שקלאַף פון ליבע, איז נאָך שטאַרקער געוואָרן זייער צער, און קוט-על-קולוב האָט געוויינט צוזאַמען מיט זיי.

„אָ, אַלאַ! —האָט אויסגערופן גנאַכימס מוטער—באַהעפט אונז מיט יענעם, וואָס אונזערע אויגן זוכן אים אַרום אין דער גאַנ-צער וועלט: דאָס איז מיין זון גנאַכים, וואָס זיין פאָטער האָט געהייסן עיוב.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט קוט-על-קולוב פאַר-שטאַנען, אַז פאַר איר שטייט די מוטער פון איר געליבטן און אויך זיין שוועסטער און זי איז פון גרויס אַנגסט אַנידערגעפאַלן אין חלשות. אָבער אַז זי איז שפּעטער געקומען צו זיך, איז זי צוגעגאַנגען צו זיי און געזאָגט:

„איר האָט זיך נישט וואָס צו שרעקן. פון היינט-אָן וועט איר שוין נישט באַדאַרפן בעטלען און נישט באַדאַרפן זאָרגן און איר וועט קאָנען לעבן מיט לייטן גלייך.״

נאָכדעם האָט זי דעם שייך געגעבן טויזנט גאָלדשטיק און געהייסן, ער זאָל זיי אַוועקפירן צו זיך אַהיים און באַשירמען זיי און אויסהאַלטן זיי אין גוטס און אין גרויס כבוד. פריער זאָל מען זיי אַוועקפירן אין באָד אַריין און זיי גוט אַרומוואַשן און נאָכדעם זאָל מען זיי איבערטאָן אין נייע שיינע קליידער.

האָט דער שייך צוגענומען דאָס געלט און איז אַוועק מיט די צוויי פרויען, און קוט-על-קולוב האָט זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן מיט אַ פאַרביטערט האַרץ. אויף מאָרגן האָט זי זיך געזעצט אויפן מוילאייזל און איז אַוועקגעפאָרן צום שייך, און אַז דעם שייכס ווייב האָט זי דערזען, האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַ קוש גע-טאָן דעם שטויב פון אירע פיס און באַדאַנקט פאַר איר גוט האַרץ. דאָ האָט קוט-על-קולוב געזען, אַז די צוויי פרויען זיינען שוין געווען אין באָד און טראָגן נייע קליידער און אַז זייער

אַנשטענדיקייט לאָזט זיך נאָך דייטלאַכער מערקן אויף זיי. נאָכ-
דעם האָט זי געפרעגט דעם שייכס ווייב וועגן דעם קראַנקן
אויסלענדער, וואָס ליגט ביי זיי אין הויז, און יענע האָט געזאָגט:

„ער איז נאָך אַלץ קראַנק".

„נו, טאָ הויב דיך אויף,—האָט קוט-על-קולוב געזאָגט,—און
פיר מיך אַריין צו אים."

צוזאַמען מיט זיי איז אויך געגאַנגען גנאַכימס מוטער און
זיין שוועסטער. אַלע האָבן זיך אַנידערגעזעצט אַרום דעם קראַנקנס
בעט, אָבער אַז גנאַכים, דער זון פון עיוב און דער אומרוהיקער
שקלאַף פון ליבע, האָט דערהערט, ווי די פרויען רופן-אָן דעם
נאָמען קוט-על-קולוב, האָט ער, נישט-געקוקט אויף זיין שווע-
רער קראַנקהייט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן און געזאָגט:

„קוט-על-קולוב!"

דערהערט איר נאָמען אויף זיינע ליפּן, איז קוט-על-קולוב
בלאַס געוואָרן, אָבער אין דער אייגענער רגע האָט זי אים דער-
קאָנט און אויסגעשריען:

„דאָס בין איך! אָ, מיין געליבטער!"

און דער קראַנקער האָט געבעטן:

„גיי-צו נענטער!"

אָבער זי האָט אַלץ נישט געגלויבט און געפרעגט:

„ביזטו דאָס טאַקי גנאַכים, דער זון פון עיוב, דער אומ-
רוהיקער שקלאַף פון ליבע?"

„יאָ, דאָס בין איך."

די שיינע קוט-על-קולוב איז באַלד אַנידערגעפאַלן אין
חלשות און די צוויי אָרימע פרויען האָבן אויסגערופן:

„דאָס איז גנאַכים! אונזער זון! אונזער ברודער!"

און זיי האָבן זיך אויך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

שפּעטער, אַז אַלע זיינען געקומען צו זיך, האָט קוט-על-
קולוב געזאָגט:

„געבענטשט זאָל זיין דער אַלמעכטיקער, וואָס האָט אונז דאָ
אַלעמען פאַרייניקט."

און זי האָט דערציילט, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט און

וואָס זי האָט גערעדט מיטן קאַליף און זי האָט צוגעגעבן:

„איך האָב געזאָגט דעם קאַליף: „אָ, מלך פון די רעכט־גלוביקע, איך האָב דיר געזאָגט די גאַנצע וואָרהייט!" און דער קאַליף האָט מיר געגלויבט און האָב געהייסן, איך זאָל דיך ברענגען צו אים אין פּאַלאַץ."

און גנאַכים האָט זיך צעוויינט פון פרייד, און קוט־על־קולוב האָט זיך אָנגערופן:

„גייט נישט אַוועק פונדאַנען, ביז איך וועל מיך צוריקקערן."

זי איז באַלד אַוועק אין פּאַלאַץ אַריין, וואו זי האָט געעפנט גנאַכימס קאַסטן, אַרויסגענומען פון דאָרטן עטלאַכע גאָלדשטיק און איבערגעגעבן זיי דעם שייך מיט דידאָזיקע ווערטער:

„נעם דאָס געלט און קויף זיי אַלעמען צו פיר שיינע גוטע אָנצוגן און צו צוואַנציק טיכלעך און קויף זיי אַלץ, וואָס זיי באַדאַרפן".

נאָכדעם האָט זי פאַרבראַכט מיט זיי צוזאַמען גאַנצע דריי טעג, ביז גנאַכים איז געזונט געוואָרן. צוויי מאָל האָט זי זיי געשיקט אין באָד אַריין און צוויי מאָל האָט זי געטוישט אויף זיי די קליידער. פאַר דער צייט האָט זי זיי אויך געגעבן צו עסן דאָס בעסטע און טייערסטע, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט קריגן אויפן מאַרק. אין דריי טעג אַרום, ווען אַלע האָבן זיך אויף אַזויפיל פאַרבעסערט, אַז זיי האָבן אויסגעזען געזונט און פריש, איז זי אַוועק צום קאַליף און אַ קוש געטאָן אים דעם שטויב פון די פיס און געזאָגט:

„עס האָט זיך אָפּגעפונען דער יונגער סוחר גנאַכים, דער זון פון עיוב, דער אומרוהיקער שקלאַף פון ליבע."

און זי האָט אים דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים און מיט זיין מוטער און שוועסטער האָט פּאַסירט. דעמאָלט האָט דער קאַליף געזאָגט צו זיינע האַרעמדינער:

„ברענגט מיר אַהער דעמדאָזיקן גנאַכים!"

צוזאַמען מיט די דינער איז אויך אַוועק דזשאַפאַר, אָבער קוט־על־קולוב איז נאָך פריער אַוועק, און אַז זי איז געקומען

צו גנאַכימען, האָט זי געזאָגט:

„דער קאַליף האָט געשיקט נאָך דיר. באַלד וועסטו שטיין פאַר זיינע אויגן, אָבער דו זאָלסט זיך נישט שרעקן און זאָלסט ריידן שיין און קלוג."

נאָכדעם האָט זי אים איבערגעטאָן אין די שענסטע קליידער און האָט אים אַריינגעלייגט אַ סך גאָלדשטיק אין די קעשענעס.

„אַז דו וועסט אַריין אין פּאַלאַץ,—האָט זי געזאָגט,—זאָלסטו שיינקען אַ סך געלט די פּאַלאַצדינער. גיב זיי וואָס מער, וועסט האָבן אַ טובה דערפון."

און דאָ איז אָנגעקומען דזשאַפאַר מיט די פּאַלאַצדינער און גנאַכים איז אים אַרויס אַנטקעגן און האָט אים באַגריסט מיט אַ פּסוק פון קאָראַן און נאָכדעם האָט ער אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון זיינע פיס. דזשאַפאַר האָט אים באַלד גענומען צו זיך און אַוועק מיט אים אין פּאַלאַץ פונם קאַליף. און גנאַכים איז אַריין צום קאַליף אין צימער, האָט ער דאָרט דערזען אַ סך וויזירן און עמירן און הויפלייט און מיליטערלייט און פאַרשידענע באַאַמטע, געפּוצט אין גאָלד. און גנאַכים האָט זיך געקאָנט זייער שיין האַלטן און זייער שיין ריידן, האָט ער זיך באַלד פאַרנויגט ביז צו דער ערד, דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום קאַליף און האָט אים באַגריסט מיט אַ שיינעם ליד. אַז ער האָט געענדיקט די באַגריסונג, איז דער קאַליף געווען אַנטציקט פון זיין האַלטונג און פון זיין אויסערלאַכער שיינקייט און פון זיין אָנגענעמען קול, און ער האָט געזאָגט:

„גיי-צו נענטער צו מיר."

האָט גנאַכים אַזוי געטאָן, און דער קאַליף האָט געזאָגט:

„דערצייל מיר דיין לעבנסגעשיכטע, אָבער געדיינק—בלויז די וואָרהייט."

האָט גנאַכים דערציילט דעם קאַליף זיין גאַנצע לעבנסגעשיכטע פון אָנהויב ביזן סוף, און דער קאַליף, וואָס האָט געזען, אַז ער רעדט בלויז די וואָרהייט, האָט ער אים געשיינקט ערנקליידער און געזאָגט:

„איך מיין, אַז איך האָב מיך אויסגעגלייכט מיט דיר".
אָבער גנאַכים האָט געענטפערט דערויף:
„אָ, מלך פון די רעכטגלויביקע, איך בין נישט מער ווי דיין שקלאַף און איך טאָר זיך קיינמאָל נישט אויסגלייכן מיט דיר."

אין דעם קאַליף זייער געפעלן געוואָרן דערדאָזיקער ענטפער, האָט ער אים געשיינקט אַ באַזונדער פּאַלאַץ מיט אַ הויכער פּענסיע. שפּעטער האָט ער דערזען גנאַכימס שוועסטער, וואָס איז געווען שיין, ווי די לבנה און די שטערן, וואָס אַרום איר, האָט ער זי אַ ווײַלע אָנגעקוקט און געבעטן איר האַנט. דערויף האָט אים גנאַכים געזאָגט:
„איך בין דיין שקלאַף און זי—דיין שקלאַפין. נעם זי, אויב דו ווילסט."

אין דעם אייגענעם טאָג האָט דער קאַליף גערופן אַ קאַדי מיט עדות און מען האָט געשטעלט צוויי חופות: איינע פאַרן קאַליף מיט פיטנעכן, גנאַכימס שוועסטער, און די צווייטע פאַר גנאַכימען מיט קוט-על-קולוב. און אַז עס איז געוואָרן נאַכט, זיינען זיי ביידע געגאַנגען צו זייערע ווייבער—דער קאַליף צו פיטנעכן און גנאַכים צו קוט-על-קולוב.

אויף מאָרגן האָט דער קאַליף אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט מיט גנאַכימען, זאָל פאַרשריבן ווערן אין אַ בוך פאַר די ווייטערדיקע דורות, כדי די מענטשן זאָלן זיך קאָנען אַראָפּנעמען אַ מוסר-השכל פון דעם, וואָס דער מזל קאָן טאָן מיט אַ מענטשן און אַז מען באַדאַרף זיך שטענדיק און אַלעמאָל פאַרלאָזן בלויז אויפן רצון פון גאָט.

די געשיכטע פון טאדזשעל־מולוק און דער סולטאנין דוניע.

הויבט זיך אָן אינמיטן פון דער הונדערט־זיבעצעטער נאכט*) און ענדיקט זיך אינמיטן פון דער הונדערט זיבנאונדרייסיקסטער.

גאָר פאַרצייטנס, בשעת אין די בערג פון איספאַהאַן איז געשטאַנען אַ שטאָט מיטן נאָמען על-מעדינעך-על-קאַדאַר, האָט דאָרט געהערשט אַ מלך, וואָס האָט געהייסן סוליימאַן. דאָס איז געווען זייער אַ גוטער און זייער אַ באַרמהאַרציקער מלך, וואָס נאָך אַזאַ איינער האָט זיך נישט געפונען אין דער גאַנצער וועלט. פון אַלע לענדער און שטעט פלעגן קומען צו אים מענטשן נאָך אַן עצה און אַ גוט וואָרט און ער האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט

*) אינם אָריגינאַל, פון וועלכן עס זיינען געמאַכט געוואָרן די בעסערע איינגלי־שע און דייטשע איבערזעצונגען, איז די געשיכטע, וואָס באַדאַרף קומען נאָך גנאַכימען, זייער אַ לאַנגע. די דאָזיקע געשיכטע, וואָס הויבט זיך אָן אינמיטן פון דער פירונפער־ציקסטער נאַכט און ענדיקט זיך אינמיטן פון דער הונדערט און זיבעצעטער נאַכט, באַציט זיך נאָך צו דעם ערשטן יאָרהונדערט פון דער מאַכמעדאַנישער ערא, און דאָרט ווערט

דערין. געלעבט האָט ער זייער לאַנג און גליקלאַך, אָבער ער האָט קיין קינדער נישט געהאַט.

זיין ערשטער וויזיר האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט הויכע מדות, מיט גרויס גוטסקייט און שכל און אַלע האָבן אים זייער געשעצט. איינמאָל האָט אים דער מלך אַריינגערופן צו זיך אין צימער און געזאָגט:

„אָ, וויזיר! וויסן זאָלסטו, אַז מיין האַרץ איז אָנגעפילט מיט אומעט און צער און ביינאַכט קאָן איך נישט שלאָפן. איך פרעג דיך, וואָס טויג אַ לעבן אָן אַ ווייב און אָן אַ קינד? און וואָס טויג אַ מלך אָן אַ יורש? דאָס גאַנצע פאָלק, זע איך, פרוכפערט און מערט זיך, ווי דער נביא, גאָטס ברכה זאָל רוען אויף זיין קאָפּ, האָט געזאָגט: איר זאָלט זיך פרוכפערן און מערן, און איך גאָרנישט. עס איז דאָך מיר אַ חרפה פאַר גאָט און אַ שאַנד פאַר די אַנדערע פרעמדע פעלקער. אַלזאָ, וואָס קאָנסטו מיר זאָגן דערויף און וואָס האָסטו פאַר אַן עצה פאַר מיר?"

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער וויזיר צעוויינט און דערנאָך געזאָגט:

„אָ, גרויסער מלך! צי קאָן איך באַשליסן אַ זאַך, צי קאָן איך געפינען רעטונג צו אַ זאַך, וואָס איז אָפּגעהאַנגען פון גאָט? שוין-זשע מיינסטו, אַז אַ מענטש איז דאָס בכח צו טאָן?"

דעמאָלט האָט דער מלך זיך אָנגערופן:

„זאָלסט וויסן, אָ, וויזיר, אַז איך קאָן מיר אויסקלייבן זייער אַ שיינע שקלאַפין און לעבן מיט איר. קיינער קאָן מיר, באַטירלאַך, נישט שטערן דערין. אָבער איך וויל דאָס נישט. איך וויל האָבן אַ יורש פון ריינעם בלוט און פון אַ שיינער קייזערלאַכער פאַמיליע. אפשר וועט מיר גאָט מזכה-זיין מיט אַ קינד. דעריבער וואָלט איך געוואָלט, דו זאָלסט באַרייזן די גאַנצע וועלט, ביז

דערציילט וועגן אַ מלחמה, וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן צוויי גריכישע מלכים די בעסערע איבערזעצער האָבן איינגעפונען, אַז דידאָזיקע לאַנגע געשיכטע איז נישט ווערט איבערגעזעצט צו ווערן צוליב איר נישט אָנשטענדיקן אינהאַלט. צוליב דעם איינגענעם טעם האָבן מיר זי אויך אַדורכגעלאָזט.

דו וועסט מיר אויסגעפינען עפּיס אַ שיינע טאָכטער פון אַ פיינער קייזערלאַכער פאַמיליע. אפשר וועט גאָט העלפן און זי וועט מיר געווינען אַ יורש, וואָס אָן דעם איז אַ מלך גאָר קיין מלך נישט".

האָט דער וויזיר אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט:

„ביי גאָט, איך זע איצט דיין ווייב נעבן דיר."

האָט זיך דער מלך פאַרוואונדערט און געפרעגט:

„וואָס מיינסטו מיט דידאָזיקע ווערטער?"

און דער וויזיר האָט געענטפערט:

„אָ, גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע! דער מלך זאַר-שאַן, וואָס הערשט אינם לאַנד על-אַרד-על-בייד האָט אַזאַ וואונ-דערשיינע טאָכטער, אַז אויף דעם מענטשנס לשון זיינען גאָר נישטאָ קיין ווערטער, מיט וועלכע מען קאָן איבערגעבן איר שיינקייט. מען זאָגט, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז נישט צו קריגן נאָך אַזאַ שיינהייט. איך באַדאַרף דיר בלויז זאָגן, אַז זי איז שלאַנק, ווי אַ יונג ביימעלע און אַז זי האָט שוואַרצע אויגן, ווי די נאַכט, לאַנגע שוואַרצע האָר, אַ דינע טאַליע און ברייטע לענדן. ווען זי גייט-צו צו אַ מענטשן, ווערט יענעם וואַרים און אַז זי הויבט אויף די אויגן, פאַרלירט יענער תיכף זיין האַרץ. און דעריבער, אָ, גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע, וואָלט איך דיר געראָטן, זאָלסט שיקן צו איר פאָטער עפּיס אַ קלוגן און געשיקטן שליח, וואָס זאָל בעטן איר האַנד פאַר דיר, וואָרום נאָך אַזאַ געראָטענע פּרוי איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט, ווי איך האָב שוין געהאַט דעם כבוד דיר פריער דאָס צו זאָגן. אויף אַזאַ אופן וועסטו האָבן די שענסטע פרוי אונטער גאָטס הימל און וועסט קאָנען אויפן בעסטן אופן מקיים-זיין די מצוה פון פּרוכפּערן און מערן זיך, ווי דער נביא האָט געהייסן."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער סולטאַן געשמייכלט פון גרויס תענוג און נאָכדעם זיך אָנגערופן צום וויזיר:

„אָ, וויזיר! וויסן זאָלסטו, אַז מיט אַזאַ וויכטיקער שליחות קאָן איך שיקן נאָר דיך. קיין פּאַסיגערן מאַן פאַר דיר האָב איך נישט, וואָרום דו ביזט קלוג און העפלאַך און איידל. דו זאָלסט זיך תיכף צוגרייטן און מאָרגן זאָלסטו זיך לאָזן אין וועג

אַריין. פאָרן זאָלסטו שנעל און איין זאַך זאָלסטו דיר גוט אַריינ־נעמען אין קאָפּ: אָן איר זאָלסטו נישט קומען!"

„איך הער און געהאָרך",—האָט דער ווזיר געענטפערט און איז באַלד אַוועק אַהיים צוצוגרייטן דאָס אַלץ, וואָס מען באַדאַרף מיטנעמען אין וועג אַריין. ער האָט אָנגעקויפט די שענסטע און טייערסטע איידלשטיינער און די שענסטע אַנטיקן, וואָס מען קאָן שיינקען אַ טאָכטער פון אַ קייזער. אויסערדעם, האָט ער מיטגענומען טייערע אַראַבישע פערד און אַזוינע וואונדערשיינע קעסט־לאַך, וואָס דעם מענטשנס דמיון קאָן זיך זיי גאָרנישט פאָרשטעלן. די טייערע שטיינער מיט די טייערע מתנות זיינען גוט פאַרפּאַקט געוואָרן און נאָכדעם זיינען זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף מויל־אייזלען און קעמלען און דער ווזיר האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. באַגלייט האָבן דעם ווזיר הונדערט האַרעמדינער, הונדערט שוואַרצע שקלאַפן און הונדערט שיינע שלאַנקע שקלאַפינס מיט הויכע פענער אין די הענט. דער מלך האָט אים נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט ער זאָל וואָס שנעלער מאַכן די רייזע און וואָס גי־כער קומען און אַליין האָט ער דערפילט, אַז ער ברענט און אַז ער קאָן נישט עסן און נישט שלאָפן פון ליידנשאַפט.

דער ווזיר איז זייער שנעל געפאָרן און האָט נישט גע־מאַכט קיין הפסקות אין וועג. טאָג און נאַכט איז ער געפאָרן, אָבער אַז ער איז געקומען נישט ווייט פון דער שטאָט, וואו עס וואוינט דער מלך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ טייך און דאָ האָט ער אַ רוף געטאָן איינעם פון די הויפלייט און געהייסן, ער זאָל אַוועק צום סולטאַן אין פּאַלאַץ און מעלדן דעם סולטאַן, אַז נישט ווייט פון די טויערן פון זיין שטאָט האַלט לאַגער דער חשובער גרויסווזיר פונם גרויסן מלך סוליימאַן.

„איך הער און געהאָרך",—האָט יענער געענטפערט און איז באַלד אַוועק אין שטאָט אַריין.

און עס איז געשען אַזוי, אַז ווען ער איז געקומען צו די טויערן פון דער שטאָט, איז דאָרט אויף אַ גרין בערגל געזעסן נישט קיין אַנדערער, ווי נאָר דער סולטאַן זאַר־שאַך אַליין. ער איז זיך געזעסן און זיך אויסגערוט אין שאָטן פון אַ בוים. דער

סולטאַן האָט באַלד באַמערקט, אַז אַ מענטש פון אַ פרעמדן לאַנד גייט מיטן וועג אין שטאָט אַריין, האָט ער אים צוגערופן און געפרעגט, ווער און וואָס ער איז.

האָט אים דער הויפמאַן דערציילט, ווער ער איז און וואָס ער איז און דערביי האָט ער געזאָגט, אַז עס פאָרט אַהער דער גרויסוויזיר פונם מלך סוליימאַן, וואָס איז הערשער איבער על-מעדינעך-על-קאַדאַר און איבער די בערג פון איספאַהאַן.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער סולטאַן זייער דערפרייט און האָט איינגעלאַדן דעם אין גאַלד באַפּוצטן הויפמאַן צו זיך אין פּאַלאַץ אַריין, וואו ער האָט אים געפרעגט:

„וואו האָסטו איבערגעלאָזט דעם וויזיר?"

„איך האָב אים איבערגעלאָזט,—האָט דער הויפמאַן געזאָגט,— ביים ברעג טייך און מאָרגן וועט ער קומען אַהער, זאָל גאָטס ברכה רוען אויף דיין קאָפּ און אויסהיטן און באַשיצן זאָל ער אויך דיינע נאָענטע".

האָט דער סולטאַן באַפוילן זיין וויזיר, ער זאָל מיטנעמען מיט זיך קריגסלייט, הויכע באַאַמטע און עמירן און זאָל אַרויס-פאָרן אַנטקעגן דעם וויזיר פונם מלך סוליימאַן, וואָס זיין מלוכה גרענעצט זיך מיטן סולטאַנס.

און ביז האַלבער נאַכט האָט דער וויזיר פונם מלך סוליי-מאַן פאַרבראַכט מיט זיינע לייט ביים טייך. דערנאָך האָט ער זיך געריהרט פון אָרט און איז אַוועק מיט דער מחנה צו דער שטאָט. און אַז די זון איז אויפגעגאַנגען און די אַרומיקע בערג און טאָלן זיינען אויפגעדעקט געוואָרן פון דער נאַכט, האָט זיך דער וויזיר באַגעגנט מיט דער מחנה, וואָס דער סולטאַן האָט אַרויסגעשיקט אַנטקעגן.

איצט איז שוין דער וויזיר זיכער געווען אין זיין ערפאָלג און ער האָט זייער וואַרים באַגריסט די לייט פון דעם סולטאַנס מחנה, וואָס האָבן אים באַלד אַוועקגעפירט אין דעם מלכס פּאַ-לאַץ.

געקומען צום פּאַלאַץ, איז דער וויזיר אַראָפּ פונם פערד און איז באַלד אַריין אינם גרויסן זאַל, וואו עס איז געשטאַנען אַ

בעט פון אַלבאַסטער מיט העלפֿאַנד-ציין אַנשטאָט פיס. אויף דער־דאָזיקער בעט איז געלעגן אַ מאַטראַץ באַצויגן מיט גרינעם אַטלעס און אויסגעהאַפּט מיט גאָלד, און איבער דער בעט איז געווען אויסגעשפּרייט אַ פּרוכת, באַפּוצט מיט פּערל און בריליאַנטן.

דער סולטאַן זאַר-שאַך איז געזעסן אויפן בעט, אַרומגערינגלט פון זיינע הויפּלייט און יועצים, און פון זיינע אויגן האָט זיך געגאָסן דאָס ליכט פון פריינטשאַפט.

האָט דער וויזיר געמאַכט אַ פּאָר טריט פאָרויס, אָבער ער האָט זיך באַלד צוגעשטעלט, כּדי זיך אָנצונעמען מיט מוט, און דערנאָך, אַז ער איז צוגעגאַנגען נענטער, האָט ער פרייגעלאָזט זיין צונג און האָט פאַרן מלך פאַרגעלייענט צען שיינע באַגריסונגסלידער.

נאָכדעם האָט אים דער סולטאַן אַ רוף געטאָן נענטער צו זיך, האָט אים באַלוינט מיט אַ וואַרימען שמייכל און אַ פּאָר מינוט העפלאַך געשמועסט מיט אים.

באַלד דערויף האָבן די דינער אַריינגעטראָגן אין זאַל אַ טיש און אַלע האָבן זיך אַוועקגעזעצט עסן פון דעם שענסטן און בעסטן, וואָס מען קאָן נאָר קריגן אין פּאַלאַץ פון אַ מלך.

נאָכן עסן האָט מען אַרויסגעטראָגן דעם טיש און אַלע הויפּלייט, עמירן און וויזירן זיינען אַרויס פון זאַל, און דער וויזיר איז געפאַלן אויף די קני, און נאָכדעם ווי ער האָט אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון דעם מלכס פיס, האָט ער געזאָגט:

„אָ, גרויסער מלך און גנעדיקער הערשער! איך בין געקומען אַהער וועגן אַ זאַך, וואָס איז באַהאַפטן מיט גליק און פרייד און תּענוג. זאָלסט וויסן, אַלמעכטיקער מלך, אַז איך בין געקומען צו דיר, אַלס שליח, צו בעטן אין נאָמען פון מיין מלך, וואָס איז באַרימט מיט זיין גרויסקייט, באַרימהאַרציקקייט און חסד, די האַנט פון דיין טאָכטער, וואָס איז באַרימט אין דער גאַנצער וועלט מיט איר רייץ. מיין מלך האָט דיר געשיקט אַ סך מתּנות און זעלטענע זאַכן, אַלס צייכן, אַז ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרבינדן מיט דיין פאַמיליע.“

דאָ איז דער וויזיר אַנטשוויגן געוואָרן און געוואַרט אויף

אַן ענטפער. אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער מלך אויפגעהויבן און אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון דעם וויזירס פיס, אַ זאַך, וואָס געשיט זייער זעלטן, און די עטלאַכע מענטשן, וואָס זיינען אַריין אין זאַל, האָבן זיך שטאַרק געחדושט אויף דעם סולטאַנס הכנעה און האָבן זיך איבערגעקוקט בלאַסע און דער־שראָקענע. נאָכדעם האָט זיך דער סולטאַן אויפגעשטעלן און האָט אַרויסגעזאָגט די פאָלגענדיקע ווערטער מיט זייער אַ שטילן און וואָרהאַפטיקן טאָן:

„אָ, בראַוער וויזיר פונם וועלטבאַרימטן מלך! הער, וואָס איך קאָן דיר זאָגן: מיר געפינען זיך אונטער דער מאַכט פונם מלך סוליימאַן און מיר האַלטן זיך פאַר זיינע אונטערטאַנען. מיר שעצן זייער הויך זיין חסד, וואָס ער ווייזט אונז אַרויס און מיר זאָגן גאַנץ אָפן, אַז אונזער טאָכטער איז זיין שקלאַפין. מער פון אַלץ אויף דער וועלט וואָלט איך געוואָלט זיין הילף און זיין שוץ און זיין צוזאַמענבונד מיט מיין פאַמיליע.“

נאָך דידאָזיקע ווערטער האָט ער אַריינגערופן אַ קאָדי און עדות, וואָס האָבן אָנגעשריבן אַ פּאַפּיר, אין וועלכן עס איז גע־זאָגט געוואָרן, אַז דער מלך סוליימאַן האָט צוגעשיקט זיין ווי־זיר מיטן צוועק צו שליסן אַ שדוך און דער סולטאַן זאַר־שאַך גיט זיין הסכמה דערצו.

אַזויאַרום איז געשלאָסן געוואָרן דער שידוך, און דער קאָ־די צוזאַמען מיט די עדות האָבן תפילה־געטאָן פאַרן גליק און וואוילשטאַנד פון דיביידע מלוכות.

נאָכדעם האָט זיך דער וויזיר אויפגעהויבן און אויסגעפּאַקט די אַלע מתנות, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך און אונ־טערגעטראָגן זיי דעם סולטאַן זאַר־שאַך.

אין דעם אייגענעם טאָג האָט דער סולטאַן געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט, אויף וועלכן עס זיינען געקומען רייך און אָרים, גרויס און קליין. דערדאָזיקער מאָלצייט איז אָבער געווען בלויז אַן אָנהויב פון אַ סך מאָלצייטן, וואָס האָבן זיך געצויגן צוויי חדשים נאָכאַנאַנד און אויף דידאָזיקע מאָלצייטן האָט אַ מענטש געקאָנט באַקומען אַלץ, וואָס זיין האַרץ האָט באַגערט און וואָס

זיין אויג האָט געגלוסט.

אין צוויי חדשים אַרום איז פאַרטיק געוואָרן דער גאַנצער אויסשטייער און דער סולטאַן האָט צוגעגרייט די טאָכטער אין וועג אַריין. פאַר דער טאָכטער זיינען באַשטימט געוואָרן אַ סך דינערינס—גריכינס און טערקינס, וואָס מיט זייערע שוואַרצע אויגן האָבן זיי געקאָנט באַצויבערן אַפילו אַ פויער. אויסערדעם, זיינען איר געגעבן געוואָרן די טייערסטע בריליאַנטן און איידל-שטיינער און מען האָט געמאַכט פאַר איר אַ באַזונדער טראָג-שטול פון רויטן גאָלד, באַשאָטן מיט פערל און בריליאַנטן.

דער טראָג-שטול איז געווען ענלעך צו אַ קליין צימערל, און די כלה, וואָס איז דאָרט געזעסן, איז געווען ענלעך צו אַ יונגפרוי פון גן-עדן. פון אַלץ האָט אַרויסגעלויכטן גאָלד און פערל און בריליאַנטן און דריי מייל האָט דער מלך באַגלייט זיין טאָכטער.

דער וויזיר מיט דער כלה זיינען געפאָרן ווייטער אָן אַן אָפּשטעל, טאָג און נאַכט, ביז צווישן זיי און דער שטאָט, וואָס איז געווען דאָס ציל פון זייער נסיעה, איז נישט פאַרבליבן מער ווי אַ דריי טעג רייזע.

דעמאָלט האָט דער וויזיר אַוועקגעשיקט אַ שליח צום מלך סוליימאַן, מיטצוטיילן אים, אַז זיין כלה פאָרט. און אַז דער מלך האָט עס דערהערט, האָט ער זיך אַזוי דערפרייט, אַז ער האָט געשיינקט דעם שליח ערנקליידער און האָט באַפוילן זיינע חילות, זיי זאָלן אַרויסמאַרשירן פאָרויס אַנטקעגן דער כלה און אירע חשובע לייט מיט פאַנאַנדערגעוויקלטע פאָנעס אין די הענט.

זײַן באַפעל איז באַלד דערפילט געוואָרן, און, אויסערדעם, איז אויסגערופן געוואָרן אין שטאָט, אַז אַלע מיידלאַך, פרויען און זקנות זאָלן גיין מקבל-פנים-זיין די כלה. אַזויאַרום איז כמעט די גאַנצע שטאָט אַרויס אַנטקעגן דער כלה.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו ברייננגען זי ביינאַכט אין פּאַלאַץ און די הויפלייט האָבן פאַראָרדנט, אַז די גאַסן, וואו זי וועט פאַרבייפאָרן, זאָלן אויסגעפוצט ווערן און עס זאָלן אויסגע-האָנגען ווערן רויטע און גרינע לאַמטערנעס און עס זאָלן אַוועק-

געשטעלט ווערן האַרעמדינער און שקלאַפֿינס.

און אַז די כלה האָט זיך דערנעענטערט צו דער שטאָט, איז זי אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון גרויסע פֿריילאַכע אַרמייען, וואָס האָבן זי געטראָגן אויפֿן טראָגשטול סאַמע ביזן פּאַלאַץ. און אין שטאָט איז קיין איין מענטש נישט געבליבן, וואָס איז נישט גע־לאָפֿן זען די כלה. מען האָט געקלאַפּט אין פּויקן און געבלאָזן אין טרומייטן און געהויבן אין דערהויך שפּיזן מיט פֿלאַטערדיקע פֿאָנען, און רייטער זיינען געפֿלויגן הין־און־צוריק אויף הייסע יונגע פֿערד, און פֿאַזשען האָבן געבראַכט דעם טראָגשטול ביז צו די טירן פֿון האַרעם.

דער פּאַלאַץ האָט זיך געטרונקען אין פֿייערן, פּונקט ווי ער וואָלט באַשטאַנען פֿון איין שטיק ברענענדיקן גאָלד. און די כלה איז אַריין אין איר צימער, וואו זי האָט געשיינט צווישן אירע שקלאַפֿינס, ווי די לבנה צווישן שטערן אָדער ווי אַ גרוי־סער פּערל צווישן קליינע פּערלען. דאָרט, אין דעם אייגענעם צימער, איז געשטאַנען אַ בעט פֿון אַלבאַסטער, באַפּוצט מיט פּערל און בריליאַנטן. האָט זי זיך תּיכּף אַנידערגעזעצט אויפֿן בעט און באַלד איז געקומען דער מלך און זי האָט אַריינגעטריפֿט ליבע אין זיין נשמה, און זיין זאָרג און אומרו איז מיט דעם ערשטן אויגנבליק צורונען געוואָרן.

אַ גאַנצן חודש האָט ער פֿאַרבראַכט מיט איר אין האַרעם, נאָכדעם איז ער אַוועק אין פּאַלאַץ און זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן טראָן, ווייל ער האָט געהאַט צו משפּטן זיינע אונטערטאַנען.

אין ניין חודשים אַרום, האָט זי אים איינדערפֿרי, ווען די זון גייט־אויף, געשיינקט אַ שיין יונגעלע. דער מלך האָט זיך שרעקלאַך געפֿרייט און האָט געגעבן אַ גרויסע סומע געלט דעם־יעניקן, וואָס האָט אים דער ערשטער געבראַכט דידאָזיקע ידיעה.

דער מלך איז אַוועק צו דער געווינערין און געקושט דאָס געבוירענע קינד און שטאַרק באַוואונדערט זיין שיינקייט. דערנאָך האָט מען דאָס קינד געפֿאַרבט מיט שוואַרצן פֿאַרב די ברעמען און מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן טאַדזש־על־מולוק־קאַראַן. מען האָט עס דערצויגן אין די געזעצן און מנהגים פֿון גערעכטיקייט און גוטסקייט

און דאָס קינד האָט געהאַט די בעסטע לערער, ביז עס איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר. דעמאָלט האָט דער מלך פאַררופן די גרעסטע געלערטע און מענטשנקענער פון זיין צייט און האָט זיי געהייסן לערנען מיט זיין קינד שפּראַכן, קונסט און ליטעראַטור. עטלאַכע יאָר האָבן זיי געלערנט מיטן בן-מלך, ביז עס האָט זיך אויסגעלערנט אַלץ, וואָס מען האָט באַדאַרפט.

דעמאָלט האָט דער מלך אַוועקגעלאָזט זיינע לערער און איינגעלאַדן אַנדערע לערער צום רייטן און צום שווימען, און דידאָזיקע לערער האָבן אים געגעבן לעקציעס אַזוי לאַנג, ביז ער איז אַלט געוואָרן פערצן יאָר.

די מענטשן פון לאַנד האָבן שטענדיק באַוואונדערט דעם יונגלינגס שיינקייט, און דיכטער האָבן באַזונגען זיין שכל און גוטסקייט און שיינע יונגע פרויען האָבן זיך פאַרליבט אין אים. וואו דאָס יונגלינג האָט זיך נישט געקערט און געווענדט, האָט ער אומעטום געטראָפן פאַרליבטע אויגן און האַרציקע שמייכלען.

צו אַכטצן יאָר האָט זיך אים געוויזן אַ ווייכע האר אויף דעם אָרט פון די וואָנסן און אויף דער ראָזער באַק איז אים אויסגעוואַקסן אַ חנעוודיק באָראָדאַווקעלע, וואָס האָט אים צוגעגעבן אַ סך רייץ. און אַז ער איז עלטער געוואָרן, איז זיין שיינקייט געשטיגן און אַלע האָבן מיט פאַרגעניגן געזען אין אים דעם קינפטיקן מלך פון זייער לאַנד.

דער בן-מלך האָט באַזונדערס ליב געהאַט יאַגד, און אַלע טאָג פלעגט ער זוכן אין די פעלדער און וועלדער און מדבריות חיות אָדער פייגל. דער מלך האָט אים אַפילו איינמאָל פאַרבאָטן דידאָזיקעליידנשאַפטלאַכע באַשעפטיקונג, ווייל ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער געפאַר, וואָס איז שטענדיק פאַרבונדן מיט דעמדאָזיקן תענוג, אָבער דער בן-מלך האָט בשום אופן נישט געוואָלט געהאָרכן דעם פאָטער. איינמאָל האָט ער געהייסן זיינע דינער, זיי זאָלן אים צוגרייטן פּראָוויאַנט אויף צען טעג. האָבן די דינער געטאָן אַזוי ווי ער האָט געהייסן און ער איז אַרויסגעפאָרן מיט זיינע חברים אויף יאַגד. פיר טעג זיינען זיי געפאָרן אין אַ זאַמדיקן מדבר, ביז זיי זיינען געקומען צו אַ וואַלד

מיט אַ סך ווילדע חיות און קליינע זינגענדיקע קוועלכעלעך. דעמאָלט האָט ער זיך אָנגערופן צו זיינע דינער:

„לעגט דאָ אויס אייערע נעצן און שטעלט זיך אַוועק אין אַ ברייטן קרייז. ביסלאַכווייז וועלן מיר זיך דערנענטערן אויף אַ באַשטימטן אָרט.״

זיין באַפעל איז באַלד אויסגעפירט געוואָרן: מען האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ ברייטן קרייז און אַזויאַרום צונויפגע־טריבן אַ גרויסע צאָל חיות, וואָס האָבן אין זייער ווילדקייט זיך געוואָרפן צו די פערד. אָבער טאַדזש־על־מולוק האָט אַליין און אויך זיינע לייט אַזוי גוט געשאָסן, אַז זיי האָבן אַוועקגעלעגט אַ סך ווילדע חיות. נאָכן געיעג איז טאַדזש־על־מולוק צוגעגאַנגען צו אַ קליין טייכעלע און זיך אַנידערגעזעצט און געהייסן, מען זאָל אַהער ברענגען די אַלע דערשאָסענע חיות. אַז מען האָט אַזוי געטאָן, האָט ער די חיות פאַנאַנדערגעסאָרטירט און האָט דעם בעסטן טייל אַוועקגעשיקט דעם פאָטער און די איבעריקע האָט ער צוטיילט צווישן זיינע קאַמראַדן.

די נאַכט האָבן זיי פאַרבראַכט אין וואַלד, און אינדערפרי איז געקומען אַ גרויסער קאַראַוואַן פון שוואַרצע שקלאַפן, דינער און סוחרים. דער קאַראַוואַן האָט זיך אויך צוגעשטעלט ביים טייכל, און אַז טאַדזש־על־מולוק האָט דערזען די פרעמדע לייט, האָט ער געזאָגט צו איינעם פון זיינע דינער:

„גיי פרעג דידאָזיקע לייט, צו וואָס שטייען זיי דאָ״.

איז יענער אַוועק און געפרעגט:

„זאָגט אונז, ווער זענט איר און וואָס טוט איר דאָ?״

האָבן זיי געענטפערט:

„מיר זיינען סוחרים און מיר רוען זיך דאָ אויס, ווייל מיר האָבן נאָך ווייט צו פאָרן. מיר זיינען אָבער זיכער, אַז אונזער רו וועט דאָ נישט געשטערט ווערן, ווייל מיר געפינען זיך אונטער דער שוץ פונם מלך סוליימאַן־פּאַשאַ און זיין זון. עס איז באַוואוסט, אַז יעדער מענטש, וואָס געפינט זיך אויף דער ערד פון סוליימאַן־פּאַשאַ, איז אויסער געפאַר. פאַר אונז אָבער איז עס באַזונדערס וויכטיק, ווייל מיר פירן טייערע גע־

זועבן פאַר דעם מלכס זון—פאַר טאַדוש-על-מולוק".

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט טאַדוש-על-מולוק געזאָגט:

„אויב דאָס איז וואָר, אַז זיי פירן פאַר מיר טייערע געוועבן, ריר איך מיך נישט פון אָרט און פאָר נישט אין שטאָט אַריין, וואו זיי וועלן מיר פריער נישט ווייזן, וואָס זיי פירן פאַר מיר."

באַלד דערויף האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פערד און אין דער באַגלייטונג פון זיינע דינער איז ער צוגעפאָרן צום קאַראַוואַן. די סוחרים האָבן זיך אויפגעהויבן און אים באַגריסט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ בן־מלך, נאָכדעם האָבן זיי געבעטן צו גאָט, ער זאָל אים באַשיצן אונטער זיינע פליגלען.

דערנאָך האָבן זיי אים פאַרבעטן צו זיך אין געצעלט אַריין, וואָס איז באַצויגן געוואָרן מיט רויטן זיידנס, באַפּוצט מיט פּערל און בריליאַנטן און אויסגעלייגט מיט טייערע טעפּיכער. טאַדוש-על-מולוק האָט זיך אַנידערגעזעצט, און די סוחרים איז אָנגעזאָגט געוואָרן, זיי זאָלן אים ווייזן די אַלע סחורות, וואָס זיי פירן מיט זיך. האָט מען אים באַלד געוויזן די אַלע סחורות, וואָס זיי האָבן געהאַט און ער האָט זיי גוט באַטראַכט און אויסגעוויילט מאַנכע סחורות און באַצאָלט דאָס געלט פאַר זיי.

נאָכדעם האָט ער זיך געזעצט אויפן פערד און האָט שוין געוואָלט אַוועקפאָרן, אָבער אַז ער האָט צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן אויפן קאַראַוואַן, האָט ער דערזען זייער אַ שיין יונגלינג מיט פּערל און גאָלד אין די קליידער.

דאָס יונגלינג איז געווען זייער טרויעריק, ער האָט געהאַט אַ בלאַס געזיכט און עס האָט זיך געלאָזט פאַרשטיין, אַז ער האָט געבענקט נאָך זיין געליבטע, מיט וועלכער ער האָט זיך צושיידט. באַלד דערויף זיינען אים אָנגעלאָפן טרערן אויף די אויגן און ער האָט געזאָגט דאָסדאָזיקע ליד:

איך בין דערוויטערט פון מיין הויס־געליבטער,
און אויך דערווייטערט פון מיין ליבער הוים.

די איינזאַמקייט, זי דריקט מיך, ווי אַ חיה
און אויסגעלאָשן איז די האָפנונג אין מיר.

אַרויסגעזאָגט דאָסדאָזיקע ליד, איז דאָס ייִנגל געפאַלן אין חלשות, און טאַדזש-על-מולוק האָט געקוקט אויף אים און זיך געחדושט. אָבער דאָס יונגלינג איז געקומען צו זיך און האָט ווייטער דעקלאַמירט:

אַנטלויף פון אירע בשופדיקע אויגן!
ווערסט קראַנק ווערן פון ליידנשאַפט און פּייַן.
איר אויג, איר אויג—דאָס איז אַ נעץ—געפערלאַך!
אַנטלויף, אַנטלויף, נישט קוק זיך אום אויף איר.

און ווידער איז דאָס יונגלינג געפאַלן אין חלשות, און טאַדזש-על-מולוק איז זייער גערירט געוואָרן פון דעם יונגלינגס וויי און אומבאַוועגלאַך איז ער געבליבן זיצן אויפן פערד.

דערווייל איז דער בלאַסער יונגלינג געקומען צו זיך, האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון דעם יונגן פּרינץ, און טאַדזש-על-מולוק האָט געפרעגט:

„פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געוויזן דיינע סחורות?"

האָט יענער געזאָגט:

„אָ, מיין האַר! איך האָב נישט אַזעלכע סחורות, וואָס זאָלן זיך פּאַסטן פאַר אַ פּרינץ."

דערויף האָט אים טאַדזש-על-מולוק באַמערקט:

„פונדעסטוועגן מוזטו מיר באַווייזן, וואָס דו האָסט, און דערציייל מיר אויך דיין לעבנסגעשיכטע, וואָרום איך זע, ווי דיינע אויגן זיינען פול מיט טרערן און דיין האַרץ בייִנקט און דו קאָנסט זיך קיין מנוחה נישט געפינען. מעגלאַך, אַז איך וועל קאָנען לינדערן דיין וויי און אויב דו האָסט גרויסע חובות, וועל איך זיי באַצאָלן. וואָרום פון דער מינוט אָן, וואָס איך האָב דיך דערזען, ווייַנט אין מיר מיין האַרץ."

טאַדזש-על-מולוק איז אַראָפּ פון פערד און געהייסן, מען זאָל אים אַוועקשטעלן אַ שטול. האָט מען באַלד אַוועקגעשטעלט פאַר אים אַ שטול פון שוואַרצן האָלץ און העלפאַנדביין, באַפּוצט מיט גאָלד און זיידנס און פאַר די פיס האָט מען אַוועקגעלייגט

אַ טעפּיך. האָט זיך טאַדזש-על-מולוק אַנידערגעזעצט און געהייסן דעם יונגן סוחר, ער זאָל זיך אַנידערזעצן נישט ווייט פון אים אויפן טעפּיך, און ער האָט געזאָגט:

„נו, באַווייז מיר דיינע סחורות".

אָבער יענער האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַר! פאָדער דאָס נישט פון מיר, ווייל מיינע סחורות זיינען צו אָרים פאַר דיר."

אָבער טאַדזש-על-מולוק איז שוין בייז געוואָרן און האָט הויך אויסגערופן:

„דיינע סחורות באַווייז!"

און באַלד דערויף האָט ער באַפוילן זיינע דינער, זיי זאָלן ברענגען דעם יונגלינגס פּעק מיט די סחורות און אויף זיינע אויגן זיי עפענען. האָט זיך דער יונגלינג פון דאָסניי צעוויינט און איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד. אָבער נאָכדעם ווי ער האָט דעקלאַמירט עטלאַכע טרויעריקע לידער, האָט ער פאַנאַנדערגעבונדן די פּעק און געוויזן דעם פּרינץ זיינע געוועבן. ער האָט אים באַוויזן די גאַנצע סחורה, אָבער אַז ער האָט דערזען עפּיס אַ שטיקל לייוונט, האָט ער עס שנעל אַ כאַפּ געטאָן און פאַרבאָרגן ביי זיך און אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע פערזן:

אָ, זאָג מיר, ווען וועל איך דיך זען,
ווען ברענגסטו מיר אַ היילונג צו מיין האַרצן?
אָ, וויים, איך וועל פון בענקעניש דאָ שטאַרבן.
אַ פרעמדע קאַלטע ערד וועט זיין מיין קבר.

טאַדזש-על-מולוק האָט זיך זייער געחדושט פון דידאָזיקע ווערטער און האָט זיך אָנגערופן צום יונגלינג:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ לייוונט, וואָס דו האָסט באַהאַלטן?"

„אָ, מיין האַר,—האָט זיך יענער אָנגערופן,—פרעג מיך נישט וועגן דעם, ווייל דאָס איז מיין זאַך."

אָבער דער פּרינץ האָט שטרייננג געזאָגט:

„ווייז מיר עס."

האָט דער יונגלינג צוגעלייגט די האַנט צו זיין האַרצן און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר! איך האָב דיר נישט געוואָלט ווייזן מיינע סחורות בלויז צוליב דעם שטיקל לייוונט. זאָלסט וויסן, אַז איך קאָן עס דיר נישט ווייזן."

האָט טאַדוש-על-מולוק נאָך שטרייגער געזאָגט:

„איך וויל זען דאָס שטיקל געוועב און דו וועסט עס מיר ווייזן."

איז דער יונגלינג ווידעראַמאָל צוגעפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און גענומען וויינען און יאָמערן, אָבער טאַדוש-על-מולוק האָט אים באַמערקט:

„דיין אויפפירונג איז אַן אויסטערלישע. איך בעט דיך, זאָג מיר, וואָס וויינסטו און פאַרוואָס ווילסטו מיר נישט באַווייזן דאָס שטיקל לייוונט."

האָט דער יונגלינג לאַנג געשוויגן און דערנאָך זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַר! מיין געשיכטע איז אַן אויסטערלישע, איז מיין האַלטונג אַן אויסטערלישע, אָבער וויסן זאָלסטו, אַז דאָס שטיקל לייוונט איז שטאַרק פאַרבונדן מיט מיין מזל. דאָס שטיקל לייוונט געהערט צו יענער, וואָס האָט אויסגעהאַפּט דערויף דידאָזיקע פיגורן און עמבלעמען".

און ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס שטיקל לייוונט און געוויזן די פיגור פון אַ לאַמע, וואָס איז געווען אויסגעהאָפּטן מיט זייד און גאָלד און דערביי איז געשטאַנען נאָך אַ לאַמע, אויסגעהאָפּטן מיט זילבער און אויפן רוקן האָט זי געהאַט אַ רונג פון רויטן גאָלד און דריי קאַזאַבעכן פון כריזאָליט. דידאָזיקע פיגורן זיינען געווען אַזוי גוט געמאַכט, אַז דער פּרינץ האָט אויסגעשריען:

„געלויבט און געבענטשט זאָל זיין גאָט, וואָס האָט געגעבן דעם מענטשן די מעגלאַכקייט זיך אויסצולערנען דאָס, וואָס ער האָט פריער נישט געקענט."

און אים האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַרגלוסט צו וויסן די לעבנסגעשיכטע פון דעמדאָזיקן יונגגמאַן, און ער האָט געזאָגט:

„דערצייל מיר, איך בעט דיך, אויספירלאַך דיין לעבנסגע-

שיכּטע—און זע, איך זאָל דיך נישט באַדאַרפֿן בעטן נאָכאַמאָל. דו ביזט זייער ציטריק און פאַרוויינט און דערשלאָגן, אָבער אַ מענטש מוז זיך באַהערשן. וואָס טויג די אייביקע טרער? שוין בעסער אייביקער גרימצאָרן און אייביקער מוט.״

דעמאָלט האָט דער יונגלינג אָנגעהויבן אַזוי צו דערציילן:

די געשיכטע פון אַיז און אַיזעס.

„אָ, מיין האַר! זאָלסט וויסן, אַז מיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער סוחר און, אויסער מיר, האָט ער מער קיין קינדער נישט געהאַט. און וויסן זאָלסטו, אַז מיט מיר צוזאַמען האָט זיך דערצויגן מיינס אַ שוועסטערקינד, אַ מיידל, מיין פעטערס אַ טאָכ-טער, וואָס איר פאָטער איז איר זייער יונג אַוועקגעשטאָרבן און פאַרן טויט האָט ער גענומען אַ וואָרט פון מיין פאָטער, מיר זאָלן זיין מאַן און ווייב. אַז מיר זיינען אויסגעוואַקסן, האָט מיין פאָ-טער געזאָגט צו מיין מוטער:

„דאָס יאָר וועלן מיר חתונה-מאַכן די קינדער: אַזיזן מיט אַזיזעסן."

האָט מיין מוטער איינגעשטימט און מען האָט זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה. אין דערדאָזיקער צייט האָב איך מיר פריי און גליקלאַך געלעבט מיט מיין פעטערס טאָכטער און האָב גאָרנישט געטראַכט פון זייטיקע זאַכן. אָבער זי איז געווען קלי-גער און פראַקטישער פון מיר און האָט זייער באַגערט, אַז די חתונה זאָל זיין וואָס פריער.

מיין פאָטער האָט זיך שטאַרק געגרייט צו מיין חתונה און האָט זי באַשטימט אויף נאָך די פרימאָרגן-תפילות.

דעמאָלט איז ער אַוועק צו זיינע קרובים און באַקאַנטע סוחרים און האָט זיי מיטגעטיילט, אַז אינגיכן מאַכט ער חתונה זיין זון. פרייטאָג האָט מען אויסגעוואַשן די צימערן און די מאַר-מאָר-פאָדלאָגע און מען האָט אויסגעשפרייט טעפיכן און די ווענט אויסגעהאָנגען מיט טייערע פאָהאַנגען פון זייד און גאָלד און

אונזער שטוב האָט זייער שיין אויסגעזען.

נאָך די תּפילות האָבן באַדאַרפט קומען די געסט. נאָך פריער איז מיין פאָטער אַוועק אין מאַרק און האָט אָנגעקויפט די בעס-טע טאָרטן און די בעסטע נאַשערייען און די בעסטע וויינען און אין שטוב איז געווען ליכטיק און פריילאַך.

מיין מוטער האָט מיך אַוועקגעשיקט אין באָר, און אַז איך האָב מיך אַרומגעוואַשן, האָב איך מיך אָנגעטאָן אין די רייכסטע און שענסטע קליידער, באַגאָסן מיט די טייערסטע פּאַרפומען, און פון באָד בין איך אַרויס מיט אַזאַ גלאַנץ, ווי אַ פּרינץ.

איצט האָב איך נאָר באַדאַרפט גיין אין מעטשעט אַריין, אָבער איך האָב מיך דערמאָנט אָן מיינעם אַ חבר, וועלכן איך האָב געוואָלט זען אויף מיין חתונה, בין איך אַוועק צו אים און האָב בעת-מעשה געטראַכט:

„צו די תּפילות אין מעטשעט האָב איך נאָך צייט, וועל איך דערוויייל אָפּזוכן מיין חבר.״

איך בין אַריין אין אַ קליין געסעלע, וואו איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען. פון דער באָד און פון די נייע קליידער איז מיר זייער הייס געווען, האָב איך מיך איינגעשוויצט און דער ריח פון די פּאַרפומען איז דעריבער נאָך שטאַרקער געוואָרן.

אַז איך בין אַדורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע געסל, האָב איך מיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק, אָבער איידער איך האָב עס געטאָן, האָב איך אויסגעשפּרייט אַ טיכל אויף דער באַנק. דרויסן איז געווען שרעקלאַך הייס, פון מיין שטערן האָט גערונען דער שוויס מיט גרויסע טראָפּנס, אָבער איך האָב מיך נישט געקאָנט אַרומווישן, ווייל מיין טיכל איז געלעגן אונטער מיר. איך האָב מיך געפילט נישט באַקוועם און האָב מיר שוין געוואָלט איבער-ווישן דאָס געזיכט מיט אַ פּאָלע פון מיין לייבטן אויבערציער, אָבער אין דער אייגענער רגע איז מיר פון אויבן אַראָבגעפאַלן אַ ווייס טיכל. דאָסדאָזיקע טיכל איז געווען לייכטער פון אַ וויב-טעלע, און דעם מענטשן, וואָס האָט נאָר איין קוק געטאָן אויף דעמדאָזיקן טיכעלע, איז געוואָרן אַ סך זיסער און אָנגענעמער אויפן געמיט, איידער אַ קראַנקן זיין פאַרלייכטערונג.

איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיינע אויגן האָבן זיך באַלד געטראָפן מיט די אויגן פון יענער פרוי, צו וועלכער עס האָט געהערט דאָס שטיקעלע דינע לייוונט. דידאָזיקע פרוי האָט אַרויסגעקוקט צו מיר דורכן פענסטער. אָבער איך מוז דיר באַמערקן, אַז נאָך אַזאַ שיינע פרוי האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען אין מיין לעבן און מיין צונג וואָלט זיכער פאַרלאָרן די פעהיקייט צו ריידן, ווען איך וואָלט מיך אונטערגענומען צו באַשרייבן איר שיינקייט.

דערזען, אַז איך קוק אויף איר, האָט זי צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפן און נאָכדעם האָט זי באַהעפט דעם מיטלסטן פינגער מיט דעם גרויסן און זיי צוגעלייגט צום האַרצן. אַ פונק פון ליבע האָט באַלד אָנגעצונדן מיין האַרץ.

איר געשטאַלט האָט מיך באַגאָסן מיט פייער און שעמעריי, אָבער איך האָב דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט געמיינט מיט אירע צייכנס. האָב איך נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף איר פענסטער, אָבער עס איז געווען פאַרמאַכט און איך האָב נישט געקאָנט אַוועקגיין: איך האָב מיך געשפּירט ווי אַ צוגעשמידטער צום אָרט.

די זון האָט שוין גענומען אונטערגיין און איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען און געוואַרט. אָבער עס האָט דאָך געמוזט נעמען אַ סוף און איך האָב מיך גערירט פון אָרט. איך האָב נישט געהאָפט צו זען זי נאָכאַמאָל און איך האָב מיטגענומען איר טיכעלע, וואָס זי האָט מיר אַרויסגעוואָרפן פון פענסטער. אַז איך האָב עס פאַנאַנדערגעוויקלט, האָב איך דערשפּירט דעם ריח פון מאָשוס און דערדאָזיקער ריח האָט מיך אַזוי פאַרכשופט, אַז איך האָב מיך געשפּירט, ווי אין אַ גן-עדן. האָב איך נאָכאַמאָל פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס טיכעלע, און דעמאָלט איז אַרויסגעפאַלן אַ דין ווייס פאַפּירל, שטאַרק אָנגעזאַפּט מיט די טייערסטע פאַרפומען. דער קאָפּ האָט מיר געשווינדלט פון גליק און שמחה, אָבער אַז איך האָב מיך עטוואָס באַרויקט, האָב איך געקאָנט דערויף איבערלייענען דידאָזיקע פערזן:

איך האָב אים היינט אַ בריוועלע געשריבן:

דאָרט קלאָג איך מיך אויף מײנע ליבע־לײדן.
מײן האַנטשריפט איז געװען נישט קלאָר און קלײן.
האָט ער געפרעגט אַ בלאַסער און מיט שרעק:
אַ זאָג, פאַרװאָס איז הײנט דײן האַנטשריפט מיר נישט קלאָר?
און איך האָב אים געזאָגט: דאָס איז דערפאַר,
װײל איך בין שװאַך און בלאַס און טויט, מײן ליבער:
דאָס איז די האַנטשריפט נאָר פון אַ פאַרליבטער.

נאָכדעם האָב איך אַ קוק געטאָן אויפן טיכל און האָב דערזען אַן אויסגעהאָפטן ליבע־ליד אויף אײן עק פון טיכל און נאָך אַ ליבע-ליד אויפן צװײטן עק. איך בין אַװעק אַהײם, אָבער דער קאָפּ איז מיר געװען אַ צומישטער און איך האָב נישט גע-װאוסט װאָס צו טאָן. עס איז שוין געװען האַלבע נאַכט, װען איך בין אַרײן אין שטוב, און מײן כּלה האָב איך געפונען אַ װײנענדיקע. אָבער אַז זי האָט מיך דערזען, האָט זי באַלד אויס-געװישט די טרערן און איז צוגעגאַנגען צו מיר און געפרעגט:

„זאָג, װאָס איז מיט דיר געשען? שוין-זשע האָסטו פאַר-געסן, אַז איך בין דײן כּלה און דו ביזט מײן חתן?‟

און זי האָט מיר דערצײלט, אַז בײ אונז אין שטוב האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט געסט: עמירן, אָנגעזעענע לײט, רײכע סוחרים און דעסגלײכן, און אַ קאָדי מיט עדות האָבן געװאַרט, אָבער צולעצט האָבן זיך אַלע געמוזט אויפהײבן פון די ערטער און אַװעקגײן.

און זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט:

„אָבער דײן פאָטער איז אַזוי בײז געװאָרן, אַז ער האָט זיך געשװאָרן—ער װעט אונז חתונה-מאַכן נישט פריער װי אין אַ יאָר אַרום. עס האָט אים אויך שטאַרק באַנק געטאָן דאָס געלט, װאָס ער האָט הײנט אויסגעבראַכט צו דער חתונה. זאָג, מײן ליבער, זאָג, װאָס איז געשען מיט דיר?‟

איך האָב איר אָפנהערציק דערצײלט, װאָס מיט מיר איז געשען, פון אָנהײב ביזן סוף, און האָב איר באַװיזן דאָס טיכל מיטן פּאַפּירל. האָט זי אַרויסגענומען דאָס טיכל פון מײנע הענט און אַדורכגעלײענט אַלץ, װאָס דאָרט איז געװען געשריבן און

באַלד דערויף פֿון דאָסניי זיך צעוויינט מיט הייסע טרערן. דער־נאָך האָט זי געפֿרעגט:

„דערציייל מיר, וואָס האָט זי דיר געזאָגט און וואָס פֿאַר אַ צייכנס האָט זי דיר געגעבן?"

האָב איך אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך זיך אָנגערופֿן:

„זי האָט נישט גערעדט מיט מיר. דו האָסט אַ טעות. זי האָט נאָר צוגעלייגט דעם פֿינגער צום מויל און דערנאָך האָט זי באַהעפֿט דעם מיטלסטן פֿינגער מיטן גרויסן און האָט זיי צוגעלייגט צום האַרצן. נאָכדעם האָט זי אַ וויַיז געטאָן אויף דער ערד און באַלד צוגעמאַכט דאָס פֿענסטער און מער האָב איך זי שוין נישט געזען. אָבער האַרץ: מיט דער מינוט, וואָס זי האָט פֿאַרמאַכט דאָס פֿענסטער, האָט זי מיר געבלוטיקט דאָס האַרץ און פֿאַרשקלאַפֿט מיין ווילן. און ביז האַלבער נאַכט, בין איך געזעסן פֿאַר איר פֿענסטער, אַזוי ווי אַ געפֿאַנגענער און האָב אַלץ גע־וואַרט, טאָמער וועט זי אַרויסגיין. מיין פּיין איז געווען זייער גרויס און, אַ צומישטער, בין איך, צולעצט, אַוועק אַהיים. אָט דאָס איז טייערע, געשען מיט מיר, און אויב דו קענסט זיין גוט צו מיר, וואָלט איך דיך געבעטן, דו זאָלסט מיר באַהילפֿיק זיין אין מיין צער."

אויסגעהערט מיך זייער אויפֿמערקזאַם, האָט זי אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט:

„אָ, זון פֿון מיין פֿעטער! ווען דו וואָלסט געפֿאָדערט מיין אויג, וואָלט איך עס אַרויסגעריסן און דיר אַוועקגעגעבן און ווען דו וואָלסט געפֿאָדערט מיין האַרץ, וואָלט איך מיין ברוסט דורכ־געשטאָכן און וואָלט עס דיר אַוועקגעשיינקט און ווען דו וואָלסט געפֿאָדערט מיין בלוט, וואָלט איך אַ מינוט נישט געטראַכט וועגן דעם, און וואָלט תּיכּף אויפֿגעשניטן מיינע אָדערן און ווען דו וואָלסט געפֿאָדערט מיין טויט, וואָלט איך באַלד צוגעמאַכט מיי־נע אויגן אויף אייביק. זאָג, וואָס ווילסטו און וואָס באַגערסטו פֿון מיר."

דידאָזיקע ווערטער האָבן מיך שטאַרק גערירט און איך האָב געפֿרעגט:

„הי אַזוי דערקלערסטו דיר די צייכנס, וואָס זי האָט מיר געגעבן?"

האָט זי אַ ווילדע געטראַכט און נאָכדעם זיך אָנגערופן:

„דער זין פון די צייכנס איז אַזאַ. דערמיט, וואָס זי האָט צוגעלייגט דעם פינגער צום מויל, האָט זי דיר געוואָלט זאָגן, אַז זי האָט דיך ליב, ווי איר אייגענע זעל און גאַרט זייער, צו באַהעפטן זיך מיט דיר. וואָס אָנבאַלאַנגט דאָס טיכל, איז דאָס אַ געווינלאָכער באַגריסונגסצייכן פון אַ געליבטער צו איר געליבטן, אָבער איר בריוועלע באַווייזט, אַז איר נשמה איז געפאַנגען דורך דיר און דערמיט, וואָס זי האָט צוגעלייגט אירע פינגער צום האַרצן, האָט זי דיר געזאָגט: „קום צו מיר אין צווי טעג אַרום. דעמאָלט וועט אפשר צוזייט ווערן מיין צער". זאָלסט וויסן, זון פון מיין פעטער, אַז זי האָט דיך ליב און זי וויל זיך באַהעפטן מיט דיר. דאָס איז דער זין פון אירע צייכנס. ווען דאָס וואָלט געלעגן אין מיין רשות, וואָלט איך אייך שנעל באַהעפט צוזאַמען און וואָלט אייך פאַרדעקט די קעפּ און די ברוסטן מיט מיינע קליידער."

האָב איך זי הייס באַדאַנקט פאַר אירע גוטע ווערטער און האָב באַשלאָסן צו וואַרטן צוויי טעג. דידאָזיקע צוויי טעג בין איך געזעסן אינדערהיים, נישט אַרויס פון שטוב. אָבער איך האָב נישט געקאָנט עסן און נישט טרינקען. אין היץ און אין קעלט האָט מיך געוואָרפן און אויף דער ברוסט פון מיין פעטערס טאָכטער האָב איך געהאַלטן מיין גליענדיקן קאָפּ און זי האָט מיך געטרייסט מיט אירע גוטע ווערטער.

„זיי רוהיק און פריילאַך,—האָט זי געזאָגט,—און צו דער באַשטימטער שעה גיי צו איר, אין דיינע שיינסטע קליידער, באַגאָסן מיט רויזנוואַסער און באַשפריצט מיט גוטע פאַרפומען."

און אַז עס איז געקומען די צייט און איך האָב באַדאַרפט גיין, האָט זי מיך אָנגעטאָן אין די בעסטע קליידער און באַשפריצט מיט די טייערסטע פאַרפומען. אָבער מיר האָט שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ און נאָכדעם, ווי איך האָב מיך עטוואָס באַרוהיקט, בין איך אַרויס פון שטוב און אַוועק אין יענעם געסל,

וואו איך האָב מיך אַנידערגעזעצט, ווי דעמאָלט, אונטערן פענסטער.

דאָס פענסטער איז באַלד געעפנט געוואָרן, אָבער אַז איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען די יונגפרוי, בין איך געפאַלן אין חלשות. נאָכדעם בין איך געקומען צו זיך און ווידעראַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דער יונגפרוי, און דעמאָלט בין איך פון דאָסניי געפאַלן אין חלשות. אָבער אַ דריט מאָל חלשט מען שוין נישט, און אַז איך האָב אויפגעהויבן די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף איר, האָב איך דערזען, אַז זי האַלט אין האַנט אַ שפּיגל און אַ רויט טיכעלע. נאָכדעם האָט זי מיט אַלע פינף פינגער אַ קלאַפּ זיך אין האַרצן אַריין. נאָכדעם האָט זי אויפגעהויבן די הענט, צוגענומען דאָס שפּיגעלע מיטן טיכל און אַוועקגעגאַנגען. אינגיכן איז זי צוריק געקומען און אַראָפּגעלאָזט דאָס טיכל דורכן פענסטער דריי מאָל און דריי מאָל צו זיך געצויגן און באַלד דערויף האָט זי פאַרמאַכט דאָס פענסטער און זיך מער נישט באַוויזן, און איך בין ווידער געשטאַנען, אַ צומישטער, ביז האַלבער נאַכט, און אַז איך בין געגאַנגען אַהיים, האָב איך נישט געזען דעם וועג אונטער די פיס.

מיין פעטערס טאָכטער איז געזעסן און געוואַרט אויף מיר און טרערן זיינען איר געפאַלן פון די אויגן. איך האָב מורא געהאַט אַריינצוגיין צו איר אין צימער, בין איך אַריין אין אַ צווייטן צימער, אָבער דאָרט בין איך אַנידערגעפאַלן אין חלשות. האָט זי דערהערט דעם קלאַפּ און איז תיכף געקומען צו מיר. זי האָט מיך אויפגעהויבן און אויסגעווישט מיר דאָס פּנים מיט איר אַרבל, און מיט ליבע און רחמנות געפרעגט, וואָס איז געשען מיט מיר. האָב איך איר אויספירלאַך דערציילט אַלץ, וואָס דאָס מיידל פון געסל האָט געטאָן, און דערויף האָט זי אַזוי געזאָגט:

„אָ, זון פון מיין פעטער! איר צייכן מיט די פינף פינגער באַדייט, דו זאָלסט קומען צו איר אין פינף טעג אַרום, און דער שפּיגל מיטן רויטן טיכל באַדייטן, דו זאָלסט אַריינקומען אין אַ פאַרבגעשעפט, וואו דו האָסט צו וואַרטן אויף איר שליח, וואָס וועט קומען צו דיר.“

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָב איך דערשפּירט, ווי אַ

פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין מיין האַרץ, און איך האָב געזאָגט:
„ביי גאָט, אָ, טאָכטער פון מיין פעטער, דו פאַרטייטשט מיר ריכטיק אירע צייכנס, וואָרום אין דעמדאָזיקן געסל האָב איך באַמערקט אַ יידיש פאַרבגעשעפט.“
און איך האָב מיך צעוויינט, אָבער זי האָט געזאָגט:
„זיי-זשע פעסט און אַנטשלאָסן. געדיינק, אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס פייניקן זיך אַ גאַנץ לעבן פון ליבע און באַנוגענען זיך בלויז מיט זייער אייגענעם געפיל, אָבער דו האָסט צו ליידן בלויז איין וואָך. וועסטו דען נישט אויסהאַלטן? דו מוזט זיך שטאַרקן, מיין ליבער.“
זי איז אַרויס און האָט מיר געבראַכט צו עסן און בעת-מעשה גערעדט אַזוי האַרציק און זיס, איך זאָל מיר באַרוהיקן. איך האָב אָבער נישט געקאָנט נישט עסן און נישט טרינקען. מיין געזיכט איז בלאַס געוואָרן און איך האָב מיך שטאַרק פאַרענדערט, ווייל איך האָב ביז איצט נישט געוואוסט, וואָס איז ליבע אַזויגס און איך האָב ביז איצט נישט געוואוסט פון שטאַרקע ליידנשאַפטן און פייערדיקע באַגערן.
איך בין דעמאָלט קראַנק געוואָרן און דאָס אייגענע איז אויך געשען מיט מיין פעטערס טאָכטער, אָבער קראַנקערהייט פלעגט זי מיר דערציילן פון הימל, וואַלד און ליבע, כדי איך זאָל מיך שטאַרקן און קומען צו די פריערדיקע כחות.
אַזוי האָבן זיך געצויגן גאַנצע פיר טעג. אויפן פינפטן טאָג האָט דעם פעטערס טאָכטער אָנגעוואַרימט וואַסער און אַרומ-געוואַשן מיך און אויסגעפוצט מיך אין די שענסטע קליידער און געזאָגט:
„נו, גיי צו איר און זאָל אַלאַ צופרידנשטעלן דיין באַ-גער און זאָלן דיינע בלוטן זיך דערוואַרימען אינם פייער פון דיין געליבטער.“
איך בין אַרויס פון שטוב און אַוועק אין יענעם געסל. אָבער אַזוי ווי עס איז געווען שבת, האָט דער ייד געהאַלטן צו-געמאַכט זיין פאַרבגעשעפט. ביז פאַרנאַכט בין איך געזעסן ביי איר אונטערן פענסטער. די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען, מענטשן

זיינען געגאַנגען אין מעטשעט אַריין און איך בין אַלץ געזעסן אויף דעם אייגענעם אָרט. דער אָוונט איז שוין אַדורכגעלאָפן, די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן, אָבער איך האָב זי נישט געזען, נישט געהערט איר קול, נישט באַמערקט איר שליח און, צומישט און צוטרויסלט, בין איך פון דאָסניי אַוועק אַהיים.

געקומען אַהיים, האָב איך דערזען, ווי אַזיזסן שטייט און האַלט זיך מיט איין האַנט פאַר אַ טשוואָק אין וואַנט און די צווייטע איז צוגעדריקט צו איר האַרץ. פון די אויגן פאַלן איר טרערן און זי דעקלאַמירט עפּיס זייער אַ טרויעריק ליד.

אַז זי האָט געענדיקט דעקלאַמירן און האָט מיך דערזען, האָט זי באַלד אויסגעווישט די טרערן, און זיך אָנגערופן צו מיר מיט אַ שמייכל:

„אָ, זון פון מיין פעטער! אַלאַ זאָל דיר שיינקען יענע, וואָס דו האָסט ליב. פאַרוואָס האָסטו נישט געגעכטיקט ביי דיין געליבטער? האָסטו געגאָסן פון אירע זיסע אָרעמס?"

אָבער דידאָזיקע ווערטער האָבן מיך שטאַרק צורייצט און מיין האַרץ האָט גענומען שטורמען, ווי ביי אַ חיה פאַר אַן אָנ-פאַל. האָב איך זי אַ שטויס געטאָן מיטן פויסט צו דער וואַנט און זי האָט זיך פאַרוואונדעט דעם שטערן מיטן טשוואָק.

עס איז געווען אַ גרויסע וואונד, אַ שטראָמעלע בלוט האָט באַדעקט די פאָדלאָגע, אָבער אַזיזס האָט געשוויגן, קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, פונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. נאָכדעם איז זי אויפגעשטאַנען און פאַרברענט אַ שטיקל לייוונט און צוגעלייגט דאָס אַש צו דער בלוטיקער וואונד. באַלד דערויף איז זי צוגעגאַנגען צו מיר מיט אַ האַרציקן שמייכל און געזאָגט:

„ביי גאָט, אָ, זון פון מיין פעטער, איך האָב אין געדאַנק נישט געהאַט צו שפּאַסן פון דיר. דו ווייסט גאָרנישט, ווי דיין וויי איז מיין וויי און דיין צער—מיין צער. די וואונד איז מיר איצט לייכטער געוואָרן, און דעריבער בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר דערציילן, וואָס האָט מיט דיר היינט פּאַסירט?

האָב איך איר, נאַטירלאַך, אַלץ דערציילט און זי האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט. דערנאָך האָט זי געזאָגט:

„פריי דיך, אַזוי, ווייל דיין רצון ווערט מקוים און פון דיין האָפנונג ווערט לעבן. ביי גאָט, זי האָט דיך ליב און זי וויל דיך בלויז אויספרובן, צי דו האָסט זי אויך אַזוי ליב. מאָרגן זאָלסטו גיין צו איר און זאָלסט גוט אַכטונג געבן אויף אירע צייכנס, ווייל דיין גליק איז נאָנט און דיין ווי האָט געמידן."

און זי האָט מיר געטרייסט מיט די צערטלאַכסטע און זיסע ווערטע. אָבער איך האָב מיך נישט געקאָנט באַרוהיקן, און אַז זי האָט מיר געשטעלט עסן, האָב איך נישט געגעסן און אַז זי האָט מיר געגעבן צו טרינקען, האָב איך נישט געטרונקען און אַזויס האָט זיך אָנגערופן:

„אַלע פאַרליבטע ווילן נישט עסן און קאָנען נישט שלאָפן. ביי גאָט, דאָס זיינען די ריכטיקע סימנים פון ליבע."

אויף מאָרגן אינדערפרי, באַלד ווי עס האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, בין איך שוין אַוועק צו מיין יונגפרוי, אין יענעם ליבן געסעלע, וואו איך בין אַזויפיל געפייניקט געוואָרן. איך האָב לאַנג נישט באַדאַרפט וואַרטן, ווייל באַלד איז געעפנט געוואָרן דאָס פענסטער און זי האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפ און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. דערנאָך איז זי אַוועק און איז צוריקגעקומען מיט אַ לאָמפ, אַ שפיגל, אַ זאַק און אַ טעפל מיט עפּיס אַ פלאַנצונג. צוערשט האָט זי גענומען דעם שפיגל, אַריינגעלייגט אים אין זאַק, פאַרבונדן אים און אַריינגעוואָרפן אים צוריק אין צימער אַריין.

נאָכדעם האָט זי פאַנאַנדערגעלאָזט די האָר אויפן פנים און אַוועקגעשטעלט אויף אַן אויגנבליק דעם קאָפ אויף דער גרינער פלאַנצונג און באַלד דערויף האָט זי צוגענומען די אַלע זאַכן, פאַרמאַכט דאָס פענסטער און פאַרשוואונדן געוואָרן.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען דידאָזיקע צייכנס און פון רגע-צו-רגע איז מיין ליידנשאַפט געוואַקסן און איך האָב געמיינט, אַז איך וועל פאַרברענט ווערן פון אייגענעם פייער.

אָבער איך האָב מיך געמוזט שיידן מיט דעמדאָזיקן פענסטער און מיט אַ צובראָכענעם געמיט בין איך אַוועק אַהיים. דאָרט האָב איך דערזען אַזויסן, מיין פעטערס טאָכטער. דער

קאָפּ איז איר געווען אַרומגעבונדן מיט צוויי בינטן: איינער פאַר דער וואונק, וואָס איך האָב איר געמאַכט און דער צווייטער פאַרן אויג, וואָס איז איר קראַנק געוואָרן פון וויינען. זי האָט געוויינט פון ליבע צו מיר און זי האָט געוויינט פון דעם, וואָס זי האָט געמוזט שווייגן און נישט ריידן מיט מיר פון דערדאָזיקער ליבע און זי האָט געוויינט אויף איר ביטער מזל.

אַז איך בין אַריין אין שטוב, האָט זי פאַרענדיקט דעקלאַמירן:

מיין האַרץ וועט שטענדיק זיין מיט דיר, מיין ליבער,
נאָר שטענדיק וועט אין אים אַ טרויער־פייער ברענען.

דערנאָך, אַז זי האָט זיך אָפּגעקערט און דערזען טרערן אויף מיינע אויגן, האָט זי אויסגעווישט מיטן אַרבל מיינע און אירע אויגן און אַ פרעג געטאָן:

„אָ, זון פון מיין פעטער, זאָג, וואָס איז מיט דיר היינט געשען?“

און אַז איך האָב איר דערציילט אַלץ, וואָס מיט מיר איז געשען, האָט זי געזאָגט:

„ביי גאָט, האָב נאָר עטוואָס געדולט, ווייל דיין גליק איז נאָנט. דער שפּיגל און דער זאַק באַדייטן: „וואַרט, ביז די זון וועט אונטערגיין.“ דורך די פאַנאַנדערגעלאָזטע האָר האָט זי דיר געזאָגט: „אַז עס וועט קומען די נאַכט און איר שוואַרצע שאָטנס וועלן זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, זאָלסטו דאָ זיין.“ דער צייכן מיט דער פלאַנצונג בעדייט: „אַז דו וועסט קומען אַהער, זאָלסטו אַריין אינם דערבייאיקן גאָרטן.“ און דער זין פון לאָמפּ איז אַזאַ: „אַז דו וועסט אַריין אין גאָרטן, זאָלסטו גיין אין יענער ריכטונג, וואו עס וועט ברענען אַ לאָמפּ און דאָרטן זאָלסטו דיך זעצן און וואַרטן אויף איר.“

דערהערט דידאָזיקע אויסטייטשונג פון די סימנים, האָב איך מיך צוערשט פאַנאַנדערגעוויינט און נאָכדעם זיך צולאַכט פון ליידנשאַפט און ליבע.

„וויפיל מאָל,—האָב איך צו איר געטענהט דורך טרערן און געלעכטער,—האָסטו מיר געזאָגט, אַז מיין גליק איז נאָנט. אָבער אַלע מאָל לאָזט זיך גאָרנישט אויס דערפון. ביי גאָט, דיינע דער־

קלערונגען זיינען נישט קיין ריכטיקע און דו פארשאפסט מיר בלויז גרויסע שמערצן."

אָבער זי האָט זיך צולאַכט און געזאָגט:

"דו באַדאַרפסט נאָר האָבן געדולט ביז נאַכט, ווען די שוואַרצע שאָטנס וועלן זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד. דעמאָלט וועסטו האָבן פייער, ליבע און גליק און מיינע ווערטער וועלן דיר אויסוויַיזן אמתדיק."

זי האָט מיר געוואָלט געבן עסן, אָבער זי האָט מורא געהאַט, אַז איך וועל עס אַראָפּוואַרפן אויף דער ערד, האָט זי מיר נאָר אַראָפּגעצויגן דעם איבערציער און געזאָגט:

"אָ, זון פון מיין פעטער! זיץ מיט מיר און איך וועל דיך צערטלען און ריידן מיט דיר ביז נאַכט. וועסט זיך באַרוהיקן און דיר וועט לייכטער זיין איבערצוטראָגן דיינע יסורים און דיין אומגעדולט."

אָבער איך האָב נישט געהערט, וואָס זי האָט גערעדט. ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען, בין איך אַרומגעגאַנגען מיט די דאָזיקע ווערטער אויף דער צונג:

"אָ, אַלאַ! שיק גיכער צו די נאַכט!"

און אַז עס איז געוואָרן נאַכט, איז אַזיזיס בלאַס געוואָרן, ווי אַ לבנהשטראַל און, אַ בלאַסע, האָט זי מיר דערלאַנגט אַ מאָשוס-קערנדל און געזאָגט:

"אָ, זון פון מיין פעטער! לעג דיר אַריין דאָסדאָזיקע קערנדל אין מויל און אַז דו וועסט אָנבאַגעגענען דיין געליבטע, וואָס וועט דיך פאַרשליסן אין אירע הייסע אָרעמס, ווי אַ טיגער און דיר אַריינגיסן דעם האָניג פון ליידנשאַפט, זאָלסטו איר דעקלאַמירן דאָסדאָזיקע ליד:

"אָ, זאָג, מיין ליבסטע, זאָג, מיין טייערסטע,
וואָס טוט דער יונגלינג אין זיין ליידנשאַפט,
בשעת ער האַלט אין אָרים זיין געליבטע,
און עס ברענען אים די בלוטן פון באַגערן?

נאָכדעם האָט זי מיך אַ קוש געטאָן און האָט גענומען פון

מיר אַ שבועה, אַז דאָסדאָזיקע ליד זאָל איך זאָגן, ווען איך וועל שוין אַוועקגיין.

„איך הער און געהאָרך,“—האָב איך געענטפערט און ווי אַ ווינט זיך אַרויסגעריסן פון שטוב.

עס איז שוין געווען רעכט פינסטער, בשעת איך בין גע-גאַנגען אינם געסל און נישט אָן מי האָב איך אָפּגעזוכט דעם גאָרטן. די טיר פון גאָרטן איז געווען אָפן, און אַז איך בין אַריין, האָב איך פון ווייטן דערזען אַ שיין פון אַ לאָמפּ. בין איך געגאַנגען אין דער ריכטונג פון שיין און דאָ האָב איך דערזען אַ גרויסן מאַקאַד*) מיט אַ קופּאָל פון העלפאַנדביין און שוואַרצן האָלץ, און אינמיטן, אונטערן קופּאָל, איז געהאַנגען אַ לאָמפּ.

אין מאַקאַד זיינען געלעגן זיידענע טעפּיכער, אויסגעהאַפט מיט גאָלד און זילבער און אונטערן לאָמפּ איז געשטאַנען אַ גרוי-סער גאָלדענער לייכטער מיט הויכע ברענענדיקע ליכט.

דער מאַקאַד איז געווען אַ גרויסער, און אַ זילבערנער פאָנטאַן האָט שטיל און זיס געפּייפּט און צושאָטן וואַסערפּערל אַרום זיך. דערביי זיינען געלעגן טייערע טעפּיכער און סאַמעטענע קישנס און אַ טיש איז געשטאַנען, באַלייגט מיט טייערע מאכלים און זיידענע סאַלפעטקעס.

און צווישן די מאכלים איז געשטאַנען אַ גרויסע כינעזישע פלאַש ווייַן מיט אַ גאָלדענעם בעכער. אונטער אַ זיידענעם צודעק זיינען געלעגן פּרוכטן—פייגן, גראַנאַטן, וויינטרויבן, אַפּעלסינען, טייטלען, באַנאַנען און לימאָנען און אַרום דעם צודעק האָבן אַזוי ווי געטאַנצט פאַרשידענע בלומען: רויזן, זשאַסמינען, נאַרציסן, מירטן, אַזאַליען, כריזאַנטעמעס, מימאָזעס, שלאַנקפּיסל און אַנדע-רע שמעקעדיקע קרייטעכצער.

דערזען דאָס אַלץ אין אַזויפיל ליכט און גלאַנץ, האָב איך תיכף-ומיד פאַרגעסן מיין וויי און צער און איך האָב מיך גע-פרייט אַזוי, ווי נאָך קיינמאָל נישט.

*) מאַקאַד—אַ מין גאָרטנביידל, וואו עס ווערן על-פי-רוב אויפגענומען מאַנס-לייט. די פּאָדלאָגע איז דאָ אַ סך העכער פון דער ערד.

נאָכדעם האָב איך מיך שטיל אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול און געדולדיק געוואַרט אויף דער געליבטער פון מיין האַרצן, אויף דער זיסער טרייסט פון מיין לייב און מיינע בלוטן.

אָבער די צייט איז געלאָפן, עס איז שוין געוואָרן שפּעט, דרייפערטל נאַכט זיינען שוין אַוועקגעשוואומען און מיין געליבטע איז נאָך אַלץ נישט געקומען.

אין דער צייט האָב איך דערשפּירט גרויס הונגער, ווייל איך האָב שוין לאַנג נישט געגעסן צוליב מיינע פייערדיקע ליידנ־שאַפטן. האָב איך מיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום טיש און אויפגעהויבן אַ סאַלפעטקעלע. און דאָ האָב איך דערזען אַ פּאַרפּאָרטעלער און דערויף זיינען געלעגן פיר געבראָטענע פייגל, צוגעריכט מיט פערשידענע סאָאוסן. האָב איך מיר געמאַכט האַרץ און גענומען עסן, און פון אַלץ האָב איך געפּרובט: איך האָב געפּרובט די צענדליקער געבראָטנס, די פאַרשידענע מאַכלים פון פּרוכטן, די פּופּצענערליי דעסערטן און די טייערסטע וואונדערלאַכע ווײַנען. אָבער אַז מיין מאָגן איז אָנגעפּילט געווען מיט די אַלע טייערע עסנס, האָב איך מיך פּלוצלונג דערשפּירט אָפּגעשוואַכט, כמעט ווי אַ געחלשטער. האָב איך מיך קוים אויפגעהויבן, צע־וואַשן די הענט און נאָכדעם אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ אויף אַ קישן.

איך געדענק נישט, ווי לאַנג איך האָב געשלאָפן, אָבער אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָט שטאַרק געברענט די זון און ביי מיר אויפן בויך זיינען געלעגן שטיקער זאַלץ און קוילן. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז. אַ רויע קעלט האָט מיר געבלאָזן אין די ביינער און מיט וואַקלענדיקע טריט בין איך אַוועק אַהיים. אינדערהיים האָב איך, ווי געוועגלאַך, געטראָפן אַזיזיסן מיט טרערן אויף די אויגן, אָבער אַז זי האָט מיך דער־זען, האָט איר גענומען לייכטן דאָס פּנים און זי האָט גענומען שמייכלען ווי אַ קינד און מיט וואַרימע הענט איז זי צוגעפאַלן צו מיר און זייער צערטלאַך געזאָגט:

„אָ, זון פון מיין פעטער! גאָט ווייזט בלויז צו דיר אַרויס זיין חסד און ער וויל דיך באַהעפטן מיט דיין געליבטע, אָבער

איך זיץ דאָ און וויין און מיין האַרץ ווערט מיר צוריסן פון צער. איינער פון אונז ביידן איז העכסט גליקלאַך און דער צווייטער איז העכסט אומגליקלאַך, און איך בעט דעם אַלמעכטיקן, ער זאָל דיך נישט באַשטראָפן פאַר מיר."

נאָכדעם האָט זי זיך צוגעטוליעט צו מיר, אַראָפּגעצויגן פון מיר מיין לייכטן מאַנטל און געזאָגט:

„ביי גאָט, פון דיר שמעקט נישט אַזוי, ווי פון אַ מאַן, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט זיין געליבטער אויף איין קישן. אָ, זון פון מיין פעטער! זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר ווידער געשען?"

האָב איך איר דערציילט אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט—פון אָנהויב ביזן סוף, און אַז זי האָט מיך גוט אויסגעהערט, האָט זי זיך פאַררויטלט און געזאָגט:

„איך זאָג דיר די וואָרהייט, איך האָב מיטלייד מיט דיר. זאָל גאָט זיך נוקם-זיין אין יענער, וואָס האָט דיך אָנגעזאָפּט מיט ליבע-אומרוען. מיר געפעלט נישט די פרוי. ביי גאָט, זי וויל דיר שלעכטס טאָן. זאָלסט וויסן, אַז דאָס זאָלץ באַדייט אַזוי: „דו שלאָפסט, אָבער דו זעסט-אויס אַזוי מיאוס און נאַריש, אַז איר נשמה קוקט אויף דיר מיט אַ קללה און דערפאַר באַדאַרפסטו אייגגעזאַלצן ווערן. יאָ, דו ווילסט זיין אַ געליבטער, אָבער געליבטע שלאָפן נישט און דיין ליבע איז אַ פאַלשע." דאָס האָט זי דיר געוואָלט זאָגן מיטן זאַלץ. אָבער איך זאָג, אַז איר ליבע איז אַ פאַלשע, ווייל זי האָט דיך געזען שלאָפנדיק און האָט דיך נישט אויפגעוועקט. ווען איר ליבע וואָלט געווען אַן אויפריכטיקע און אַ וואַרהאַפטיקע, וואָלט זי דיך זיכער אויפגעוועקט. דער זין פון די קוילן איז שוין ווידער אַזאַ: „גאָט זאָל דיר אָפּשוואַרצן דאָס געזיכט דערפאַר, ווייל דו רעדסט פון ליבע און אַליין ביזטו נאָך אַ קינד און טראַכט פון עסן, טרינקען און שלאָפן." אָט אַזוי דערקלער איך מיר אירע צייכנס. אָבער גאָט (געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין) וועט דיך באַשיצן."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָב איך מיר אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין האַרצן אַריין און אויסגעשריען:

„ביי גאָט, דאָס איז וואָר. וואָרום איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן ווען פאַרליבטע שלאָפן נישט. וואָס קאָן זיין מאָוסער פאַר אַ פאַרליבטן, ווי עסן און שלאָפן?"

און איך האָב מיך צעוויינט און געזאָגט דורך טרערן דער שוועסטער:

„ביי גאָט, זאָג מיר, וואָס זאָל איך טאָן און האָב מיטלייד מיט מיר, וואָרום איך וועל זיכער אָוועקשטאַרבן."

האָט מיין שוועסטער געזאָגט דערויף:

„אָ, זון פון מיין פעטער, איך שווער דיר ביי די שוואַרצאַפּלען פון מיין אויג און ביים קלאַפּן פון מיין האַרץ, אַז איך האָב געבונדענע הענט. דו ווייסט דאָך אַליין, אַז איך בין נישט פריי און איך קאָן נישט אַרויס פון שטוב, ווען איך וויל, אָבער איך פאַרהאָף, אַז מיין הילף וועט נישט פאַרזוימען און איך וועל טאָן פאַר דיר אַלץ, וואָס איך וועל נאָר קאָנען. פריער אָבער מוזטו טאָן דאָס, וואָס איך וועל דיר הייסן. אַז עס וועט צופאַלן די נאַכט, מוזטו צוריק אָוועקגיין אַהין אין געסל און זיך אַנידערזעצן אויף דעם אייגענעם אָרט, וואו דו ביזט פריער געזעסן. פון עסן זאָלסטו מער נישט טראַכטן, ווייל נאָכן עסן ווילט זיך שטענדיק שלאָפן. און שלאָפן טאָרסטו נישט, ווייל זי וועט קומען צו דיר נאָר אין דער לעצטער שעה פון דער נאַכט. גיי און גאָט זאָל דיך באַשיצן."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָב איך מיך זייער דערפרייט און איך האָב געבעטן גאָט, ער זאָל גיכער צושיקן די נאַכט. און צוגעפאַלן איז די נאַכט און אַזויס האָט מיך אָנגעקוקט, אַ בלאַסע, און געזאָגט:

„אַז דו וועסט זיך טרעפן מיט איר, זאָלסטו איר דערקלאַמירן יענס ליד, זאָלסט נישט פאַרגעסן."

איך האָב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און בין תיכף אָוועק אין יענעם געסל. געקומען אין געסל, בין איך אַריין אין גאָרטן און דאָ האָב איך דערזען דאָס אייגענע, וואָס נעכטן: אַ סך טייערע מאכלים און טייערע ווייגען און טרוקענע פרוכטן און שמעקעדיקע גראָזן און פאַרשידענע בשמים-וואַסערן און אַ שטילזינגענ-

דיקן פּאַנטאַן.

האָב איך מיך אַנידערגעזעצט און גאָרנישט געוואָלט קוקן דערויף. אָבער אַז עס איז אַוועק אַ שעה צייט, האָט מיך שרעקלאַך גענומען רייצן דער ריח פון די טייערע מאכלים און דער הונגער האָט מיך שטאַרק געפּייניקט. האָב איך מיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום טיש און פאַרזוכט צו ביסלאַך פון יעדן מאכל. נאָכדעם האָב איך גענומען פּרובען די ווייַנען, און אַז איך האָב מיך דערשפּירט גענוג זאַט, בין איך לייכט און שטיל איינגעשלאָפן.

איך האָב לאַנג געשלאָפן און אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז שוין די זון געשטאַנען אויפן הימל און ביי זיך אויפן בויך האָב איך דערזען דאָס שפּילביינדל טאַב-סטיך, אַ פייגנצווייגעלע און אַ קערנדל פון אַ ברויטבוים. די טישן מיט די גוטע מאכלים זיינען ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן.

האָב איך מיך באַלד אויפגעהויבן, אַראָפּגעוואָרפן פון בויך די צייכנס און, אַ בייזער, אַוועק אַהיים. אַז איך בין אַריין אין שטוב, האָב איך אַ שטויס געטאָן אַזיזסן און אָנגערופן זי מיט מאוסע זידלווערטער. האָט זיך אַזיזיס באַלד צעוויינט, נאָכדעם האָט זי אויסגעווישט די טרערן און אַ קוש געטאָן מיך און זיך צוגעדריקט צו מיין ברוסט. אָבער איך האָב זי ווידעראַמאָל אַ שטויס געטאָן און אָפּגעקערט דעם קאָפּ, נאָר זי האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, זון פון מיין פעטער, עס זעט מיר אויס, ווי דו וואָלסט ווידעראַמאָל געשלאָפן.‟

„יאָ, — האָב איך געזאָגט, — איך האָב געשלאָפן, און אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך געפונען ביי זיך אויפן בויך דאָס שפּילביינדל טאַב-סטיך, אַ פייגנצווייגעלע און אַ קערנדל פון אַ ברויטבוים. זאָג מיר, אַזיזיס, וואָס באַדייטן דידאָזיקע זאַכן און לערן מיך אויס, ווי אַזוי זיך צו האַלטן, איך זאָל קאָנען בייקומען דעם פאַרשאָלטענעם שלאָף.‟

האָט אַזיזיס אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

„דאָס שפּילביינדל טאַב-סטיך באַדייט אַ פאָרוואורף: דו

ביזט געקומען צו איר און האָסט געטראַכט פון עפּיס אַנדערש. דאָס הייסט, אַז דו האָסט ווייניק ליבע אין זיך און ביזט שוואַך, ווי אַ שעפּעלע פאַרן שעכטן. דאָס פייגנצווייגעלע זאָגט, אַז ווען דו וואָלסט באמת פאַרליבט געווען, וואָלט דיין האַרץ געברענט פון ליידנשאַפט און דו וואָלסט נישט איינגעשלאָפן, ווייל ליבע איז טיפער פון שלאָף. דורך דעם קערנדל פונם ברויטבוים ווערט דיר אָנגעמערקט, אַז דו זאָלסט האָבן געדולט."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָב איך מיך ווידער שלעכט געפילט און די אויגן זיינען מיר פאַרלאָפן מיט הייסע טרערן. מיין לייב האָט געציטערט פון ווייטאָק און פיין און איך האָב אויסגעשריען:

„אָ, טאָכטער פון מיין פעטער! גאָט וויל שוין אַזוי, אַז איך זאָל איינשלאָפן און איך וועל שטענדיק זיין אומגליקלאַך. אָ, אַזיזיס, אפשר האָסטו פאָרט אַ מיטל, אפשר קאָנסטו פאָרט מאַכן אַזוי, אַז איך זאָל מיך קאָנען וואַך און געזונט טרעפן מיט מיין געליבטער?"

אָבער אַזיזיס האָט לאַנג געשוויגן. זי האָט, קענטיק, קיין שום מיטלען נישט געהאַט און האָט זיך, צולעצט, אָנגערופן:

„אָ, זון פון מיין פעטער, איין זאַך קאָן איך דיר נאָר זאָגן: גיי היינט ווידער אַהין, אָבער געדיינק—זאָלסט נישט איינשלאָפן. דאָס איז דאָס איינציקע מיטל און גאָט וועט דיך שוין באַשיצן."

דערנאָך האָט זי געשטעלט פאַר מיר עסן און געזאָגט:

„עס דיך אָן צו זאַט, זאָלסט דאָרטן נישט וועלן עסן, וועסטו אפשר נישט איינשלאָפן."

איך האָב געגעסן מער ווי אַלעמאָל, און אַז עס איז געוואָרן נאַכט, האָב איך מיך אַרומגעוואַשן און זיך איבערגעטאָן אין די בעסטע קליידער, און אַזיזיס האָט זיך אָנגערופן:

„געדיינק, דו זאָלסט איר דעקלאַמירן דאָס ליד, פאַרגעס עס נישט."

„וואַך און פעסט בין איך דאָסמאָל אַוועק אין געסל און פון דאָרטן אין מאַקאַד, וואו איך האָב מיך אַנידערגעזעצט און

געגומען קוקן אין גאָרטן אַריין. ווײַלעווייז האָב איך מיך געריבן מיט די פינגער די אויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ—איך זאָל נישט איינשלאָפן. אָבער אַז עס איז געוואָרן שפּעט און דרויסן איז געלעגן אַ שוואַרצע נאַכט, האָט מיך אָנגעהויבן, ווי נעכטן, פּייניקן דער הונגער. האָב איך מיך אויפגעהויבן און גענומען פון אַלץ צו ביסעלאַך. נאָכדעם בין איך צוגעגאַנגען צו דער פלאַש ווײַן און געטראַכט: „איך וועל נאָר אויסטרינקען איין בעכערל ווײַן און גענוג. אָבער נאָך דעם בעכערל האָב איך, נישט-ווילנדיק, אויסגעטרונקען אַ צווייטן און אַ דריטן און אַ פערטן און אַ פינפטן—ביז צען בעכערלאַך און, אַ מידער פון ווײַן און פון וואַרטן, בין איך אַנידערגעפאַלן אויפן ווייכן טעפּיך, פּונקט ווי אַ טויטער.

אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען האַלבער טאָג און ביי מיר אויפן בויך האָב איך דערזען אַ גרויס שאַרף מעסער און דערביי איז געלעגן אַ דירגעם*). איך האָב מיך זייער דערשראָקן, אָבער איך האָב ביידע זאַכן מיטגענומען און בין אַוועק אַהיים. אין שטוב בין איך אַריין אַקוראַט אין דער מינוט, בשעת אַזיזיס האָט אַרויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער:

„דאָ אין הויז איז מיר שווער און לאַנגווייליק. בלויז ווייַנען קאָן איך דאָ.”

אָבער אין דער אייגענער רגע בין איך אַנידערגעפאַלן אין חלשות און צוזאַמען מיט מיר איז אויך געפאַלן דער שווערד און די מטבע. אַזיזיס האָט מיך באַשפּריצט מיט וואַסער, און אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך איר דערציילט אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, און איך האָב געזאָגט:

„ניין, מיין ליידנשאַפט וועל איך שוין קיינמאָל נישט שטילן. אַזוי איז שוין באַשערט.”

אָבער זי האָט געזאָגט:

„דו ביזט אומגליקלאַך, ווייל דו פאָלגסט נישט מיינע עצות און דאָס, וואָס איך רייד צו דיר, האָט קיין ווערט נישט. ביי גאָט, דו ביזט שוואַך ווי אַ שעפּעלע פאַרן שעכטן.”

נאָר איך האָב מיך אָנגערופן:

*) דירגעם—אַ זילבערנע מטבע. דאָ ווערט זי דערמאָנט ווי אַ קופּערנע מטבע.

„ביי גאָט, דערקלער מיר דעם צייכן פון מעסער און דעם קופערנעם דירגעם.“

האָט זי אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט:

„דורכן דירגעם האָט זי דיר געגעבן אָנצוהערעניש וועגן איר רעכטן אויג*) און דערמיט האָט זי דיר אייגנטלאַך געוואָלט זאָגן, אַז זי שווערט ביי איר רעכטן אויג: אויב דו וועסט קו-מען און וועסט פון דאָסניי איינשלאָפן, וועט זי דיך טויטן מיטן מעסער. אָ, זון פון מיין פעטער! איך שרעק מיך. איך שרעק מיך פאַר איר דרייסטקייט און מוט. זי קאָן טאָן, וואָס זי וויל. איך זע שוין. אויב דו ווילסט גיין צו איר, מוזטו האָבן אין זיך די זיכערקייט, אַז דו וועסט נישט איינשלאָפן. אויב נישט—ביזטו אַ פאַרפאַלענער. זי וועט דיך זיכער טויטן. דו ביזט שוואַך און זי איז שטאַרק. אַ שלעכטע פאַר זייט איר.“

האָב איך אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געפרעגט:

„וואָס זאָל איך, אַלזאָ, טאָן? וואָס איז דיין עצה?“

איז זי שוין בייז געוואָרן און זיך אָנגערופן:

„אָבער מיין עצה איז קיין עצה נישט, ווייל דו פאָלגסט מיך נישט.“

האָב איך איר געשוואָרן ביי גאָט, אַז איך וועל אַלץ טאָן, וואָס זי וועט הייסן, האָט זי מיך צוגעהאַלטן ביי דער האַנט און נאָכדעם געזאָגט:

„אַז דו וועסט באַדאַרפן גיין צו איר, וועל איך דיר זאָגן.“

און זי האָט מיך צוגעדריקט צו איר ברוסט און אַוועק-געלייגט מיך שלאָפן און שטיל געגלעט מיר די פיס אַזוי לאַנג, ביז איך בין איינגעשלאָפן.

נאָכדעם האָט זי גענומען אַ פעכער און זיך אַנידערגעזעצט מיר צוקאָפּנס און געפאָכט איבער מיר מיטן פעכער, ביז עס איז פינסטער געוואָרן און דעמאָלט האָט זי מיך פאָרזיכטיק אויפגעוועקט.

און אַז איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך געזען, אַז זי זיצט מיר צוקאָפּנס מיטן פעכער אין האַנט און וויינט אַזוי

*) מחמת אַ דירגעם איז קיילעכיק, ווערט עס טיילמאָל פאַרגליכן ביי די אראַבער צו אַן אויג.

שטאַרק, אַז די קליידער זיינען איר נאַס געוואָרן פון טרערן. אָבער זי איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און האָט מיר געבראַכט צו עסן, האָב איך מיך אָפּגעזאָגט פון עסן, ווייל דאָס האַרץ האָט מיר געוויינט, אָבער זי האָט געזאָגט:

„אויב דו ווילסט עפּיס דערגרייכן, מוזטו מיר פאָלגן".

האָב איך גענומען עסן און זי האָט מיר געלייגט אין מויל אַריין קליינע שטיקלעך פון די מאכלים, וואָס זי האָט געשטעלט פאַר מיר. אַז איך בין זאַט געוואָרן, האָט זי מיר געגעבן צו טרינקען דזשודזשוב מיט צוקער, דערנאָך האָט זי מיר אָרומגעוואַשן די הענט און מיך באַגאָסן מיט רויזנוואַסער. איך בין מו-טיקער געוואָרן, און אַז עס איז צוגעפאַלן די נאַכט און זי האָט מיך איבערגעטאָן אין מיינע שענסטע קליידער, האָט זי געזאָגט:

„אָ, זון פון מיין פעטער! דו גייסט צו איר, אָבער גע-דיינק, אַז דו טאָרסט נישט שלאָפן. היינט וועט זי קומען צו דיר נאָך שפּעטער, ווי נעכטן, אָבער אויב דו וועסט נישט שלאָפן, וועסטו זי היינט זען און היינט אויך שטילן דיין ליידנשאַפט אין אירע זיסע אָרעמס. פאַרגעס נישט דאָס ליד, וואָס דו באַ-דאַרפסט איר זאָגן."

און זי האָט זיך צעוויינט נאָך שטאַרקער, ווי פריער. אָבער איך בין אַוועק מיט אַ לייכטן האַרץ און בין אַריין גלייך אין מאַקאַד, אַ זאַטער און אַן אויסגעשלאָפענער. איך האָב מיך באַלד אַנידערגעזעצט, אָבער די נאַכט האָט זיך געצויגן, ווי טויזנט נעכט. אַ שטיק צייט איז שוין אַוועק, העגער האָבן שוין געקרייעט, אָבער [illegible] איז נאָך אַלץ נישט געקומען, און, וואַרטנדיק אָן אַן אויפהער און אָן אַ סוף, האָט זיך מיר פאַרוואָלט עסן, האָב איך מיך דערנענט צום טיש און גענומען עסן. מיין קאָפּ איז באַלד אָנגעגאָסן געוואָרן מיט בליי און מיר האָט זיך פאַרוואָלט שלאָפן, אָבער אין דער אייגענער רגע האָב איך דערהערט טריט, האָב איך מיר באַלד צעוואַשן די הענט און דאָס מויל און איבערגע-ווישט זיך מיט די פינגער די אויגן, אין עטלאַכע מינוט אַרום איז זי אַריין אין מאַקאַד צוזאַמען מיט צען שקלאַפינס. און זי האָט אויסגעזען, ווי אַ פולע לבנה צווישן שטערן. זי האָט גע-

טראָגן אַ גרין אַטלאַס-קלייד, באַנייט מיט גאָלד, און גאָלד האָט איך געשימערט אויף אירע הענט און פיס. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף מיר און זיך צולאַכט און געזאָגט:

„אָ, איך קאָן מיך חדושן, וואָס דו האָסט נישט איינגעשלאָפן. אָבער איצט גלויב איך, אַז דו האָסט מיך ליב. פאַרליבטע מענטשן, זאָלסטו וויסן, האָבן שטענדיק אַ קענטלאַכע אייגנשאַפט: זיי קאָנען נישט שלאָפן פון ליבע און ליידנשאַפט.“

נאָכדעם האָט זי געגעבן אַ צייכן צו אירע שקלאַפינס און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען. דעמאָלט האָט זי זיך צוגעטוליעט צו מיר און איך בין אַריינגעפאַלן אין דעם פייערדיקן האָניק און דעם הייסן ווייַן פון איר לייב.

די צייט איז שוין איצט נישט געקראָכן, נאָר געלאָפן און אינדערפרי, אַז איך האָב באַדאַרפט אַוועקגיין, האָט זי מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט:

„וואַרט, איך וועל דיר עפּיס באַווייזן.“

געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט זי אַרויסגענומען פון אַ טיכל דאָס שטיקעלע לייוונט מיט די לאַמעס, אויף וועלכע דו קוקסט איצט און האָט עס מיר געשיינקט.

די געצייכנטע פיגורן זיינען מיר זייער געפעלן געוואָרן און איך האָב גענומען דאָס שטיקל לייוונט און נאָכדעם ווי איך האָב איר געגעבן מיין וואָרט, אַז איך וועל קומען צו איר אַלע נאַכט, האָבן מיר זיך נאָכאַמאָל באַהעפט און נאָכאַמאָל באַהעפט און נאָכדעם בין איך אַוועק אַ גליקלאַכער אַהיים. פון גליק און שמחה האָב איך פאַרגעסן צו זאָגן איר דאָס ליד, וואָס אַזיזיס האָט געהייסן. איך האָב נישט געטראַכט דערפון. איך האָב בעסער געטראַכט פונם שטיקעלע לייוונט, וואָס מיין געליבטע האָט מיר געגעבן מיט די דאָזיקע ווערטער:

„דאָס איז מיין שוועסטערס אַרבעט.“

„און ווי הייסט דיין שוועסטער?“—האָב איך געפרעגט.

„מיין שוועסטער הייסט נור-על-הודא,—האָט זי געזאָגט,—אָבער דו זאָלסט היטן דאָס שטיקעלע לייוונט.“

ווי אַ זיגער בין איך אַריין אין שטוב און ליכטיק איז

מיר געווען אויפן געמיט, אָבער מיין פעטערס טאָכטער איז גע־לעגן אין טרערן און ווייטאָק. אַז זי האָט מיך דערזען, האָט זי זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו מיר און אַ קוש געטאָן מיר אין ברוסט אַריין און געזאָגט:

„האָסטו איר דעקלאַמירט דאָס ליד, וואָס איך האָב דיר געהייסן?"

„פאַרגעסן,—האָב איך געזאָגט,—און צוליב דעמדאָזיקן שטיקל לייוונט פאַרגעסן."

און דערביי האָב איך איר געוויזן דאָס שטיקעלע לייוונט. זי האָט עס באַטראַכט מיט טרערן אין די אויגן און געזאָגט:

„אָ, זון פון מיין פעטער, שיינק עס מיר."

איך האָב עס איר געשיינקט, און אַז עס איז געוואָרן נאַכט, האָט זי געזאָגט:

„שוין צייט דיר צו גיין, אָבער פאַרגעס נישט דאָס ליד, וואָס דו באַדאַרפסט איר זאָגן."

און אָט בין איך ווידער געזעסן אין מאַקאַד, אָבער דאָס־מאָל האָט מיין געליבטע געוואַרט אויף מיר. אַז זי האָט מיך דערזען, האָט זי מיך באַשאָטן מיט ווייניקע קושען און די נאַכט איז אונז אַוועק אין די טייערסטע מאכלים, אין די בעסטע וויי־נען און אין זיסן שלאָף זאַלבענאַנד. אינדערפרי האָב איך איר געזאָגט דאָס ליד:

אָ, זאָג, מיין ליבסטע, זאָג, מיין טייערסטע,
וואָס טוט דאָס יונגלינג אין זיין ליידנשאַפט,
בשעת ער האַלט אין אָרים זיין געליבטע
און עס ברענען אים די בלוטן פון באַגערן?

מיין געליבטע האָט זיך אויפגעהויבן אין איר גאַנצן רייץ און אַרויסגעזאָגט דאָס פאָלגענדיקע ליד:

ער דאַרף זיין ליבע טיף אין זיך פאַרבאָרגן
און קיינעם קיינמאָל נישט זיין סוד פאַרטרויען.
ער דאַרף אַ ביישפּיל זיין פון שטילקייט און הכנעה,
גלייך ווי דאָס וואָלקנדל, וואָס שווימט אַליין אין הימל.

איך בין ווידער אַוועק אַ גליקלאַכער אַהיים, אָבער דאָרט

האָב איך געטראָפֿן אַזיזסן ליגן אין בעט און מיין מוטער איז איר געזעסן צוקאָפּנס און געוויינט. אַז איך בין אַריין אין צי־מער, האָט מיר די מוטער געזאָגט:

„ביזט זייער אַ הייסער קרוב. דיין פעטערס טאָכטער לאָזט־איבער אַליין און דו פרעגסט גאָרנישט, וואָס זי מאַכט.” און אַזיזס האָט קוים אויפגעהויבן דעם קאָפּ און, אַ בלאַסע, געפרעגט:

„אָ, אַזיז, צי האָסטו איר געזאָגט דאָס ליד, וואָס איך האָב דיר געהייסן?”

„יאָ”,—האָב איך איר געענטפערט און האָב איר פאָרגע־לייענט דאָס ליד, וואָס מיין געליבטע האָט מיר דעקלאַמירט.

דערהערט דאָס ליד, האָט זי זיך ביטער צעוויינט און געזאָגט:

ער האָט געוואָלט זיין שטיל און פול הכנעה,
דאָך האָט דאָס האַרץ געוויינט אין אים פון ליבע,
און טאָג און נאַכט האָט ער געזוכט מנוחה
און האָט אין ערגעץ קיין מנוחה נישט געפונען.

און דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

„אַז דו וועסט היינט גיין צו איר, זאָלסטו נישט פאַרגעסן צו זאָגן איר דאָסדאָזיקע ליד, איך בעט דיך.”

„איך הער און געהאָרך”,—האָט איך געזאָגט.

אַז עס איז געוואָרן נאַכט, בין איך ווידער געווען אין מאַקאַד און ווידער האָט זיך איבערגעחזרט די נעכטיקע נאַכט און ווידער האָב איך מיך געבאָדן אין די זיסע אָרעמס פון מיין געליבטער און אינדערפרי, אַז איך האָב באַדאַרפט אַוועקגיין, האָב איך איר דעקלאַמירט אַזיזסעס ליד. אויסגעהערט דאָסדאָ־זיקע ליד, זיינען איר די אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן און זי האָט געזאָגט:

און אויב ער קאָן נישט זיין געהאָרזאַם און געדולדיק,
און ס'וויינט אין אים דאָס האַרץ פון ליידנשאַפט און ליבע—
דאַן איז פאַראַן דערצו איין־איינציק מיטל:
ד ע ר ט ו י ט—און אַלץ וועט באַלד געלינדערט ווערן.

איך האָב מיר גוט איינגעחזרט דאָסדאָזיקע ליד און אַוועק,

ווי געוויינלאַך, אַ גליקלאַכער אַהיים. אַזויס איז געלעגן טויט-קראַנק אין בעט און מיין מוטער איז איר געזעסן צוקאָפּנס. דערהערט מיין קול, האָט זי קוים געעפנט די אויגן און געפרעגט:

„אָ, אַזיז! צי האָסט איר פאָרגעלייענט דאָס ליד?"

„יאָ,"—האָב איך געענטפערט און באַלד דערויף דעקלאַמירט איר מיין געליבטערס ליד.

איז אַזיזס געבליבן ליגן אַן אַ אָטעם מיט צוגעמאַכטע אויגן און דאָס פּנים איז איר געווען ווייס ווי מילך. אָבער אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי מיט זייער אַ שוואַכן קול מיר פאָרגעלייענט דאָסדאָזיקע ליד:

אַ יאָ! כ'וועל שטאַרבן מיט מיין פייערדיקער ליבע,
מיין טיפן צער וועט אָפּווישן דער טויט.
דו גרים מיר יענע, וועלכע האָט צוריסן
די ליבע צווישן מיר און מיין געליבטן.

נאַטירלאַך, בין איך די נאַכט ווידער געווען ביי מיין געליבטער און נאָך זיסער זיינען מיר געלאָפן די גאָלדענע שעהן אין מאַקאַד. איך האָב גענאָסן פון אַלץ, פון וואָס אַ געליבטער קאָן געניסן, און אינדערפרי, אַז איך האָב באַדאַרפט אַוועקגיין, האָב איך איר דעקלאַמירט אַזיזסעס ליד, אָבער אַז איך האָב געענדיקט, האָט מיין געליבטע מיך אָנגעקוקט מיט פאַרצווייפלטע אויגן און פלוצלונג אויסגעשריען:

„וויי צו דיר! ווער האָט דיר דעקלאַמירט דאָסדאָזיקע ליד? אפשר דיינע אַ קרובה?"

איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט:

„דאָסדאָזיקע ליד האָב איך געהערט פון מיין פעטערס טאָכטער."

דעמאָלט איז מיין געליבטע נאָך פאַרצווייפלטער געוואָרן און האָט געזאָגט:

„אָ, דו אומגליקלאַכער, וואָס דו ביזט! ביי גאָט, זי האָט דיך שטערבלאַך ליב, אָבער דו האָסט זי אומגעבראַכט און גאָט זאָל דיך באַשטראָפן דערפאַר. ווען דו וואָלסט מיר געזאָגט, אַז ביי אייך אין הויז וואוינט דיין פעטערס טאָכטער, וואָלט איך

מיך גאָרנישט פאַרבונדן מיט דיר.״

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָב איך דערזען, אַז איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט, און איך האָב איר דערציילט דעם גאַנצן אמת:

„אָ, מיין געליבטע, זאָלסט וויסן,—האָב איך מיך אָנגערופן,—אַז זי איז מיין פעטערס אַ טאָכטער און זי פלעגט מיר דערקלערן די אַלע צייכנס, וואָס דו פלעגסט מיר געבן און זי האָט מיך אויך געלערנט, ווי אַזוי איך זאָל מיך באַגיין מיט דיר. ווען נישט זי, וואָלט איך דיך קיינמאָל נישט געהאַט.״

האָט מיין געליבטע גענומען ציטערן פון האַס צו מיר, און קאַלט האָט זי געפרעגט:

„און זי ווייס, וואָס מיר שיינקען איינאַנדער?״

און איך האָב געענטפערט פאַרשעמט:

„זי ווייס.״

האָט זי ווייטער געזאָגט:

„נו, טאָ זאָל דיר גאָט באַצאָלן מיט אַזויפיל אַנגסט און צער, אַז דו זאָלסט אויך אויסגיין, אַזוי ווי זי גייט-אויס.״

איך בין אַוועק פון איר אַ צומישטער און אַ דערשלאָגענער, און אַז איך בין אַריין אין אונזער געסל, האָב איך דערהערט אַ געוויין און מענטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום אונזער שטוב. האָב איך אַ פרעג געטאָן ביי איינעם, וואָס איז דאָ געשען, און יענער האָט מיר געזאָגט:

„אַזיזיס איז געשטאָרבן. מיר האָבן זי געפונען אַ טויטע הינטער דער טיר.״

בין איך אַריין אין שטוב אַ דערשראָקענער און די מוטער, וואָס האָט מיך באַמערקט, האָט אויסגעשריען:

„אויף דיין נשמה ליגט איר טויט און גאָט וועט אונז קיינמאָל נישט שיינקען איר בלוט. וואָס זאָלן מיר איצט טאָן?״

איך האָב געשוויגן, ווי אַ גנב, וועלכן מען האָט געכאַפּט ביי דער האַנט.

אַז מיין פאָטער איז געקומען, האָט מען איינגעאָרדנט די לויה און מיר האָבן זי מקבר-געווען מיט גרויס פּאַראַד. דריי

טעג זיינען מיר געזעסן נעבן איר קבר און אָנגעדונגענע מענטשן האָבן געליִיענט דעם קאָראַן. אויפן פערטן טאָג זיינען מיר אַוועק אַהיים און די מוטער האָט מיר געזאָגט:

„איך וויל וויסן, וואָס האָסטו איר געטאָן און פאַרוואָס האָסטו איר צעבראָכן דאָס האַרץ. איך האָב זי שטענדיק געפרעגט וועגן דעם, אָבער זי האָט שטענדיק געשוויגן און נישט געוואָלט זאָגן. איצט פאַרלאַנג איך פון דיר איין זאַך: דו זאָלסט מיר זאָגן, פאַרוואָס איז זי געשטאָרבן?"

אָבער איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן און נישט געענט-פערט, און מיין מוטער האָט ווייטער געזאָגט:

„זאָל דיך גאָט באַשטראָפן פאַר איר, ווייל דו האָסט איר איבערגעריסן די יונגע יאָרן. פאַרן טויט האָט זי מיר אַפילו גע-זאָגט: „אָ, פרוי פון מיין פעטער! איך בעט ביי גאָט, ער זאָל נישט באַשולדיקן דיין זון אין מיין בלוט און ער זאָל אים נישט באַשטראָפן פאַר מיין געביין. וואָרום איך בין סיי-ווי-סיי גליק-לאַך: גאָט נעמט מיך צו צו זיך." דאָס זיינען זייער שיינע ווערטער, מיין שלעכטער זון, אָבער זיי באַרוהיקן מיך נישט."

מיין מוטער האָט געשוויגן אַ ווייַלע און דערנאָך זיך ווי-דעראַמאָל אָנגערופן:

„איך האָב אַזויסן געקושט און געבעטן, זי זאָל מיר דער-ציילן, אָבער זי האָט געשוויגן. בלויז איינמאָל האָט זי אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „אָ, פרוי פון מיין פעטער! אויב דיין זון וועט גיין אַהין, וואוהין ער גייט איצט אַלע טאָג, זאָלסטו אים בעטן, ער זאָל דאָרט זאָגן דידאָזיקע ווערטער:

„טרייהייט איז שיין,
פאַרראַט איז געמיין."

זאָל ער גערדיינקען דידאָזיקע ווערטער. און אַזוי-ווי איך האָב אים טריי געדינט ביים לעבן, וויל איך אים אויך דינען טריי נאָכן טויט. נאָכדעם האָט זי מיר גע-געבן עפּיס אַ זאַך און האָט גענומען פון מיר אַ שבועה, איך זאָל דיר איבערגעבן דידאָזיקע זאַך ערשט דעמאָלט, ווען איך וועל איינזען, אַז דו וויינסט און באַדויערסט זי. נאַטירלאַך, וועל איך

אַזוי טאָן און וועל היטן איר רצון.

האָב איך אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט:

„ווייז מיר די זאַך.‟

אָבער די מוטער האָט נישט געוואָלט. אינגיכן האָב איך פאַרגעסן דאָס אומגליק מיט אַזויסן, און מיין רעיון האָט זיך געדרייט אַרום זיסע תענוגים און מיידל-לייב. און באַלד ווי עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, בין איך שוין געווען ביי מיין געליבטער, וואָס האָט געוואַרט אויף מיר מיט פייער און אומגעדולט. זי האָט זיך מיר געוואָרפן אויפן האַלז מיט דערדאָזיקער פראַגע:

„נו, וואָס איז מיט דיין פעטערס טאָכטער?‟

האָב איך רוהיק געענטפערט:

„זי איז געשטאָרבן, און מיר האָבן שוין דורכגעמאַכט דעם ציקער*) און געלייענט דעם קאָראַן. היינט איז די פינפטע נאַכט נאָך איר טויט.‟

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זי אַ געשריי געטאָן, זיך צעוויינט און געזאָגט:

„יאָ, איך האָב דיר געזאָגט, אַז זי איז געשטאָרבן צוליב דיר. ווען דו וואָלסט דערציילט פון איר דעמאָלט, בשעת זי האָט געלעבט, וואָלט איך זי זיכער געדאַנקט פאַר איר גוטסקייט צו מיר. ווארום זי האָט דיך צו מיר אָפּגעגעבן. ווען זי וואָלט נישט געווען, וואָלסטו נישט געוואוסט דעם טעם פון מיין ליבע. אָבער איך האָב מורא, אַז גאָט וועט דיך שטאַרק באַשטראָפן פאַר איר בלוט.‟

„אָבער פאַרן טויט האָט זי מיר מוחל-געווען‟,—האָב איך מיך אָנגערופן און איך האָב איר דערציילט אַלץ, וואָס די מאַמע האָט מיר דערציילט. נאָכדעם האָב איך צוגעגעבן:

„מיין מוטער האָט מיר געזאָגט, אַז פאַרן טויט האָט זיך אַזויס צו איר אָנגערופן אַזוי: „אויב דיין זון וועט גיין אַהין, וואוהין ער גייט איצט אַלע נאַכט, זאָל ער דאָרט זאָגן:

„טרייהייט איז שיין,

פאַרראַט איז געמיין‟.

איז מיין געליבטע בלאַס געוואָרן און אַ געשריי געטאָן:

*) ציקער—די צערעמאָניעס נאָך אַ טויטן.

„געבענשט זאָל זי זיין, די פאַרשטאָרבענע, און אלא, זיין נאָ־מען זאָל דורך גרויס און קליין דערמאָנט ווערן מיט פּחד, זאָל זי נעמען אונטער זיינע פליגלען. אָ, מיין געליבטער, זאָלסט וויסן, אַז זי האָט דיך איצט מציל־געווען פון מיר, וואָרום איך האָב דיר געוואָלט שלעכטס טאָן. איצט קאָנסטו שוין רוהיק זיין פאַר דיין לעבן.״

האָב איך געהערט די ווערטער און געגאַפט און זי אָנגע־נומען ביי דער האַנט און געפרעגט:

„שוין־זשע האָסטו מיר געוואָלט שלעכטס טאָן נאָך אונ־זער הייסער ליבע און נאָך די זיסע נעכט ביי דיין ברוסט?״

און זי האָט געזאָגט:

„יאָ, דו האָסט מיך ליב, אָבער דו ביזט יונג און קאָנסט נישט געדאַרן און ווייסט אויך נישט די פאַלשקייט און ליגנס פון אַ פרוי. איצט אָבער פאַרלאַנג איך פון דיר איין זאַך: זאָלסט קיינמאָל נישט ריידן מיט אַ פרוי און זאָלסט קיין איינער פון זיי אַפילו נישט ענטפערן—נישט אַ יונגער, נישט אַן אַלטער, נישט אַ בלאָנדער, נישט אַ שוואַרצער. זאָלסט דיך היטן פאַר זיי, וואָרום איך זאָג דיר נאָכאַמאָל: דו קאָנסט זיי נישט. זיי זיינען דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט ליגנס און פאַלשקייט. עס טוט מיר שרעקלאַך באַנק, וואָס דיין פעטערס טאָכטער איז געשטאָרבן. מיט אַזאַ מיידל האָב איך מיך באַדאַרפט קאָנען! אָבער זי איז געשטאָרבן און איך פאַרלאַנג פון דיר נאָך איין זאַך.״

„וואָס?״—האָב איך געפרעגט און דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט.

„פיר מיך אַוועק צו איר אויפן קבר,—האָט זי געזאָגט,— איך וויל דאָרט גאָט פאַר איר בעטן און זאָגן אַ געהעריק ליד.״

האָב איך אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט:

„אויב גאָט (געלויבט זאָל ער זיין) וועט ווען, וועל איך דיך מאָרגן אַוועקפירן אַהין.״

די נאַכט האָבן מיר, נאַטירלאַך, פאַרבראַכט צוזאַמען אין פייער און אין זיסע רייד. אָבער עטלאַכע מאָל האָט זי דערביי איבערגעחזרט:

„אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט געקענט דיין פעטערס טאָכ-
טער.״

זאָג מיר,—האָב איך געפרעגט,—וואָס באַדייטן די ווערטער:
„טרייהייט איז שיין, פאַרראַט איז געמיין״.

האָט זי גאָרנישט געענטפערט דערויף, און אינדערפרי האָבן
מיר זיך אויפגעהויבן פון געלעגער און זי האָט גענומען עטלאַ-
כע דוקאַטן און געזאָגט:

„קום און ווייז מיר איר קבר. איך וויל דאָרט אויפבויען
אַ קופּאָל און דעקלאַמירן אַ ליד און טיילן צדקה—די אָרימעלייט
זאָלן בעטן גאָט פאַר איר נשמה.״

„איך הער און געהאָרך״,—האָב איך געזאָגט.

און מיר זיינען אַרויס אין גאַס און איך בין געגאַנגען
פאָרויס און זי איז געגאַנגען הינטער מיר און געטיילט נדבות
און געבעטן די אָרימעלייט, זיי זאָלן בעטן גאָט פאַר איר נשמה.
און יעדעס מאָל האָט זי באַמערקט:

„גאָט זאָל באַרויקן אַזיזעס נשמה. זי האָט געטראָגן אַ
שיינעם סוד אין איר נשמה, אָבער זי האָט אים קיינמאָל קיינעם
נישט פאַרטרויט. זי איז געשטאָרבן מיט איר סוד.״

און זי האָט כסדר געטיילט נדבות מיט דידאָזיקע ווער-
טער: „פאַר אַזיזעס נשמה״, ביז מיר זיינען געקומען צום
קבר און איר בייטעלע האָט זיך אינגאַנצן אויסגעליידיקט. דער-
זען דעם קבר, איז זי אַנידערגעפאַלן און זיך צעוויינט, נאָכדעם
האָט זי גענומען אַ האַמערל און אויסגעהאַקט אויף איר מצבה
דאָסדאָזיקע ליד:

איך בין אויפן בית־עולם אומגעגאַנגען
און האָב אַ שטילן קבר דאָ באַמערקט.
דערויף געלעגן זיינען זיבן בלומען.
איך האָב געפרעגט: „אָ, וועמעס קבר איז עס?״
און ס׳האָט די ערד געענטפערט: „קוק מיט יראה!
דאָ ליגט אַ מיידל יונג און ליב, ווי פרילינג,
זי האָט אָבער אומזיסט געליבט אַ יונגלינג.
דאַן האָב איך זיך צום קבר אָנגערופן:

„אָ, קרבן פון דער ליבע, זאָל גאָט דיין זעלע שיצן,
דעם תּענוג, וואָס דו האָסט דאָ נישט געפונען,
זאָלסטו געפינען אין די וועגן פון גן־עדן.

נאָכדעם האָט זי זיך אויפגעהויבן מיט פאַרוויינטע אויגן און געזאָגט:

„איך בעט דיך אין נאָמען פון גאָט, דו זאָלסט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן."

„איך הער און געהאָרך,"—האָב איך געזאָגט און דאָס האַרץ האָט מיר געטאַנצט פון שמחה.

נאָכדעם האָבן מיר ווייטער געלעבט ווי פריער: איך פלעג קומען צו איר און די שעהן פלעגן לויפן אין גליק און פרייד. איך האָב אַ סך געגעסן און געטרונקען און אַלע טאָג האָב איך מיך איבערגעטאָן אין נייע קליידער און איך בין געוואָרן דיק און געזונט, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין לעבן.

אַזוי איז אַוועק אַ יאָר צייט. אַ יאָר צייט אין גליק און שמחה און ליבע-פייער. צו ניי-יאָר בין איך אַוועק אין באָד. דאָרט האָב איך מיך אַרומגעוואַשן און זיך איבערגעטאָן אין נייע קליידער. אַז איך בין אַרויס פון באָד, האָב איך געטרונקען ווײַן און מיט דער נאָז איינגעאָטעמט אין זיך דעם בשמים-ריח פון מיינע נייע קליידער.

אָבער אין דער אייגענער צייט האָב איך דאָך געהאַט עפּיס אַ פאָרגעפיל פון אַן אומגליק און האָב מיך שטאַרק געחדושט דערויף. אַז עס איז געוואָרן פינסטערלאַך, בין איך אַוועק צו מיין שיינהייט, אָבער איך בין געוועזן שכּור פונם ווײַן און בין געגאַנגען נישט ווי מען באַדאַרף.

איך האָב מיך פאַרבלאָנזשעט און בין פאַרקראָכן אינם געסל נאַקיב. דאָ האָב איך אָנבאַגעגנט אַ זקנה, וואָס האָט אין איין האַנט געהאַלטן אַן אָנגעצונדן ליכט און אין דער צווייטער—אַ צונויפגעלייגטן בריף, און די דאָזיקע זקנה האָט מיך געפרעגט מיט טרערן אויף די אויגן:

„אָ, מיין זון, קאָנסטו לייענען?"

„איך קאָן, מומע,"—האָב איך געזאָגט.

איך האָב גענומען דעם בריף און איבערגעלייענט און נאָכדעם האָב איך געזאָגט דער אַלטער, אַז דאָס איז אַ בריף פון אַ געליבטן צו אַ געליבטער.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זי זיך זייער דער-פרייט און נאָכדעם, ווי זי האָט אָפּגעזאָגט אַ קליינע תּפילה, האָט זי שטיל אַרויסגעשעפּטשעט:

„זאָל דיר גאָט צוזייען דיינע דאגות און זאָרגן, ווי דו האָסט זיי מיר צוזייט.”

זי האָט גענומען דעם בריף און איז אַוועקגעגאַנגען, אָבער באַלד האָט זי זיך אומגעקערט, אַ קוש געטאָן מיר די האַנט און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, זאָל דיר גאָט געבן אַ גליקלאַכע יוגנט און אַ סך זיסע מינוטן. איך האָב צו דיר אַ קליינע בקשה. קום מיט מיר עטלאַכע טריט ביז דערדאָזיקער טיר, ווייל דאָרט וועט מען מיר נישט גלויבן, וואָס עס שטייט געשריבן אינם בריף. דו וועסט זיי נאָר איבערלייענען דעם בריף און איך וועל דערפאַר בעטן גאָט, ער זאָל דיר דאָס גאַנצע לעבן שיינקען דאָס גליק פון אַ פרוי.”

האָב איך זי געפרעגט:

„וואָס האָסטו פאַר אַ געשעפטן מיט בריף און וואָס איז דאָרט פאַר אַ הויז?”

און זי האָט געזאָגט:

„אָ, מיין זון, דעמדאָזיקן בריף האָט געשריבן מיין זון, וואָס איז שוין צען יאָר אינדערפרעמד. ער איז אַוועקגעפאָרן מיט סחורה און מיר זיינען געווען זיכער, אַז ער איז שוין לאַנג גע-שטאָרבן. איך האָב אַ טאָכטער, וואָס האָט אים שרעקלאַך ליב און וואָס באַוויינט אים נאָך ביז היינט טאָג און נאַכט. אָבער אַז איך האָב באַקומען דעם בריף און האָב איר געזאָגט, וואָס עס שטייט אין אים געשריבן, האָט זי מיר נישט געגלויבט און געזאָגט: „ברייננ מיר אַריין עמיצן, וואָס זאָל קאָנען איבערלייענען דעם בריף, וועט זיך באַרוהיקן מיין האַרץ. דו מוזט דאָך וויסן, מיין זון, אַז דער, וואָס ליבט, האָט אַ ציטריק און קראַנק האַרץ און

דעריבער מוזטו מיר טאָן די טובה. דו מוזט דאָך אויך וויסן, וואָס אונזער נביא האָט געזאָגט: „דער, וואָס באַרויִקט אַ פאַר־ביטערט האַרץ אין אַן אומגליק, דעם וועט גאָט אַליין באַרויִקן אין זיין צער.״ דער, וואָס לינדערט יענעמס נויט, דעם וועט גאָט לינדערן צוויי־און־זיבעציק נויטן.״ אַזוי האָט געזאָגט אונזער נביא.״

„איך הער און געהאָרך,״—האָב איך געזאָגט.

זי איז געגאַנגען פאָרויס און איך הינטער איר, ביז מיר זיינען געקומען צו אַ גרויסער טיר, באַקלאַפּט מיט מעש. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביי דערדאָזיקער טיר און עפּיס אויסגעשריען אויף פּערסיש, און באַלד איז צו אונז אַרויסגעגאַנגען אַ שיין מיידל מיט לייכטע טריט. אירע ברייטע הויזן זיינען אַרויפגעצויגן געווען ביז די קני, און איך האָב דערזען אַזוינע שיינע שלאַנקע פיס, אַז איך האָב באַלד געשפּירט, ווי דער מח רירט זיך מיר אין קאָפּ פוןליידנשאַפט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען אויסגעגאָסן פון אַלבאַסטער און ביי די קנעכלאַך האָט זי גע־טראָגן רונגען פון גאָלד און בריליאַנטן.

מיט אַ נאַקעטער האַנט האָט זי צוגעהאַלטן אַ ברעג פון איר קלייד, און דידאָזיקע האַנט איז געווען באַפּוצט מיט צוויי בראַסלעטן און אירע אויערינגלאַך אונטער די שוואַרצע האָר האָבן געלויכטן ווי זונען צווישן געדיכטע וואָלקנס. אויפן האַלז האָט געשמייכלט אַ האַלזבאַנד מיט צענדליקער פריילאַכע בריליאַנטן־אויגן. און אַז זי האָט מיך דערזען, האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַ קול, וואָס האָט געקלונגען אין מיין אויער ווי אַ האַנטהאַרפע און וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געהערט אַזאַ קול:

„אָ, מיין מוטער! וועט מיר דער מאַן לייענען דעם בריף?״

און די אַלטע האָט געענטפערט:

„יאָ, דערדאָזיקער חשובער מאַן וועט דיר איבערלייענען דעם בריף.״

און דאָ האָט מען מיר ווידעראַמאָל געגעבן צו לייענען דעם בריף. דאָס מיידל איז געשטאַנען פון איין זייט טיר. איך—פון דער צווייטער, און בשעת איך האָב געוואָלט לייענען דעם

בריף, האָב איך עטוואָס אָנגעבויגט דעם קאָפּ אין טיר אַריין. אָבער נאָך איידער איך האָב געמאַכט די באַוועגונג, האָט די אַלטע צוגעבויגט דעם קאָפּ צו מיין רוקן און האָט מיך אַ שטויס געטאָן און אַזויאַרום האָב איך, נישט-ווילנדיק, איבערגעשפּרייזט די שוועל. דעמאָלט האָט זיך די אַלטע צוגעאיילט און תּיכּף פאַרשלאָסן די טיר און דאָס מיידל איז מיר געפאַלן אויפן האַלז און צוגעדריקט צו דער ברוסט. און דריקנדיק מיך צו דער ברוסט מיט אַ הייסן און זיסן אָטעם, האָט זי מיך פאַוואָליע און שווייגנ-דיק אַריינגעפירט אין אַ גרויסן גאַסטצימער מיט פיר דיוואַנעס און דאָ האָט זי מיך אַנידערגעזעצט און געזאָגט:

„עפן דיינע אויגן און קוק דיך אַרום."

האָב איך מיך אַרומגעקוקט אַ צומישטער און דאָך האָב איך געזען, אַז איך געפין מיך צווישן גאָלד און בריליאַנטן און זיידנס און פּערל. ביים וואַנט איז געשטאַנען אַ בעט פון בראָנז, גאָלד און פּערל, וואָס וואָלט זיך געפּאַסט בלויז פאַר אַ פּרינץ.

דערזעען, אַז איך לאָז נישט אַראָפּ די אויגן פונם צימער, האָט זי זיך פּלוצלונג אָנגערופן:

„אָ, מיין האַר, זאָג מיר, וואָס איז דיר אָנגענעמער: לעבן אָדער טויט?"

„לעבן", — האָב איך געענטפערט.

האָט זי זיך צולאַכט און געזאָגט:

„אויב דיר געפעלט בעסער דאָס לעבן, מוזסטו מיט מיר חתונה-האָבן."

האָב איך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געזאָגט:

„איך וויל נישט."

האָט זי זיך ווידעראַמאָל צולאַכט און אַ פּאַטש געטאָן מיט ווייסע הענטלאַך און געזאָגט:

„אויב דו וועסט חתונה-האָבן מיט מיר, וועסטו זיך באַ-פרייען פון דעלילעכס*) טאָכטער."

*) דעלילעך — אַ רמאי, אַ שאַרלאַטאַן.

„וואָס פאַר אַ דעלילעך און וואָס פאַר אַ טאָכטער?" — האָב איך געפרעגט.

האָט דאָס מיידל אַ שפרונג געטאָן אויף אירע אַלבאַסטער פיסלאַך און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר! מאַך דיך נישט צום נאַר, איך בעט דיך, שוין פיר חדשים צייט, ווי דו זעסט זיך מיט איר אַלע נאַכט, אַלאַ זאָל זי באַשטראָפן דערפאַר! נישטאָ אויף דער וועלט אַ פרוי, וואָס זאָל זיין אַזוי פאַלש, ווי זי. וויפל מענטשן האָט זי שוין אומגעבראַכט און וואָס פאַר אַ טונקעלע געשעפטן זי פירט. און איך וואונדער מיך, ווי אַזוי דו לעבסט נאָך און ווי אַזוי דו גייסט נאָך אַרום אינם לאַנד פון די רעכטגלויביקע."

האָבן מיך דידאָזיקע ווערטער אַ זעץ געטאָן אין פנים אַריין, ווי אַ פייער, און איך האָב געזאָגט:

„אָ, מיין שיינע האַרין! פון וואַנען קאָנסטו זי?"

און זי האָט געענטפערט:

„אָ, מיין האַר, איך קאָן זי אַזוי גוט, ווי די עלטער קאָן אירע ווייסע האָר. אָבער איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס איז געשען צווישן אייך, כדי איך זאָל דיר קאָנען דערקלערן, פאַרוואָס דו לעבסט נאָך ביז איצט, דאָס הייסט, פאַרוואָס זי האָט דיך ביז אַהער נישט דערהרגעט."

דעמאָלט האָב איך איר דערציילט פון אַלץ. איך האָב איר דערציילט פון מיר און פון אַזיזסן און פון מיין געליבטער און זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צום באַלקן און ווײלעווייז אַרויס-געשעפטשעט:

„אָ, אַלאַ! אָ, אַלאַ!"

פון אירע אויגן זיינען אַרויסגעפאַלן ריינע טרערן, ווי פערל, און אַז זי האָט דערהערט, אַז אַזיזס איז געשטאָרבן, האָט זי אַ פאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריען:

זאָל דיר גאָט אומקערן איר פאַרלוסט. אָ, אַזיז, דו מוזט איין מאָל פאַר אַלעמאָל וויסן, אַז זי האָט דיך מציל-געווען פון דעלילעכס טאָכטער, און ווען זי וואָלט נישט געווען, וואָלסטו זיכער אומגעקומען."

נאָכדעם האָט זיך דאָס מיידל אַ דריי געגעבן אויף בײדע געטאָקטע פּיסלאַך, און ווידעראַמאָל אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און געזאָגט:

„אָ, מיין מוטער, ברייננג-אַריין אַהער די-יעניקע, אין וועלכע מיר בויטיקן זיך איצט.״

איז די אַלטע באַלד אַרויסגעגאַנגען און צוריק אַרייגעקומען מיט פיר עדות און פיר אָנגעצונדענע ליכט. די עדות האָבן זיך פּאַרנויגט און זיך אַנידערגעזעצט און דאָס מיידל האָט פּאַרדעקט דאָס געזיכט מיט אַ שלייער און האָט געהייסן איינעם פון די עדות, ער זאָל אָנשרייבן די תנאים. דאָס אַלץ איז אויגנבליקלאַך אויסגעפירט געוואָרן, און אין די תנאים איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אַ פּונקט, אַז אויסער איר רייכן אויסשטייער גיט זי מיר אויך צענטויזנט זילבערשטיק. נאָכדעם האָט זי באַצאָלט די עדות און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען.

איך קאָן עד-היום נישט וויסן, אין וואָס איז אַוועק די נאַכט, נאָר דאָס איז געוויס זיכער, אַז איך האָב זי געהאַלטן אין מיינע אָרעמס און זי מיך אין אירע. אויף מאָרגן האָב איך געוואָלט אַרויס אין גאַס, אָבער זי האָט זיך צולאַכט און געזאָגט:

„דו מוזט אַודאי מיינען, אַז אַרייגגיין אין באָד איז אויך אַזוי לייכט, ווי אַרויסגיין. שוין-זשע מיינסטו, אַז איך בין אַ טאָכטער פון אַ דעלילעך? טראַכט גאָרנישט פון אַזעלכע זאַכן. דו ביזט מיין מאַן לויטן קאָראַן און לויטן געזעץ, און אויב דו ביזט נאָך שכור, טאָ ניכטער דיך אויס. דאָס הויז, אין וועלכן דו געפינסט זיך, ווערט געעפנט נאָר איין מאָל אין יאָר, און אויב דו גלויבסט נישט, טאָ גיי צו דער טיר, וועסטו זען, אַז איך בין גערעכט.״

איך בין אַוועק צו דער טיר און זי גוט אַרומגעקוקט און און גוט באַטראַכט און דאָ האָב איך איינגעזען, אַז זי איז פּאַרשלאָסן און פּאַרקלאַפּט—נישט צו עפענען זי. און אַז איך האָב מיך אומגעקערט צוריק, האָט זי געזאָגט:

„אָ, אַזיז! מיר האָבן גענוג ברויט און מעל און פרוכטן און גראַנאַטן און צוקער און פליישן און שעפּסן און פייגעל און

נאָך טויזנטער מינים פּראָדוקטן, וואָס וועלן אונז קלעקן אויף יאָרן. אָבער דו מוזט געדיינקען, אַז פון דער נעכטיקער נאַכט אָן וועט די טיר געעפנט ווערן ערשט אין אַ יאָר אַרום.

„כּח און מאַכט איז נאָר אין גאָטס האַנט!"—האָב איך אַ געשריי געטאָן.

אָבער זי האָט זיך צולאַכט און איך האָב מיך אויך צולאַכט, און צוועלף חדשים זיינען איבערגעלאָפן און צוועלף חדשים בין איך געלעגן אין אירע אָרעמס און זי אין מיינע, אָבער קיין קינד האָט זי מיר נישט געבוירן.

אַקוראַט צום יאָר האָב איך געהערט, ווי עס עפנט זיך די טיר און ווי מענטשן טראָגן אַריין ברויט, מעל און צוקער, און איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וויל אַרויס אין גאַס. דערויף האָט זי מיר געזאָגט:

„וואַרט ביזן אָוונט. וועסט אַרויס אין גאַס אין דער אייגענער שעה, אין וועלכער דו ביזט אַריין."

האָב איך געוואַרט ביזן אָוונט, אָבער אַז עס איז געקומען די צייט און איך האָב געוואָלט אַרויס אין גאַס, האָט זי געזאָגט:

„ביי גאָט, איך וועל דיך פריער נישט אַרויסלאָזן, וואו דו וועסט מיר נישט געבן אַ שבועה, אַז דו וועסט זיך אומקערן ביינאַכט צוריק, איידער עס ווערט צוגעשפּאַרט די טיר."

האָב איך איר געגעבן אַ שבועה, אָבער זי האָט מיר געצוואונגען צו שווערן ביי אַ שווערד און ביים קאָראַן. נאָכדעם בין איך אַרויס אין גאַס און אַוועק גלייך צו מיין געליבטער אין גאָרטן, וואו די טיר איז געווען אָפן. דאָס האָט מיך זייער דערצאָרנט און איך האָב געטראַכט:

„אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר בין איך נישט געווען און די טיר פון גאָרטן האַלט זי אָפן."

אָבער איך האָב געוואָלט זען, וואָס זי מאַכט און בין תיכף אַריין אין מאַקאַד. דאָרט האָב איך געפונען דעלילעכס טאָכטער, זיצנדיק מיט אַן אַראָפּגעלאָזט קאָפּ, פאַרהילט אין מרה-שחורה. פאַרן יאָר האָט זי זיך שרעקלאַך געענדערט און, דערזעענדיק מיך, האָט זי אויסגעשריען:

„גאָט צו דאַנקען, דו לעבסט!"

זי האָט זיך געוואָלט אויפהויבן, אָבער פון שמחה איז זי אומגעפאַלן. האָב איך מיך שטאַרק פאַרלאָרן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך צוגעגאַנגען צו איר און זי אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

„האָסטו געוואוסט, אַז איך וועל קומען צו דיר?"

האָט זי אַ ווײַלע געשוויגן און זיך אָנגערופן מיט אײַנגעהאַלטענער שמחה:

„איך האָב נישט געוואוסט. ביי גאָט, אַ גאַנץ יאָר האָב איך געוואַרט אויף דיר, געזעסן אַלע נאַכט און געוואַרט, טאָמער וועסטו עפענען די טיר, טאָמער וועסטו אַריין. געדענקסט, איך האָב דיר געשיינקט אַזויפיל גליק און דו האָסט מיר פאַרשפּראָכן אַז דו וועסט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. מיין האַרץ האָט פון ליבע געברענט, אָבער דו ביזט נישט געקומען. איצט פאַרלאַנג איך פון דיר נאָר איין זאַך: דו זאָלסט מיר דערציילן אַלץ, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט."

דעמאָלט האָב איך איר דערציילט אַלץ, וואָס מיט מיר איז געשען.

דערהערט, אַז איך האָב חתונה־געהאַט, איז זי בלאַס געוואָרן און גענומען ציטערן אויפן גאַנצן לייב.

„זאָלסט וויסן,—האָב איך מיך אָנגערופן,—אַז באַלד ווי עס וועט ווערן נאַכט, מוז איך דיך פאַרלאָזן.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז זי אויפגעשפּרונגען, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה און האָט אויסגעשריען:

„יאָ, אַזיזיס, אַזיזיס איז גערעכט! גאָט, נעם זי אונטער דיינע פליגלען און באַשירם זי, ווייל זי איז דאָס ווערט געוועזן. אָ, אַזיז, אַ פאַררעטער ביזטו און אַ שלעכטע נשמה באַוועגט דיינע מעשים. נאָר אַזיזיס איז אומגעקומען פון דיר און דו וועסט אומקומען פון מיר. זאָלסט וויסן, אַזיז, אַז איך קאָן באַצאָלן מיט שלעכטס פאַר שלעכטס און נאָכמער!"

אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט צוויי פייערדיקע אויגן, וואָס האָבן מיך דורכגע-

שטאַכן, ווי מעסערס. איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקן און די קני האָבן מיר אַזוי געציטערט, אַז איך האָב געהערט אַ קלאַפּע-ריי פון ביינער.

אין דער אייגענער מינוט האָט זי אויסגעשריען און באַלד האָבן זיך באַוויזן צען געזונטע שקלאַפינס, וואָס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר און אויסגעצויגן מיך אויף דער ערד. מיין געליבטע האָט אַרויסגענומען אַ לאַנג שאַרף מעסער און גע-זאָגט מיט בייזע פינקלענדיקע אויגן:

„איך וועל דיך שעכטן, ווי מען שעכט אַ ציגעלע, און דאָס וועט זיין דיין לוין פאַר אַזיזסן און פאַר מיר.“

איך האָב געזען, אַז איך ליג אונטער די שקלאַפינס, אַז מיין באַק איז פעסט צוגעדריקט צו דער ערד און אַז מיין גע-ליבטע האַלט אַ בלאַנק מעסער אין דער האַנט און איך בין גע-ווען זיכער, אַז מען וועט מיך דאָ טויטן. האָב איך קיין אַנדער מיטל נישט געהאַט, ווי צו בעטן, מען זאָל רחמנות-האָבן איבער מיר, און אַזוי האָב איך געטאָן.

אָבער איר גרימצאָרן איז אַלץ מער און מער געוואַקסן און זי האָט בעפוילן אירע שקלאַפינס, זיי זאָלן מיר בינדן די הענט אַהינטער. האָבן די שקלאַפינס אַזוי געטאָן און זיך אַנידער-געזעצט אויף מיר: ווער אויף די פיס, ווער אויפן בויך און ווער אויפן קאָפּ. דעמאָלט האָט זי געהייסן, מען זאָל מיך שלאָגן און מען האָט מיך אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז איך האָב פאַרלאָרן דעם פאַרשטאַנד.

אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך געטראַכט, אַז עס איז שוין גלייכער געשאָכטן צו ווערן, איידער אַזוי געשלאָגן צו ווערן. און דאָ האָב איך מיך דערמאָנט אָן אַזיזסעס ווערטער:„ זאָל דיך גאָט מציל-זיין פון איר גרימצאָרן.“

איך האָב שטאַרק געוויינט, אָבער זי האָט זיך רוהיק גע-שליפן דאָס בלאַנקע מעסער און זיך אָנגערופן צו אירע שקלפינס:

„עפנט מיר אים דעם האַלז.“

אָבער אין דער אייגענער רגע האָט גאָט זיך דערבאַרעמט איבער מיר און באַלאָדן מיט שכל מיין דערשראָקענעם מוח און

איך האָב איבערגעחזרט די עטליכע ווערטער, וואָס אַזיזים פּלעגט מיר עפּטעך זאָגן, נעמליך:

„טרייהייט איז שיין,

פאַרראַט איז געמיין.“

און אַז זי האָט דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זי זיך צעוויינט און געזאָגט:

„אַלץ אַזיזים! אַזיזים האָט דיך איצט אויך אַרויסגעראַטע-וועט מיט דידאָזיקע עטלאַכע ווערטער. איך וואָלט דיך זיכער היינט געטויט, דאָך וועל איך דיר איבערלאָזן אַ צייכן פון מיין גרימצאָרן.“

און זי האָט מיר געמאַכט אַ טיפע און אַ שווערע וואונד מיטן מעסער. אַזוי, אַז איך האָב פאַרלוירן מיין באַוואוסטזיין. אָבער אַז איך בין געקומען צו זיך, האָט מיין וואונד שוין אָפּ-געבלוטיקט און נאָכדעם ווי זי האָט מיר געגעבן אַ ביסל ווייַן אין מויל אַריין, האָט זי מיך אַ שטויס געטאָן מיטן פוס און אַרויס-געוואָרפן פון מאַקאַד.

איך האָב מיך אויפגעהויבן אויף די פיס, אָבער איך האָב נישט געקאָנט גיין. דאָך האָב איך מיך ביסלעכווייז באַוועגט און זיך ווי-עס-איז דערשלעפּט צו דעם הויז פון מיין ווייב. די טיר האָב איך געפונען אָפן און איך בין אַריין אין הויז. באַלד האָב איך דערזען מיין ווייב, וואָס האָט מיך אַריינגעפירט אין גאַסט-צימער און דאָ איז מיך באַפאַלן אַ שטאַרקער און אַ שווערער שלאָף. אָבער אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך דערזען, אַז איך ליג הינטער דער טיר פון מיין ווייבס הויז.

דעמאָלט האָב איך מיך אויפגעהויבן און אַוועק צו זיך אַהיים, וואו איך האָב געפונען מיין מוטער אַן אויסגעצערטע און אַ פאַרוויינטע. דערזען מיך, האָט זי אָנגעהויבן ציטערן פון שמחה און געזאָגט:

„אָ, מיין זון, וואו ביזטו עס געווען?“

איך האָב מיך דערנענט צו איר, אָבער אַז זי האָט אויפ-געהויבן די אויגן, האָט זי דערזען, אַז איך בין נישט געזונט. איך האָב געהאַט אַ טונקל-וועקסן געזיכט און די ביינער האָבן

שיער נישט איינגעריסן די הויט, ערשט דאָ אין שטוב האָב איך דערשפּירט, ווי גרויס און ווי עכט אַזיזיסעס ליבע איז געווען צו מיר, און איך האָב מיך צעוויינט און מיין מוטער האָט זיך אויך צעוויינט און געזאָגט:

„אָ, זון מיינער, זאָלסט וויסן, אַז דיין פאָטער איז געשטאָרבן!"

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, בין איך געפאַלן אין חלשות. אָפּגעמינטערט האָט מיך מיין מוטער מיט קאַלט וואַסער, אָבער באַרוהיקן האָב איך מיך נישט געקאָנט: אַזיזיס איז מיר געשטאַנען אין דמיון און האָט מיך שרעקלאַך געפּייניקט. איך האָב געוויינט דעם גאַנצן טאָג און ביינאַכט האָט מיר די מוטער געזאָגט:

„אָ, מיין זון, דיין פאָטער איז געשטאָרבן מיט צען טעג צוריק.

אָבער איך האָב מיך אָנגערופן:

„ניין, איך באַוויין נישט מיין פאָטערס טויט, נאָר אַזיזיסעס ליבע, זי האָט מיך אַזוי ליב געהאַט און איך האָב נישט געקוקט דערויף. אַלע מיינע ליידן זיינען גאָרנישט קעגן דעם, וואָס איך האָב איר געטאָן."

און איך האָב מיין מוטער דערציילט אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. דעמאָלט האָט מיין מוטער אויפגעהויבן די אויגן צום הימעל און געזאָגט:

„געלויבט צו גאָט, וואָס דו לעבסט, וואָרום זי האָט דיך געקאָנט שעכטן."

נאָכדעם האָט זי מיר גענומען היילן די וואונד, און איך האָב מיך ביסלאַכווייז פאַרבעסערט אין געזונט. עס איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און איינמאָל האָט מיין מוטער געזאָגט:

„אָ, מיין זון! איצט וועל איך דיר שיינקען דאָס, וואָס אַזיזיס האָט מיר געגעבן. אַזיזיס האָט ביי מיר דעמאָלט גענומען אַ וואָרט, אַז איך זאָל עס דיר שיינקען נאָר דעמאָלט, ווען איך וועל איינזען, אַז דו טרויערסט נאָך איר און אַז דו האָסט זי אין זינען. איך מיין, אַז איצט איז די רעכטע צייט דערצו, ווייל

איך זע שטענדיק טרערן אויף דיינע אויגן און דו טראַכסט פון איר תמיד."

געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַרויסגענומען יענס שטיקל לייוונט מיט די זויסגעהאָפטענע לאַמעס, וואָס איך האָב איר אַמאָל געשיינקט. דערויף זייגען אויך געווען אויסגעהאָפטן שיינע לידער און דערביי איז צוגעלייגט געווען אַ פּאַפּירל מיט טרייסטווערטער און עצות.

איך האָב איבערגעלייענט די לידער און די עצות און מיר איז לייכטער געוואָרן אויפן געמיט. אַזוי איז אַוועק אַ קיילעכיק יאָר און איך בין שוין אינגאַנצן געזונט געוואָרן.

אין דערדאָזיקער צייט האָבן עטלאַכע סוחרים פון אונזער שטאָט, טאַקי די אייגענע, וואָס דו זעסט זיי דאָ, זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין און מיין מוטער האָט מיר געראַטן, איך זאָל אויך מיט זיי מיטפאָרן.

„אפשר,—האָט זי געזאָגט,—וועסטו געטרייסט ווערן אין וועג און דיין האַרץ וועט פאַרגעסן זיין וויי."

איך האָב געפאָלגט מיין מוטער, בין געגאַנגען און איינגעקויפט פאַרשידענע סחורות און האָב מיך אַוועקגעלאָזט מיט די סוחרים אין וועג אַריין. אָבער מיינע טרערן זיינען נישט געטריקנט געוואָרן פאַר דער צייט פון דער נסיעה און מיין האַרץ האָט זיך נישט באַרוהיקט. איך האָב עפּטער אַרויסגענומען דאָס שטיקעלע לייוונט, עפּטער האָב איך געקוקט דערויף און האָב שטענדיק און אַלעמאָל געוויינט. איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט פאַרגעסן אַזיזיסעס ליבע צו מיר: זי האָט מיך אַזוי געליבט און איך האָב זי נישט פאַרשטאַנען. איך האָב מיך שטענדיק שלעכט באַגאַנגען מיט איר, און אויסער גוטס האָב איך פון איר קיינמאָל גאָרנישט געזען.

און איך מוז דיר נאָכאַמאָל זאָגן, אַז די נסיעה האָט מיר נישט לייכטער געמאַכט דאָס האַרץ. פאַרקערט, מיין וויי איז נאָך שטאַרקער געוואָרן, ווייל איך בין געווען אויף די קאַמפאָראינזלען און אינם קריסטאָלענעם פּאַלאַץ. זיבן אינזלען זייגען דאָרט און איבער זיי הערשט דער סולטאַן שאַך-זעמאַן. דערדאָזיקער

סולטאַן האָט אַ טאָכטער מיטן נאָמען דוניע און מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס האָט זי אויסגעניית די לאָמעס אויפן לייוונט. אַז אונזער קאַראַוואַן איז געקומען אינם אינזללאַנד, בין איך אַוועק צום פּאַלאַץ, וואָס איז געשטאַנען אין אַ געדיכטן גאָרטן. דער גאָרטן-שומר איז שוין געווען אַן עלטערער שייך און איך האָב מיך געווענדט צו אים מיט דידאָזיקע ווערטער:

„אָ, שייך, צו וועמען געהערט דערדאָזיקער גאָרטן?"

האָט ער מיך אָנגעקוקט און געזאָגט:

„אָ, מיין יונגער האַר, צו דעם מלכס טאָכטער, צו דער סולטאַנין דוניע. אויב דו ווילסט זיך עטוואָס ווײלן, וועל איך דיר עפענען די טיר פון גאָרטן. ער איז וואונדערלאַך שיין און די שענסטע פלאַנצונגען און געוויקסן וואַקסן דאָ."

דעמאָלט האָב איך מיך אָנגערופן:

„אָ, שייך! זיי אַ גוטער און לאָז מיך זיצן אין גאָרטן אַ וואָסער שעה צייט. אויסער די טייערע ביימער מיט די זעלטענע געוויקסן, וואָלט איך אויך נאָך געוואָלט זען דעם סולטאַנס טאָכטער."

האָט דער אַלטער שייך אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, איך זע נישט דערין קיין שום שלעכטע כּוונה. קאָנסט זיצן אין גאָרטן אַ שעה צייט."

דאָך האָב איך אים געגעבן אַ מטבע אין דער האַנט אַריין און געזאָגט:

„אָ, שייך, קויף זיך עפּיס צום עסן."

האָט ער זיך זייער דערפרייט און אַריינגעפירט מיך אין גאָרטן, וואו ער האָט מיר באַוויזן זייער אַ ליב ווינקעלע, און אַז איך האָב מיך אַנידערגעזעצט, האָט ער מיר געבראַכט טייערע פרוכטן און געזאָגט:

„פאַרברייננג דיר דאָ, ביז וואַנען איך וועל מיך אומקערן."

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט מיט געבראָטן שעפּסנפלייש, און מיר האָבן ביידע גוט צוגעביסן. מיינע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אַרום דער סולטאַנין, אָבער אין דער אייגענער מינוט האָט זיך געעפנט דאָס גאָרטנטירל און

ליגט די ערד פונם סולטאַן שאַך-זעמאַן?"

און אַזוי האָט געזאָגט:

„יאָ, אָ, גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע."

און דער מלך האָט ווייטער געזאָגט:

„אויב אַזוי, וואָלט איך געוואָלט, דו זאָלסט פאָרן אַהין מיט מיין וויזיר."

„אָ, גרויסער מלך!—האָט אַזוי געזאָגט דערויף.—איך הער און געהאָרך!"

נאָכדעם האָט דער מלך אַריינגערופן דעם וויזיר און זיך אָנגערופן צו אים מיט דידאָזיקע ווערטער:

„אָ, מיין וויזיר! מיין זון וויל זיך משדך-זיין מיטן סולטאַן פון די קאַמפאָראַאינזלען. אַלזאָ, פאָר-אַרויס צו דעמדאָזיקן מלך און שליס אַ שדוך צווישן זיין טאָכטער און מיין זון."

„איך הער און געהאָרך,"—האָט דער וויזיר געזאָגט.

טאַדוש-על-מולוק איז דערוויל אַוועק צו זיך אין צימער, אָבער די אונגעדולט און די בייגקעניש האָט אים אַזוי געפייניקט, אַז ער האָט פאַרלאָרן דאָס באַוואוסטזיין. אינדערפרי איז ער ערשט געקומען צו זיך, און אַז עס איז אַריין דער פאָטער און האָט דערזען, ווי ווייט זיין זון האָט זיך פאַרענדערט אין געזיכט, האָט ער אים געבעטן, ער זאָל זיין געדולדיקער און האָט אים צוגעזאָגט צו געבן די בת-מלכה פאַר אַ ווייב.

אַזוי מיטן וויזיר האָבן מיטגענומען אַ סך מתנות מיט זיך און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. טאָג און נאַכט זיינען זיי געפאָרן, ביז זיי האָבן דערזען די קאַמפאָראַאינזלען. האָבן זיי אָפּגעשטעלט די מוילאייזלען ביים ברעג פון אַ טייך און דער וויזיר האָט אַוועקגעשיקט צום סולטאַן אַ שליח.

צו האַלבן טאָג האָט דער וויזיר באַמערקט פון ווייטן אַ סך הויפלייט און עמירן, וואָס זיינען אַרויסגעפאָרן אַנטקעגן אים.

נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך באַגריסט מיטן וויזיר, האָבן זיי אים אָפּגעפירט אין פאַלאַץ צום סולטאַן. האָט דער וויזיר אויסגעלייגט פאַרן סולטאַן די אַלע מתנות, וואָס ער האָט געפירט מיט זיך און ער איז פאַרבליבן אין פאַלאַץ גאַנצע פיר טעג.

די געשיכטע פון טאַדזש־על־מולוק און דער סולטאַנין דוניע.

הויבט זיך אָן אינמיטן פון דער הונדערט זיבעצענטער נאַכט און ענדיקט זיך אינמיטן פון דער הונדערט זיבנאונדרייסיקסטער נאַכט.

אַז טאַדזש-על-מולוק האָט דערהערט דיזאָזיקע געשיכטע, האָט ער זיך באַלד פאַרליבט אין דער סולטאַנין דוניע. ער איז די אייגענע רגע אַרויפגעשפּרונגען אויפן פערד און צוזאַמען מיט אַזיזן האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין פאָטער אין שטאָט. דאָרט האָט ער אַזיזן געגעבן אַ וואוינונג און לעבנסמיטלען און אַליין איז ער אַוועק צו זיין פאָטער אין פּאַלאַץ. ער איז געגאַנגען אין פּאַלאַץ און טרערן האָבן זיך אים געגאָסן פון די אויגן, ווייל אַ דערציילונג קאָן אויך אַזוי דערוועקן ליבע, ווי דאָס אויג, בשעת עס קוקט אויף אַ שיין מיידל, און אַז דער פאָטער האָט אים דערזען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אים דריקט עפּיס, און ער האָט געפרעגט:

„אָ, מיין זון, דערצייל מיר, וואָס איז מיט דיר געשען

און פאַרוואָס האָסטו זיך פאַרענדערט אין געזיכט.״

האָט אים דער פּרינץ דערציילט פון דער סולטאַנין דוניע און האָט געזאָגט:

„אָ, מיין פאָטער! איך האָב זי נאָך נישט געזען, אָבער איך בין שוין פאַרליבט אין איר.״

דערויף האָט אים דער פאָטער באַמערקט:

„אָ, מיין זון, איר פאָטער איז אַ סולטאַן און זיין לאַנד ליגט ווייט פון אונז. וואַרף-אַוועק דעמדאָזיקן געדאַנק און גיי בעסער אַריין צו דיין מוטער אין פּאַלאַץ. דאָרט זיינען פאַראַן פינפהונדערט שקלאַפינס, וואָס איינע איז שענער פון דער צווייטער, קאָנסטו דיר אויסוויילן איינע און לעבן מיט איר. אָבער אויב דיר וועט קיין איינע נישט געפעלן, וועל איך אויסגעפינען פאַר דיר אַ בת-מלכה, וואָס וועט נאָך זיין שענער פון דער סולטאַנין דוניע.״

אָבער דעם פּרינץ האָט עס נישט גערירט און ער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין פאָטער! איך וויל בלויז די סולטאַנין דוניע. פון אַנדערע פרויען וויל איך נישט וויסן. אויב דו וועסט זי מיר נישט געבן פאַר אַ ווייב, וועל איך אַנטלויפן אין די מדבריות אַריין און דאָרט וועל איך שטאַרבן פון ליבע.״

האָט זיך דער פאָטער פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

„אָ, מיין זון, האָב נאָר עטוואָס געדולד, וועל איך שיקן צו איר פאָטער און בעטן פאַר דיר איר האַנט און איך וועל דערפילן דיין פאַרלאַנג, אַזוי ווי עס איז דערפילט געוואָרן מיין פאַרלאַנג, בשעת איך האָב חתונה-געהאַט מיט דיין מוטער. אויב אָבער ער וועט נישט איינגיין אויפן שדוך. וועל איך באַפאַלן זיין לאַנד און וועל אָנשיקן אויף אים אַזאַ אַרמיי, אַז איר עק וועט זיך געפינען דאָ נעבן מיר, בשעת איר קאָפּ וועט שוין מאַכן אַ תל פון זיינע שטעט.״

נאָכדעם האָט ער אַריינגערופן צו זיך דעם יונגן אַזיזן און אים געפרעגט:

„אָ, מיין זון, איז דיר באַקאַנט דער וועג אַהין, וואו עס

דער שייך האָט זיך אָנגערופן צו מיר:

„הויב דיך אויף און פאַרבאָרג דיך."

איך האָב, נאַטירלאַך, באַלד אַזוי געטאָן, אָבער אַ שוואַר-צער האַרעמדינער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געזאָגט:

„אָ, שייך, געפינט זיך דאָ נישט עמיץ אַ זייטיקער?"

און דער שייך האָט געזאָגט:

„דאָ איז קיינער נישטאָ."

דעמאָלט איז פון פּאַלאַץ אַרויס די סולטאַנין דוניע. אַז איך האָב זי דערזען, האָט מיר אויסגעוויזן, אַז די לבנה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. איך בין צומישט געוואָרן, אָבער איך האָב באַלד דערשפּירט, אַז עס ציט מיך צו איר, עס ציט און עס שלעפּט, ווי אַ דורשטיקן צו וואַסער. בין איך אַרויס פון גאָרטן און אַוועק אַהיים און דערביי האָב איך געטראַכט, אַז זי איז פאַר מיר אומדערגרייכבאַר.

אַז די סוחרים האָבן זיך ווידעראַמאָל געלאָזט אין וועג אַריין, האָב איך אויך געטאָן דאָס אייגענע, און דאָ האָב איך מיך באַקענט מיט דיר. דאָס איז מיין געשיכטע און דאָס אַלץ האָט פּאַסירט מיט מיר, גנעדיקער פּרינץ!

אויפֿן פֿינפֿטן טאָג איז ער אַריין צום סולטאַן אין צימער און האָט אים דערציילט די סיבה פֿון זיין קומען.

אָבער דער סולטאַן האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן דעם וויזיר, ווייל אים איז שוין לאַנג באַקאַנט געווען זיין טאָכ־טערס באַשלוס—מיט קיינעם נישט חתונה־צו־האָבן. אַ לאַנגע צייט איז דער סולטאַן געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איינעם פֿון זיינע הארעמדינער און געזאָגט:

„גיי צו דיין הארין און דערצייל איר פֿון דעם אַלעם, וואָס דו האָסט דאָ געהערט."

איז דער הארעמדינער אַרויסגעגאַנגען, אָבער באַלד איז ער צוריק געקומען און געזאָגט צום סולטאַן:

„אָ, גרויסער מלך! אַז איך בין אַריין צו דער בת־מלכּה דוניע און האָב איר איבערגעגעבן אַלץ, וואָס איך האָב גע־הערט, איז זי אַזוי בייז געוואָרן, אַז זי האָט זיך געוואָרפֿן צו מיר מיט אַ שטעקן, איך בין גליקלאַך אַנטלאָפֿן פֿון איר און זי האָט מיר פֿון ווייטן נאָכגעשריען: „אויב מיין פֿאָטער וועט מיך צווינגען חתונה־צו־האָבן, טאָ זאָג אים, אַז איך וועל טויטן מיין יונגן מאַן אין דער ערשטער נאַכט."

אויסגעהערט דעם הארעמדינער, האָט זיך דער סולטאַן אָנ־גערופֿן צום וויזיר:

„גריס דיין מלך און זאָג אים, אַז מיין טאָכטער וויל נישט חתונה־האָבן."

האָט זיך דער וויזיר מיט זיינע וועגלייט אומגעקערט צוריק אין זייער שטאָט און דאָרט האָבן זיי מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ מיטגעטיילט דעם מלך פֿון דעם אַלעם, וואָס מיט זיי איז געשען. אַז דער מלך האָט עס דערהערט, איז ער באַלד אַריינגעפֿאַלן אין גרויס גרימצאָרן און האָט געהייסן צונויפֿרופֿן זיינע חילות, אָבער דער וויזיר האָט זיך אָנגערופֿן צו אים:

„טו דאָס נישט, אָ, גרויסער מלך, ווייל דער סולטאַן איז נישט שולדיק. שולדיק איז זיין טאָכטער און נישט ער, און זי האָט געזאָגט, אַז אויב איר פֿאָטער וועט זי צווינגען חתונה־

זו-האָבן, וועט זי טויטן איר יונגן מאַן אין דער ערשטער נאַכט.
דערהערט דיזאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער מלך שטאַרק דערשראָקן פאַר דעם צושטאַנד פון זיין זון און ער האָט געזאָגט:
„אויב איך וועל אָנהויבן אַ קריג מיט איר פאָטער און וועל זי נעמען אין געפאַנגענשאַפט, וועט זי זיך מאַכן אַ טויט."
און ער האָט דערציילט דעם זון פון דער לאַגע, און דער פרינץ האָט געזאָגט מיט טרערן אויף די אויגן:
„אָ, מיין פאָטער! זאָלסט וויסן, אַז איך קאָן אָן איר נישט לעבן. וועל איך מיך אַוועקלאָזן צו איר און וועל אָנקוקן איר געשטאַלט. איך וויל זען איר אויג און איר שמייכל, כאָטש דאָס מעג מיר קאָסטן דאָס לעבן. אָבער איך וועל זיכער טאָן אַזוי."
האָט אים דער פאָטער געפרעגט:
„אָבער ווי אַזוי וועסטו עס אויספירן? ווי אַזוי וועסטו פאָרן צו איר."
האָט דער פרינץ געזאָגט:
„איך וועל קומען אין יענער שטאָט, נאָר פאַרקליידט פאַר א סוחר."
האָט דער פאָטער אַ ווײַלע געטראַכט און נאָכדעם געזאָגט:
„אויב דאָס איז דיין פאַרלאַנג, וואָס קאָן בשום אופן נישט געבראָכן ווערן, טאָ טו ווי דו פאַרשטייסט. אָבער נעם מיט דעם וויזיר און אַזיזין."
און דער פאָטער האָט גענומען געלט און געקויפט דעם זון פאַרשידענע סחורות פאַר הונדערטטויזנט גאָלדשטיק און האָט אים געזאָגט, ווי אַזוי זיך צו פירן אין וועג.
און אַז עס איז געוואָרן נאַכט, איז דער פרינץ אַוועק צו אַזיזין און דאָרט געשלאָפן. אָבער זיין האַרץ האָט אַזוי געברענט פאַר ליבע, אַז ער האָט נישט געקאָנט צו מאַכן מיט אַן אויג און ער האָט אויך נישט געקאָנט נישט עסן, נישט טרינקען. ער האָט נאָר געטראַכט פון זיין געליבטער און געוויינט, און אַזיז, קוקנ-דיק אויף אים, האָט אויך געוויינט.
אינדערפרי איז טאַדזש-על-מולוק אַוועק צו זיין מוטער און אַז די מוטער האָט אים דערזען, האָט זי געפרעגט, וואָס איז

מיט אים געשען? דעמאָלט האָט ער איר דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אויפן האַרצן.

אויסגעהערט זיינע רירנדיקע ווערטער, האָט זי אים גע-געבן פופציקטויזנט גאָלדשטיק און האָט זיך זייער הייס צוזעגנט מיט אים, און אַז ער איז אַוועק, האָט זי לאַנג געבעטן צו גאָט, ער זאָל באַהעפטן איר זון מיט זיין געליבטע.

נאָכדעם איז דער זון אַוועק צום פאָטער בעטן אַ דערלוי-בעניש אַרויסצופאָרן פון שטאָט. האָט אים דער מלך געגעבן אַ דערלויבעניש און אויך פופציקטויזנט גאָלדשטיק און געהייסן, ער זאָל זיין קלוג און פאָרזיכטיק אין וועג. און אזוי האָט זיך דער פּרינץ אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. אויפן וועג האָט ער זיך אָנגערופן צו אזיזן:

„אָ, מיין ברודער, איך וואָלט זיך נישט געקאָנט שיידן מיט דיר."

און אַזיז האָט אים געענטפערט דערויף:

„דאָס אייגענע טראַכט איך אויך שטענדיק. איך וואָלט גערן געשטאָרבן ביי דיינע פיס, אָבער טיילמאָל באַאומרויקט מיך דער געדאַנק וועגן מיין מוטער."

האָט דער פּרינץ געזאָגט:

„אַז עס וועט מקוים ווערן דאָס, וואָס מיר ווילן, וועט שוין אַלץ זיין גוט. קאָנסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן."

דער וויזיר האָט געראָטן דעם פּרינץ, ער זאָל זיין פריי-לאַך און געדולדיק און אַזיז האָט אים דעקלאַמירט לידער און האָט אים פאַרציילט פאַרשידענע געשיכטעס און פאַסירונגען.

טאָג און נאַכט זיינען זיי געפאָרן צוויי חדשים צייט אָן אַן אָפּשטעל. דער פּרינץ איז מיד געוואָרן פון אַזאַ לאַנגער נסיעה, אָבער די קראַפט פון זיין ליידנשאַפט. דאָס פייער פון זיין ליבע איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן און אַז זיי זיינען, צולעצט, געקו-מען אין דער שטאָט פון דער סולטאַנין דוניע, האָט דער פּרינץ אויפגעהויבן די הענט צום הימל און זיך גליקלאַך צולאַכט, און זיין וויי און צער זיינען מיט אַמאָל געלינדערט געוואָרן. אין שטאָט זיינען זיי אַריין ווי איבערגעטאָנענע סוחרים, און אַז זיי זיינען

אַריינגעפּאָרן אין אַ גרויסן כּאַן, האָט טאַדזש-על-מולוק געפרעגט:
„אָ, מיינע חשובע לייט, וואוינען דאָ סוחרים?״
האָבן זייטיקע מענטשן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און אַזיז האָט זיך אָנגערופן:
„מיין האַר, דאָס איז נישט יענער כּאַן, וואו איך האָב מיך פריער אָפּגעשטעלט, בשעת איך בין געפאָרן מיטן קאַראַוואַן. דער־דאָזיקער כּאַן איז אַ בעסערער און אַ רייכערער.״
האָבן זיי געלאָזט אָפּרוען די מולאייזלען און געבראַכט אין אָרדנונג די סחורות און אַליין האָבן זיי אויך אויסגערוט פיר טעג.
לויט דעם וויזירס עצה, האָבן זיי אָנגעדונגען אַ רייכע וואוינונג מיט אַ סך צימערן, וואו מען האָט געקאָנט מאַכן בעלער און איינלאַדן אַ סך געסט. דער פרינץ האָט אָבער קיין אַרבעט נישט געהאַט און עטלאַכע שעה אין טאָג פלעגט אים זיין זייער אומעטיק, האָט דער וויזיר געטראַכט פון עפּיס אַ מיטל, ווי אַזוי צו באַפרייען דעם פרינץ פון זיין מרה־שחורה און דעמאָלט איז אים איינגעפאַלן צו עפענען אַ גרויס געשעפט פון די טייערסטע געוועבן אין אַריינציען דעם פרינץ אין דער אַרבעט פון געשעפט. און איינמאָל האָט ער זיך אָנגערופן צו טאַדזש־על־מולוק און צו אַזיזן:
„אויב מיר וועלן אַזוי לעבן, וועלן מיר נישט דערגרייכן אונזער ציל. אָבער איך האָב זייער אַ גוטן פּלאַן, אויב אַלאַ וועט אונז נאָר באַהילפיק זיין דערין.״
און זיי האָבן געענטפערט:
„טו, ווי דו פאַרשטייסט, וואָרום מענטשן אין דיינע יאָרן זיינען שטענדיק קלוג און באַדאַכט און מיר וועלן דיר שטענדיק פאָלגן.״
דעמאָלט האָט זיך דער וויזיר אָנגערופן צום פרינץ:
„אָ, מיין האַר, איך מיין, אַז דו באַדאַרפסט עפענען אין מאַרק אַ געשעפט פון טייערע געוועבן. די טייערע געוועבן און דיין שיינקייט וועלן צוציען די רייכסטע קונים, און דעמאָלט וועט אונז זיכער גאָט אַרויספירן אויפן רעכטיקן וועג. אַזיז וועט

זיין דיין משרת און וועט זיצן מיט דיר אין געשעפט."
דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט טאַדוש-על-מולוק גע-זאָגט:

„דאָס געפעלט מיר."

און ער האָט געהייסן זיינע דינער, זיי זאָלן באַלד אָנ-דינגען אין מאַרק אַ געשעפט. אין דעם אייגענעם טאָג זיינען אַלע אַוועק אין מאַרק, און אַז די סוחרים האָבן דערזען דעם פרינץ, האָבן זיי אַלע אין איין קול געזאָגט:

„שוין-זשע האָט דער גן-עדן-דינער פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די טירן פון גן-עדן און אַזוי-אַרום אַרויסגעלאָזט פון דאָרט אַזאַ שיינעם יונגלינג?"

און אַ צווייטער האָט זיך אָנגערופן:

„דאָס איז אודאי אַ מלאך, וואָס איז געקומען פון הימל אויף דער ערד."

אַלע מאַרק־סוחרים האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און מיט רעספעקט באַטראַכט די געסט.

„ווער קאָן זיין דער פאָטער פון אַזאַ גן-עדן-יונגלינג?"— האָבן זיי איינאַנדער געפרעגט.

אָבער דער וויזיר איז צוגעגאַנגען נענטער צו די מאַרק-סוחרים און געזאָגט:

„ווער פון אייך איז דער עלטסטער איבערן מאַרק?"

„אָט דער,"—האָבן אַלע אויפגעהויבן די פינגער און אָנגע-וויזן אויף איינעם.

האָט דער וויזיר געזען, אַז דער, אויף וועלכן די מאַרק-לייט האָבן אָנגעוויזן, איז אַן עלטערער מאַן, זייער אַ סאָלידער. אַרום אים זיינען מיט גרויס דרך-ארץ געשטאַנען זיינע דינער און שיק-יינגלאַך. דעמאָלט האָט דער ראש פון מאַרק זייער העפ-לאַך באַגריסט די געסט און נאָכדעם, ווי ער האָט זיי געבעטן זיצן, האָט ער זיך אָנגערופן:

„אָ, מיינע האַרן און חשובע לייט, זאָגט, צי נויטיקט איר זיך אין אַן עצה, צי אין מעשים?"

און דער וויזיר האָט געענטפערט:

„יאָ, מיין ליבער, איך בין שוין, ווי דו זעסט, נישט יונג, און דאָס זיינען מיינע קינדער און דינער. פון ווייטע וועגן און לענדער זיינען מיר געקומען אַהער און קיין איין שטאָט האָבן מיר נישט דורכגעלאָזט, וואו מיר זאָלן זיך נישט האָבן אָפּגע־שטעלט און וואו מיינע קינדער האָבן זיך אַ יאָר צייט נישט צו־געקוקט צו דעם לעבן פון די דאָרטיקע איינוואוינער. איצט וויל איך מיינע קינדער באַקאַנען מיט דעם לעבן און מנהגים פון דערדאָזיקער שטאָט. דערויף האָב איך איין ריכטיק מיטל: אָנ־דינגען אַ קראָם, עפענען אין מאַרק אַ געשעפט און אַזויאַרום פאַר־בינדן מיינע קינדער מיט דער היגער באַפעלקערונג אויף דעם וועג פון האַנדל. דאָס וועט זיי אַמבעסטן אויסלערנען און אַמ־בעסטן באַקענען מיט דער היגער מאַכמעדאַנישער וועלט.“

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער עלטסטער מאַרק־סוחר געזאָגט:

„איך וועל קיין שאָדן נישט האָבן דערפון. איר טוט זייער גלייך, און אייער פּלאַן געפעלט מיר. זאָל אייך אַלאַ געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין, באַהילפיק זיין דערין.“

און ער האָט זיך לאַנג געפרייט מיט זיינע געסט. נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק זוכן אַ קראָם, און ער האָט מצליח־געווען: אינמיטן מאַרק איז געשטאַנען ליידיק די שענסטע און אָנגעזעענסטע קראָם מיט טייערן מעבל און מיט פּאָליצעס פון העלפאַנדביין און שוואַרצן האָלץ. די קראָם איז באַלד אָנגעדונגען געוואָרן און די שליסלען האָט ער איבערגע־געבן דעם וויזיר מיט דידאָזיקע ווערטער:

„אָ, מיין האַר, זאָל אַלאַ דיר און דיינע זין העלפן פון דער פולער האַנט.“

האָט דער וויזיר צוגענומען די שליסלען און איז באַלד אַריין אין קראָם מיט זיינע דינער, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַהין די סחורות. דריי טעג האָט געדויערט, ביז מען האָט אי־בערגעטראָגן די סחורות. נאָך די דריי טעג זיינען זיי געגאַנגען אין באָד און זיך אָרומגעוואַשן, און אָפּגעזאָגט אַ תּפילה און נאָך דער תּפילה האָט מען געטרונקען וויין און געגעסן די

בעסטע מאכלים. נאָכדעם האָט מען זיך זייער גוט אויסגערוט אויף די געלעגערס.

אויף מאָרגן האָט זיך איבערגעחזרט דאָס אייגענע און אויף איבערמאָרגן אויך. דריי טעג האָט מען געהוליעט און נאָכדעם איז מען געגאַנגען עפענען די קראָם. פאַר דער קראָם האָט מען אויסגעלייגט זיידענע טרעטערס און די שטולן האָט מען באַצויגן מיט אַטלעס און סאַמעט, אויסגעהאַפט מיט גאָלד און זילבער.

טאַדוש-על-מולוק האָט זיך געזעצט אויף איין שטול, אַזיז אויפן צווייטן, דער וויזיר אינמיטן קראָם און די דינער ביי די זייטן, ווי זעלנער. אַ גרויסער עולם האָט זיך געדרייגגט אַרום קראָם און האָט מיט גרויס נייגיר באַטראַכט די זעלטענע וואונדערלאַכע סחורות.

און די גאַנצע שטאָט האָט זיך באַלד דערוואוסט פון די נייע סוחרים און פון דעם אומגעווייגלאַך שיינעם יונגען סוחר, וואָס זיצט אין קראָם, ווי אַ מלך, אויף אַ שטול מיט גאָלד אויס-געהאָפט.

אַזוי זיינען ווידער אַוועק דריי טעג, אַרום קראָם איז שטענ-דיק געשטאַנען אַ גרויסע מחנה מענטשן און אין קראָם האָבן שטענדיק סוחרים געדונגען סחורה און געצאָלט טייערע פרייזן.

דער וויזיר האָט אַלץ געראָטן דעם פרינץ, ער זאָל זיין געדולדיק, און איינמאָל האָט דער פרינץ באַמערקט:

„אָ, מיין ליבער וויזיר, זאָג, אפשר וועט עמיץ קומען פון דער סולטאַנין? מיר האָבן דאָך אַזוינע טייערע געוועבן.“

טאַדוש-על-מולוק האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ קראַנק האַרץ פון ליבע, און ער האָט זיך נישט געקאָנט באַרוהיקן. ביינאַכט פלעגט ער נישט שלאָפן און בייטאָג נישט עסן און פאַר דער צייט איז ער זייער מאָגער געוואָרן, דאָך אָבער איז ער געווען שיין ווי די לבנה און מענטשן האָבן שטענדיק באַוואונדערט זיין שיינקייט.

און איינמאָל, בשעת ער איז געזעסן אין קראָם, האָט ער דער-זען אַן אַלטע פרוי, וואָס איז געגאַנגען מיט צוויי שקלאַפינס. דידאָזיקע אַלטע האָט לאַנג באַוואונדערט דעם פרינצס שיינקייט און נאָכדעם זיך אָנגערופן:

„געבענטשט און געלויבט זאָל זיין יענער, וואָס האָט דיך באַשאַפן. געבענטשט און געלויבט זאָל זיין יענער, וואָס זיין ווערק דערקוויקט אַזוי דעם מענטשנס אויג. דו מוזט זיין אַ מלאך."

נאָכדעם איז זי צוגעגאַנגען נענטער און זיך טיף פאַרנויגט פאַרן פרינץ. האָט דער פרינץ איר געענטפערט מיט אַ שמייכל און אַנידערגעזעצט זי נעבן זיך און באַלד דערויף זי אָפּגעפּאָכט מיטן פעכער. ער האָט אַזוי געטאָן, ווייל אַזוי האָט אים אַזוי מרמז־געווען פון ווייטן.

און אַז די אַלטע האָט אים נאָכאַמאָל אָנגעקוקט, האָט זי זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין זון, דו ביזט בלויז רייץ און שיינקייט. זאָג מיר, דו ביזט אַ היגער?"

האָט ער געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין! דאָסדאָזיקע לאַנד זע איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן און געקומען אַהער בין איך בלויז צוליב דעם, איך זאָל מיך דאָ ווײלן און געניסן פון אַלע תענוגים."

האָט די אַלטע אים ווידעראַמאָל באַטראַכט און געזאָגט:

„ווייז מיר, וואָס פאַר אַ געוועבן האָסטו געבראַכט. ווייז מיר די סאַמע שענסטע געוועבן, ווייל אַ שיינע פרוי באַדאַרף טראָגן שיינע קליידער."

טאַדזש־על־מולוק האָט דידאָזיקע ווערטער נישט פאַרשטאַנען, אָבער דאָס האַרץ האָט אים גענומען קלאַפּן און ער האָט געפילט, אַז עפּיס גוטס וועט דערפון אַרויסקומען. און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אַזיזן, וואָס האָט אים פון ווייטן צוגעוואָרפן סימנים און האָט געזאָגט:

„איך האָב די בעסטע געוועבן, וואָס זיינען ווערט גע־טראָגן צו ווערן פון מלכים און זייערע בת־מלכות. זאָג מיר, פאַר וועמען ווילסטו קויפן געוועבן, וועל איך וויסן וואָס דיר צו ווייזן."

האָט די אַלטע געזאָגט:

„איך זוך אַזוינע טייערע געוועבן, וואָס זאָלן זיך פּאַסטן

צו דער פּרינצעסין דוניאַ, וואָס איז די טאָכטער פונם סולטאַן שאַך-זעמאַן.״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער פּרינץ זייער דערפרייט און ער האָט זיך אָנגערופן צו אַזיזן:

„ברייננ מיר אַהער דאָס בעסטע, וואָס מיר האָבן אין געשעפט.״

האָט אַזיז באַלד געבראַכט די סאַמע בעסטע געוועבן און די אַלטע האָט זיי גוט באַטראַכט און אַרומגעקוקט. נאָכדעם האָט זי אויסגעקליבן אַ שטאָף און אַ פרעג געטאָן דעם פּרייז.

„וויפיל האָב איך צו באַצאָלן פאַר דאָסדאָזיקע שטאָף?״— האָט זי געפרעגט.״

אָבער אַזיז האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויפן האַרצן און געזאָגט:

„שוין-זשע מיינסטו, אַז איך בין שוין אַזוי געפאַלן און געמיין, אַז איך וועל ביי דיר נעמען געלט? ניין, דאָס וועט נישט געשען. איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס ער האָט דיך געשיקט אַהער נאָך געוועבן.״

האָט די אַלטע אויפגעהויבן אירע אויגן און זיך אָנגערופן צו טאַדזש-על-מולוק:

„אָ, מיין גן-עדן-יונגלינג! דו ביזט אַזוי גוט, ווי שיין. גליקלאַך וועט זיין יענע, וואָס דו וועסט זי ליב באַקומען און נאָך גליקלאַכער וועט זי זיין, אויב גאָט האָט איר אויך געשיינקט אַזויפיל שיינקייט, ווי דיר.״

האָט דער פּרינץ זיך פריילאַך צולאַכט און בעת-מעשה געטראַכט: „אָט די אַלטע פרוי קאָן מיך גליקלאַך מאַכן.״

נאָכדעם האָט די אַלטע געפרעגט:

„אָ, זון מיינער, ווי רופט מען דיך?״

און ער האָט געזאָגט:

„מען רופט מיך טאַדזש-על-מולוק.״

האָט זיך די אַלטע שטאַרק פאַרחדושט און געזאָגט:

„דאָס איז דאָך, קינד מיינס, אַ נאָמען פון אַ מלך, און דו ביזט דאָך גאָר אַ סוחר.״

האָט זיך אַריינגעמישט אַזיז און געזאָגט:

„זיינע עלטערן האָבן אים געגעבן דעמדאָזיקן נאָמען, ווייל זיי האָבן אים זייער ליב און ווייל ער איז זייער האָפנונג אין לעבן.“

האָט די אַלטע אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם געזאָגט:

„מעגלאַך, אַז דאָס איז אַזוי. אָבער גאָט זאָל דיך באַשיר־מען פון אַ שלעכט אויג. דו ביזט אַזוי שען, אַז דו קאָנסט אומ־גליקלאַך מאַכן אַ סך מענטשן.“

געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט די אַלטע זיך אויפגעהויבן און זיך צוזעגנט מיט די פאַרשטעלטע סוחרים און נאָכדעם מיט גרויס התפעלות געקומען צו דער פרינצעסין דוניע.

„אָ, מיין האַרין, — האָט זי זיך אָנגערופן צו דער פרינצע־סין, — זע, ס'אַראַ שענע געוועבן איך האָב דיר געבראַכט.“

האָט די פרינצעסין באַטראַכט די געוועבן און זיך צולאַכט פון אַנטציקונג.

„ביי גאָט! — האָט זי אויסגעשריען, — ביי אונז אין שטאָט מאַכט מען נישט אַזוינע געוועבן. איך זע זיי צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן.“

האָט די אַלטע אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין, אָבער דער סוחר פון דידאָזיקע געוועבן איז נאָך טויזנטער מאָל שענער פאַר זיי. בשעת מען קוקט אויף אים, דאַכט זיך, אַז דער גן־עדן־שומר האָט פאַרגעסן צוצומאַכן די טיר פון גן־עדן און דער יונגלינג האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון דאָרטן. איך וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט אים זען, ווייל אין אים קאָן זיך איינליבן יעדע פרינצעסין. געקומען אַהער איז ער בלויז זיך צו ווײַלן אַ ביסל.“

האָט זיך די פרינצעסין ווידער צולאַכט און געזאָגט:

„גאָט וועט דיך באַשטראָפן פאַר די ווערטער, זינדיקע פרוי. דו ווילסט מיך, זע איך, פאַרפירן. אַלטיטשקע, איך וויל נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן די געוועבן.“

האָט איר די אַלטע דערלאַנגט די געוועבן און די פרינצעסין האָט זיך נישט געקאָנט אָפּחדושן פון זיי. זי האָט נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געזען אַזוינע געוועבן, און די אַלטע

האָט געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין, ווען דו וואָלסט בעסער אַ קוק געטאָן אויפן יונגן סוחר, וואָלסטו אַליין מודה-געווען, אַז די האָסט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שיינעם יונגלינג און אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז נישט פאַראַן נאָך איינער מיט אַזאַ געזיכט און אַזוינע אויגן.״

האָט דוניע געזאָגט:

„האָסטו אים אפשר געפרעגט, וואָס ער פאַרלאַנגט און וואָס ער ווינשט זיך און אַז דו וואָלסט אים געקאָנט צופרידנשטעלן זיין וואונש?״

האָט די אַלטע אַ קוש געטאָן איר האַנט און געזאָגט:

„זאָל דיך גאָט בענטשן פאַר דיין שׂכל. שוין-זשע זיינען פאַראַן מענטשן אָן פאַרלאַנגען? יעדער מענש האָט עפּיס אַ וואונש, אַ פאַרלאַנג, אַ באַגער.״

„טאָ גיי צו אים,—האָט די פּרינצעסין געזאָגט,—באַגריס אים פון מיינטוועגן און זאָג, אַז איך בין גרייט צו דערפילן זיין פאַרלאַנג, אויב ער האָט, נאַטירלאַך, עפּיס אַ שיינעם פאַרלאַנג.״

איז די אַלטע אַוועק צו טאַדזש-על-מולוק, און אַז ער האָט זי דערזען, האָט אים אָנגעהויבן שפּרינגען פון שמחה דאָס האַרץ. האָט ער זיך באַלד אויפגעהויבן פון אָרט און זי אָנגענומען ביי דער האַנט און אַוועקגעזעצט זי נעבן זיך, און די אַלטע האָט אים איבערגעגעבן דער פּרינצעסינס ווערטער.

האָט אין אים גענומען ציטערן דאָס בלוט פון שמחה און ער האָט זיך אָנגערופן צו דער אַלטער:

„אָ, מיין ליבע זקנה, אפשר וואָלסטו זיך אונטערגענומען איבערצוגעבן איר מיינעם אַ בריף און ברענגען אויך אַן ענטפער?״

האָט די אַלטע זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

„איך הער און געהאָרך״.

דעמאָלט האָט ער געהייסן אַזיזן, ער זאָל אים ברענגען טינט און פעדער און פּאַפּיר.

אַזיז האָט עס תּיכף געבראַכט און טאַדזש-על-מולוק האָט אָנגעשריבן אַ ליד:

„איך שרייב אַ בריף דיר, שיינע געטין מיינע,
און וועלכן איך דערצייל דיר פון מיין בייַנקשאַפט.
זאָלסט וויסן, טייערע, עס זיינען לאַנג די נעכט
און מיינע אויגן קוקן שטאַר אין חושך,
און גרויס און ביטער איז מיין וויי און צער,
און לער און ליידיק איז מיין הייסער אָרעם.
פון ליבע איז מיין האַרץ פאַרברענט געוואָרן,
פון טרערן האָט מיין אויג שוין אויסגעטריקנט.
נאָר וואו, און ווען און וועל איך דיך קאָנען זען,
אָ, זאָג מיר, מאַך מיך גליקלאַך מיט דיין ענטפער."

און אונטערן ליד האָט ער צוגעשריבן: „דעמדאָזיקן בריף האָט געשריבן דערייעניקער, וואָס איז געפאַנגען געוואָרן פון זיינע פייערדיקע גלוסטן, וואָס פייניקט זיך ערגער ווי אין אַ תּפיסה און וואָס קאָן אויסגעלייזט ווערן פון זיינע יסורים נאָר דורכן ליכט פון דיינע אויגן און דורכן שיין פון דיין שמייכל. שיינק מיר די קלענסטע האָפנונג—און איך וועל באַלד גענעזן ווערן. געוואַר מיך אַפילו—דאָס וועט מיך אויך קרעפטיקן."

נאָכדעם האָט ער צוזאַמענגעלייגט דעם בריף און אים דערלאַנגט דער אַלטער מיט דידאָזיקע ווערטער:

„איך בעט דיך, גיב עס איבער אין די הענט פון דער פרינצעסין."

„איך הער און געהאָרך", — האָט זי געזאָגט.

דעמאָלט האָט דער פרינץ אַרויסגענומען טויזנט גאָלדשטיק און געזאָגט:

„דאָס שיינק איך דיר."

האָט אים די אַלטע געבענטשט דערפאַר און געדריקט אים די האַנט און לאַנגזאַם אַרויס פון קראָם. אָבער געגאַנגען איז זי זייער שנעל, און אַז זי איז געקומען אין פּאַלאַץ, האָט איר די סולטאַנין דוניע געפרעגט:

„נו, זאָג מיר, וואָס פאַרלאַנגט ער פון מיר?"

האָט די אַלטע אַרויסגענומען דעם בריף און געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין, ער האָט דיר געשיקט אַ בריף. איך ווייס

אָבער נישט, וואָס ער שרייבט דיר, מיין טייערע."

האָט די סולטאַנין איבערגעלייענט דעם בריף און אַ געשריי געטאָן:

„איך פרעג דיך, ווי אַזוי דערוועגט ער זיך, אַ פשוטער סוחר, צו שרייבן מיר בריף? ווען איך וואָלט מיך נישט געשראָקן פאַר גאָט, וואָלט איך געהייסן פאַרברענען זיין קראָם."

האָט די אַלטע אויפגעהויבן די אויגן און געפרעגט:

„אָ, מיין האַרין, זאָג מיר, וואָס שרייבט ער דיר און וואָס ביזטו אַזוי בייז געוואָרן. קלאָגט ער זיך דען אויף זיין לאַגע, אָדער ער בעט, מען זאָל אים באַצאָלן פאַר זיינע געוועבן?"

אָבער די סולטאַנין האָט זיך נאָך העכער צושריען:

„וויי צו דיר, דו שלעכטע אַלטע פרוי! ער שרייבט דאָ גאָרנישט וועגן די געוועבן און באַקלאָגט גאָרנישט זיין מזל. ער רעדט דאָ בלויז וועגן זיין ליבע צו מיר. ער שרייבט דאָ גאָר, אַז ער האָט מיך ליב, און דערין ביזטו מסתמא שולדיק, וואָרום ווען נישט דו, וואָלט ער זיך גאָרנישט דערוועגט צו שרייבן אַ סולטאַנין פון אַזעלכע זאַכן."

האָט די אַלטע אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן האַרצן און געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין! דו וואוינסט אין אַזאַ הויכן פּאַלאַץ, אַז אַפילו אַ פייגל וועט אַהער נישט דערפליען. אַלאַ וועט דיר מוחל זיין דידאָזיקע ווערטער, וואָס דו האָסט נאַר-וואָס גערעדט. אָבער איך פרעג דיך, וואָס האָסטו מורא? און וואָס בין איך שולדיק מיטן בריף, וועלכן איך האָב גאָרנישט געלייענט? איך מיין אָבער, אַז מען באַדאַרף אים ענטפערן. שרייב אים, אַז אַ פּראָסטער סוחר קאָן נישט מאַכן אַ ווענדונג צו אַ סולטאַנין אין דער פאָרם פון אַ בריף, אַז דו ווילסט אים נישט קענען און אַז ער וועט זיך באַצאָלן מיטן לעבן, אויב ער וועט זיך ווייטער דערוועגן צו קלערן און צו שרייבן פון זיין ליבע צו דיר."

אָבער די סולטאַנין האָט שטיל געזאָגט:

„איך וויל אים נישט שרייבן, וואָרום דאָס וועט אים געבן אַ מעגלאַכקייט, ער זאָל זיך נאָכאַמאָל ווענדן צו מיר."

האָט די אַלטע דערויף באַמערקט:

„אָ, מיין האַרין, אַז ער וועט באַקומען אַזאַ בריף, וועט ער זיכער אַרויסוואַרפן פון קאָפּ די אַלע נאַרישקייטן און די זאַך וועט בשלום געענדיקט ווערן."

דעמאָלט האָט זיך די סולטאַנין אָנגערופן:

„ברייגג מיר פּאַפּיר, טינט און פעדער."

און אַז דאָס איז דערלאַנגט געוואָרן, האָט זי אָנגעשריבן דאָסדאָזיקע ליד:

„דו, מאַן פון ליידנשאַפט און נעכט אָן שלאָף,
פון גרויסן צער און שווערע ליבע־ווייען —
דו קלאַפּסט אומזיסט אין פרעמדע שווייגנדיקע טירן.
פאַרלעש דיין ליבע־פייער, ס'איז אומזיסט:
דו ווייסט די שטערן קיינמאָל נישט דערגרייכן
און די לבנה איז אויך וויַיט פון דיר."

אָנגעשריבן דאָס ליד, האָט זי עס איבערגעגעבן דער אַלטער מיט דידאָזיקע ווערטער:

„טראָג אים אַוועק און זאָג אים דאָרטן, ער זאָל זיך אויפפירן אָרטיק און שטיל."

האָט די אַלטע געזאָגט:

„איך הער און געהאָרך."

נאָכדעם האָט זי גענומען דעם בריף און איז אַוועק אַהיים שלאָפן. אויף מאָרגן אינדערפרי איז זי געקומען צו טאַדוש-על-מולוק, וואָס האָט שוין געוואַרט אויף איר און וואָס זיינע הענט האָבן גענומען ציטערן, בשעת ער האָט זי דערזען. ער האָט זי באַלד אַוועקגעזעצט אויף איינעם פון די שענסטע שטולן און געפרעגט:

„נו, וואָס האָסטו מיר געבראַכט?"

האָט זי אים דערלאַנגט דעם בריף און געזאָגט:

„וויסן זאָלסטו, אַז די סולטאַנין איז זייער בייז געווען, ווען איך האָב איר דערלאַנגט דיין בריף און ערשט שפּעטער, אַז דער כעס איז איר אַריבער, האָט זי באַוויליקט אָנצושרייבן דעמדאָזיקן בריף. נאַ, לייען."

האָט דער פּרינץ צוגענומען דעם בריף און האָט לאַנג געקוקט מיט גליקלאַכע אויגן אויף דער אַלטער. נאָכדעם האָט ער געהייסן אַזיזן, ער זאָל איר געבן פּאַר איר טרחה צוויי-טויזנט גאָלדשטיק און ערשט דעמאָלט האָט ער איבערגעלייענט דעם בריף. אָבער באַלד דערויף האָבן אים גענומען טריפן גרויסע טרערן פון די אויגן און הענט און פיס האָבן אים גענומען ציטערן. און ווי די אַלטע האָט עס דערזען, האָט זי מיט אים גרויס מיטלייד באַקומען און האָט געפרעגט:

„אָ, מיין זון, וואָס איז געשען, אַז דו וויינסט אַזוי?"

„אָ, מיין גוטע אַלטיטשקע,—האָט ער זיך אָפּגערופן,—זי איז זייער בייז אויף מיר, די סולטאַנין, וואָס איך לי ליב און וואָס איך טראַכט פון איר. אָבער איך פרעג דיך, קלוגע אַלטע, צי קאָן איך נישט טראַכטן פון איר? איך וועל איר ענטפערן, אַז זי זאָל טאָן מיט מיר, וואָס זי וויל."

האָט זיך די אַלטע אויפגעהויבן און געזאָגט:

„עס מעג מיר קאָסטן דאָס לעבן, איך מעג פאַרפאַלן ווערן אין גיהנם, אָבער איך מוז מאַכן אַזוי, אַז דיין יוגנט זאָל נישט אַריינפאַלן אין מרה-שחורה און דיין ווי זאָל געלינדערט ווערן. הער, מיין זון, פאַל נישט אַראָפּ פון מוט."

דעמאָלט האָט טאַדוש-על-מולוק, זייער גערירט, געזאָגט:

„טייערע מוטער! איך ווייס, אַז דו קאָנסט מיך גליקלאַך מאַכן, אָבער מיין דאַנקבאַרקייט, וואָס איך שפּיר צו דיר, איז נאָך צענטויזנט מאָל גרעסער פאַרן גליק, וואָס דו קאָנסט מיר געבן."

נאָכדעם האָט ער גענומען פּאַפּיר און טינט און האָט אָנגעשריבן דאָסדאָזיקע ליד:

אָ, הימלליכט, איך בין דיין קנעכט אויף אייביק.
האָסט פרייע הענט און קאָנסט זאָגאַר מיך טויטן.
איך שרעק מיך נישט דערפאַר: איך האָב דיך ליב:
אין ליבע איז דער טויט אַפילו זיס."

אָנגעשריבן דאָס ליד, האָט ער זיך צעוויינט פון דאָסניי, נאָכדעם האָט ער אויסגעווישט זיך די טרערן און דערלאַנגט דער

אַלטער דאָס ליד מיט דידאָזיקע ווערטער:

„נאַ, טראָג עס איר אַוועק."

און די אַלטע האָט געזאָגט:

„זיי גליקלאַך און רוהיק. דיין באַגער וועט פאַרווירקליכט ווערן."

און די אַלטע איז תיכף אַוועק אין פּאַלאַץ אַריין, וואו זי האָט געטראָפן די סולטאַנין זייער אַ בייזע און אַ פאַרקומערטע. אָבער אַז זי האָט איר דערלאַנגט דעם בריף, איז די סולטאַנין נאָך בייזער געוואָרן, און זי האָט זיך אָנגערופן:

„האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז מיר וועלן קיין רו נישט האָבן פון דעם סוחר?"

אָבער די אַלטע האָט געפרעגט:

„שוין-זשע קאָן אַ פּראָסטער הונט האָפן, אַז דו זאָלסט אים אַמאָל שיינקען דיינעם אַ בליק?"

איז די סולטאַנין רויט געוואָרן פון גרימצאָרן און געזאָגט:

„גיי אַריבער צו אים און זאָג אים דאָרטן, אַז אויב ער וועט זיך נאָכאַמאָל דערוועגן אָנצושרייבן מיר אַ בריף, וועל איך דיר אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ."

„שרייב עס אים בעסער אָן,—האָט די אַלטע געזאָגט,— פאַר אַ בריף וועט ער זיך מער דערשרעקן, איידער פאַר מיינע ווערטער."

האָט די סולטאַנין גענומען טינט און פּאַפּיר און אָנגעשריבן דאָסדאָזיקע ליד:

„דו האָסט דעם שכל, קענטיק, לאַנג פאַרלאָרן
און שרייבסט מיר בריף ווי מענטשן פון אַ דולהויז.
צי מיינסטו, אַז מיין יונגע שלאַנקע טאַליע
וועט שטיל און זיס זיך רעגן אין דיין אָרעם?
אָ, זאָל דיין האַנט זיך קיינמאָל נישט דערוועגן
צי שרייבן מיר פון דיינע ליבע־אַנגסטן.
איך גרייט פאַר דיר די גרעסטע האַרבסטע שטראָפן.
דיין יינגער קאָפּ וועט ווערן ווייס פון זיי.

און ווי די סולטאַנין האָט איבערגעגעבן דאָסדאָזיקע ליד

דער אַלטער, איז די אַלטע באַלד אַרויס פון פּאַלאַץ און איז מיט שנעלע טריט אַוועק צום אומגליקלאַכן פרינץ.

אַז טאַדוש-על-מולוק האָט זי דערזען, האָט ער זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

„דו מעגסט מיר טראָגן די סאַמע שרעקלאַכסטע ידיעות, אָבער איך בעט גאָט, איך זאָל דיך שטענדיק קאָנען זען פאַר מיינע אויגן."

האָט אים די אַלטע דערלאַנגט דעם בריף און געזאָגט:

„נאַ, לייען. דאָס איז דער סולטאַנינס בריף."

האָט ער איבערגעלייענט דעם בריף און זיך ביטער צעוויינט און געזאָגט:

„אָ, אַלאַ! איצט האָב איך בלויז איין פאַרלאַנג: עמיץ זאָל מיר דערהרגענען, ווארום איידער אַזאַ לעבן, איז שוין גלייכער דער טויט."

נאָכדעם האָט ער גענומען פּאַפּיר, טינט און פעדער און האָט אָנגעשריבן דאָסדאָזיקע ליד:

„אָ, הימלליכט, זיי גוט צו דיין געליבטן
און שיינק זיין מידן קאָפּ דעם ציטער פון דיין שוים.
נעם־צו פון אים דעם ווייטאָג און די אַנגסטן
און זאָל ער איינמאָל זיס געניסן פון דיין לייב.
זיי גוט צו אים און בענטש אים מיט דיין אָרעם
און מאַך אים זיס די טרערן מיט אַ קוש."

נאָכדעם האָט ער צונויפגעלייגט דאָס פּאַפּיר און פאַרזיגעלט און איבערגעגעבן עס דער אַלטער מיט דידאָזיקע ווערטער:

„אָ, מיין מוטער, וואָס וועט קומען נאָך דעמדאָזיקן בריף?"

אויף טאַדוש-על-מולוקס באַפעל האָט די אַלטע באַקומען פון אַזיון טויזנט גאָלדשטיק, און זי האָט געזאָגט:

„אָ, מיין זון, איך שווער דיר ביי גאָט, אַז איך ווינש דיר בלויז גליק און איך וואָלט זייער געוואָלט, דו זאָלסט זיך באַהעפטן מיט איר, ווייל דו ביזט שיין, ווי די פולע לבנה און זי — ווי די אויפגייענדיקע זון. און אויב מיר וועט געראָטן אייך צו באַהעפטן, וועל איך וויסן, אַז איך מעג רואיק שטאַרבן, מיין

לעבן איז געווען אַ פֿאַלש און שווער לעבן, אָבער איצט, צו ניינציק יאָר, וואָלט איך געוואָלט טאָן כאָטש איין גוטע זאַך אויף דער וועלט: באַהעפֿטן איך אייגענעם.״

נאָך דידאָזיקע ווערטער איז זי אַוועקגעגאַנגען.

געקומען אין פּאַלאַץ, האָט זי פֿאַרבאַהאַלטן דעם בריף אין די האָר, און אַז זי האָט דערזען די סולטאַנין, האָט זי זיך אָנגערופֿן:

„אָ, מיין האַרין! איך וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט מיר אויסצוואָגן דעם קאָפּ, ווייל איך בין שוין לאַנג אין באָד נישט געווען.״

האָט די סולטאַנין פֿאַרקאַטשעט די אַרבל ביז די עלנבויגן און פֿאַנאַנדערגעלאָזט דער אַלטער די האָר. אין דער אייגענער רגע איז פֿון די האָר אַרויסגעפֿאַלן עפּיס אַ ווייס פּאַפּירל, און די סולטאַנין האָט געפֿרעגט:

„אָ, מיין אַלטע, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּאַפּירל?״

האָט די אַלטע אַ קוק געטאָן דערויף און געזאָגט:

„מסתּמא אַריינגעפֿאַלן מיר אין די האָר, בשעת איך בין געזעסן אין דער קראָם פֿון די געוועבן. גיב דאָס מיר אַהער, וועל איך עס אומקערן דעם באַלעבאָס.״

אָבער די סולטאַנין האָט שוין פֿאַנאַנדערגעוויקלט דאָס פּאַפּיר און דורכגעלייענט דאָס ליד און אויסגעשריען:

„איך קאָן דיך, אַלטיטשקע! דאָס זיינען דיינע שפּיצלאַך. ביי גאָט, ווען דו וואָלסט מיך נישט אויסגעהאָדעוועט, וואָלסטו איצט געלעגן טויט ביי מיינע פֿיס. די גאַנצע אומרוהיקייט פֿון דעם סוחר שטאַמט פֿון דיר. איך ווייס נישט, פֿון וואָסער לאַנד דערדאָזיקער מאַן איז געקומען אַהער און איך האָב מורא, אַז דאָס וועט זיך ענדיקן שלעכט. ווי אַזוי דערוועגט ער זיך צו שרייבן מיר אַזוינס?״

אָבער די אַלטע האָט רוהיק געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין, זאָל עס דיר גאָרנישט קלעמען. און דו וועסט זיכער נישט טאָן קיין נאַרישקייט און קיין שלעכטס, ווען דו וועסט אים ענטפֿערן, קיינער וועט דערפֿון נישט וויסן און

דו וועסט טאָן אַ גוטע זאַך.״

האָט די סולטאַניז דוניע אַ ווײַלע געטראַכט און נאָכדעם געזאָגט:

„ניין, דו האָסט אַ טעות. דאָס קאָן זיך ענדיקן זייער שלעכט. דער סולטאַן קאָן זיך דערוויסן, און דעמאָלט וועט ער אים זיכער אַראָפּהאַקן דעם קאָפּ. דער סולטאַן איז נישט געוויינט צו פאַרשווייגן אַזוינע זאַכן.״

אָבער די אַלטע האָט זיך אָנגערופן:

„ווייסטו וואָס, נעם און שרײַב עס אים אָן. אפשר וועט ער קומען צום שׂכל און וועט דיך פאַרגעסן.״

האָט די סולטאַנין נאָכאַמאָל גענומען טינט און פּאַפּיר און האָט אָנגעשריבן די פאָלגענדיקע פערזן:

וואָס צווינגסטו מיך, צו שרייבן דיר אָן אויפהער,
וואָס גייסטו אויף אַ פאַלשן שלעכטן וועג?
אָ, טייוועל, וויס, איך וואָרן דיך פון ווייטן:
עס וואַרט אויף דיר די בייזע האַנט פון טויט.
פּאַרציען וועט אַ שטריק דיין יונגן האַלז
און נערן וועט די ערד זיך מיט דיין בלוט.

אָנגעשריבן דידאָזיקע פערזן, האָט די אַלטע זיי גענומען און אַוועקגעטראָגן צו טאַדזש-על-מולוק, און אַז יענער האָט זיי איבערגעלייענט, האָט ער זיך איבערצייגט, און ער גייט באמת אויף אַ פאַלשן וועג און אַז מיט אַזוינע מיטלען וועט ער זי נישט דערגרייכן.

דעמאָלט איז ער אַוועק צום וויזיר און האָט זיך מיט אים מישב-געווען וואָס צו טאָן. האָט דער וויזיר אַ ווײַלע געטראַכט און נאָכדעם זיך אָנגערופן:

„האָסט איין אויסוועג, מיין זון. דו באַדאַרפסט איר אָנשרייבן נאָך איין בריף, אין וועלכן דו זאָלסט בעטן גאָט, ער זאָל זי האַרב באַשטראָפן.״

אויסגעהערט דידאָזיקע עצה, האָט דער פּרינץ זיך געווענדט צו אַזיזן און געזאָגט:

„ברודער אַזיז, שרייב דו, אַנשטאָט מיר.״

האָט אַזיז גענומען טינט און פעדער און אָנגעשריבן די-דאָזיקע פערזן:

איך בעט צו גאָט, דײַן שײַנקײַט זאָל פאַרװעלקן,
און װי אַ פײַל זאָל טרעפן דיך מײַן קללה,
דו זאָלסט, װי איך, בײַנאַכט נישט קאָנען שלאָפן
און קוקן זאָל דײַן אויג מיט שװערן אומעט,
און װאו דו זאָלסט נישט גײן, זאָלסטו נאָר קללות טרעפן,
אָ, זאָל פאַרשאָלטן װערן דײַן געבײן!

אָנגעשריבן דידאָזיקע פערזן, האָט זײ אַזיז איבערגעגעבן צו טאַדזש-על-מולוק און יענער האָט אײַנגעפונען, אַז זײ זײַנען גוט און האָט זײ איבערגעגעבן דער אַלטער און די אַלטע האָט זײ באַלד אַװעקגעטראָגן דער סולטאַנין.

אָבער אַז די סולטאַנין האָט זײ איבערגעלײענט, איז זי אַרײַנגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן און האָט אויסגעשריען:

„אָ, מכשפה, דו ביזט די סיבה פון אַלץ, װאָס דאָ איז געשען."

און באַלד דערויף האָט זי צונויפגערופן אירע שקלאַפינס און הארעמדינער און האָט זיך אָנגערופן צו זײ:

„נעמט דידאָזיקע פאַלשע זקנה און שלאָגט זי גוט אָן מיט אײַערע שיך."

איז מען זי באַלד באַפאַלן און געשלאָגן אַזוי לאַנג, ביז זי האָט פאַרלאָרן דאָס באַװאוסטזײַן. אָבער אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט איר די סולטאַנין דוניע געזאָגט:

„אַך, דו שלעכטע זקנה! װען איך װאָלט מיך נישט גע-שראָקן פאַר גאָט (געבענטשט און געלויבט זאָל ער זײַן), װאָלט איך דיך אויפן אָרט דערהרגעט. שלאָגט-זשע זי נאָך, װאָס שװײַגט איר!"—האָט זי זיך געװענדט צו אירע דינער און שקלאַפינס.

האָט מען פון דאָסנײַ גענומען שלאָגן דער אַלטער, ביז זי איז װידעראַמאָל געפאַלן אין חלשות. נאָכדעם האָט מען זי אויפ-געהויבן און אַרויסגעװאָרפן דורך דער טיר. לאַנג איז זי געלעגן אין חלשות, אָבער אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אַװעק צו טאַדזש-על-מולוק.

זי האָט נישט געקאָנט גיין און ווײַלעווײַז האָט זי זיך צוגעזעצט אויף די גאַסשטיינער. מיט גרויס מי און אָנשטריינגונג האָט זי זיך דערשלעפּט צום יונגן פּרינץ און האָט אים דערציילט פון אַלץ, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט. איז דער פּרינץ זייער צומישט געוואָרן פון אירע רייד און ער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין מוטער, דיין געשיכטע האָט מיר פאַרשאַפט גרויס אַנגסט, אָבער וויסן זאָלסטו, אַז אַלץ אויף דער וועלט פּאַסירט לויטן רצון פון אַלמעכטיקן אַלאַ.”

אַ ווײַלע איז די אַלטע געזעסן אָן ווערטער און נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

„אָ, מיין זון, גליקלאַך זאָלסטו זיין! געדיינק, וואָס איך זאָג: איך וועל נישט רוהען, ביז איך וועל נישט אויספירן מיינס און איך זאָג דיר: דידאָזיקע שלעכטע פרוי וועט ליגן אין דיין אָרעם. קלעפּ און יסורים וועלן מיך נישט אָפּהאַלטן און נישט אָפּשרעקן.”

דעמאָלט האָט דער פּרינץ זי געפרעגט:

„זאָג מיר, איך בעט דיך, פאַרוואָס האָט זי פיינט מאַנסלייט?”

האָט די אַלטע פאַרקנייטשט דעם שטערן און געענטפערט:

„זי האָט פיינט באַקומען מאַנסלייט נאָך אַ שווערן חלום, וואָס האָט זיך איר געחלומט.

האָט דער פּרינץ געפרעגט:

„קאָנסטו מיר אפשר זאָגן, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ חלום?”

דעמאָלט האָט די אַלטע דערציילט:

„איינמאָל האָט זיך איר געחלומט אַזאַ חלום: אַ פייגל-פאַנגער האָט פאַרשפּרייט זיין נעץ צו כאַפּן פייגל, און אַליין האָט ער זיך פאַרבאָרגן אונטער אַ בוים. אין נעץ זיינען, נאַטיר-לאַך, געלעגן אַ סך אָנגעשאָטענע קערנער. זיינען געקומען צו פליען אַ סך פייגל צו דערדאָזיקער נעץ און צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען אַ פּאָר טייבעלאַך—אַן ער און אַ זי. האָט דער ער אַרייַנגעשטעקט זיין פּיסל אין נעץ און גענומען פּאַטשן מיט די פליגלאַך פון שרעק, זיינען אַלע פייגל זיך צולאָפן. אָבער די זי האָט זיך אומגעקערט צו איר געליבטן און האָט מיטן שנאָ-בעלע אַזוי לאַנג געפּיקט דעם פאָדעם פון נעץ, ביז ער האָט

זיך באַפרייט דאָס פֿיסל און ביידע זייגען באַלד אַוועקגעפלויגן. דעמאָלט האָט דער פֿייגלפאַנגער פאַרריכט די נעץ און זיך אַנידערגעזעצט עטוואָס ווייטער. זייגען זיך פון דאָסניי צונויפגעפלויגן די פֿייגל און דאָסמאָל איז אַרייגעפאַלן אין נעץ די זי. נאַטירלאַך, זייגען אַלע פֿייגלאַך אַוועקגעפלויגן, ווי פריער, אָבער צוזאַמען מיט זיי איז אויך אַוועקגעפלויגן דער ער און זיך מער נישט אומגעקערט צו איר.

האָט זיך אויפגעהויבן דער פֿייגלפאַנגער און אַרויסגענומען פון נעץ דאָס טייבעלע און האָט עס געשאָכטן. באַלד דערויף האָט זיך די סולטאַנין דוניע אויפגעכאַפּט אין גרויס פּחד און געזאָגט: אַלע מאַנסלייט זייגען ענלאַך צו דעמדאָזיקן זכר-טייבעלע און קיין איינער פון זיי קאָן נישט ליבן ווי געהעריק זיין פרוי."

אַז די אַלטע איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט דער פּרינץ געזאָגט:

„אָ, מיין מוטער, איך וואָלט געוואָלט כאָטש איינמאָל זי זען, כאָטש איינמאָל אַ קוק טאָן אויף איר און דאָס זאָל מיר קאָסטן אַפילו דאָס לעבן. קלער עפּיס אויס אַ מיטל דערצו."

האָט די אַלטע געזאָגט:

„ווייסן זאָלסטו, אַז זי האָט אַ גאָרטן און איר פּאַלאַץ געפינט זיך אין דעמדאָזיקן גאָרטן. אַלע חודש וואוינט זי אין גאָרטן צען טעג און דעמאָלט קאָן מען זי זען. איצט איז אַקוראַט די צייט, ווען זי ציט זיך איבער אין איר גאָרטן. דו קאָנסט גיין מיט מיר צוזאַמען. איך וועל דיך אַריינפירן אין גאָרטן, וואו דו קאָנסט פאַרברייגען אַ פּאָר שעה. מעגלאַך, אַז זי וועט דיך באַמערקן און דו וועסט איר אפשר געפעלן. דו באַדאַרפסט נישט פאַרגעסן, אַז דו ביזט שיין, ווי די פולע לבנה."

„איך הער און געהאָרך,"—האָט ער געזאָגט.

און דער פּרינץ, אַזיז און די אַלטע האָבן באַלד פאַרלאָזט די קראָם און אַוועק אַהיים. אינדערהיים האָט זיך דער פּרינץ אָנגערופן צו אַזיזן:

„אָ, מיין ברודער אַזיז! איצט באַדאַרף איך שוין נישט

האָבן דאָס געשעפט, מחמת דער צוועק, צוליב וועלכן דאָס געשעפט איז געעפנט געוואָרן, איז דערגרייכט געוואָרן. דאָס געשעפט, אַלזאָ, שײַנק איך דיר אַוועק מיט די אַלע סחורות, וואָס געפינען זיך דאָרטן. אָ, אַזױ, צוליב מיר ביזטו אַוועקגעפאָרן אין אַ פרעמדן לאַנד און פאַרלאָזט דײַן היימאַט."

אַזױ האָט אָנגענומען די מתנה און זיך טיף פאַרנייגט פאַרן פרינץ. נאָכדעם זײַנען בײדע אַוועק צום װיזיר און אים מיטגעטײלט פון אַלץ, וואָס זיי האָבן געטראַכט און האָבן געבעטן, ער זאָל זיי געבן אַ גוטע עצה.

דער וויזיר האָט געצויגן מיט די אַקסלען און זיך שטאַרק געחדושט.

„קומט אין גאָרטן,"—האָט ער, צולעצט, געזאָגט.

האָבן זיי זיך אָנגעטאָן אין די שענסטע קליידער, וואָס זיי האָבן געהאַט און זײַנען אַוועק אין גאָרטן אין דער באַגלייטונג פון דריי דינער.

דער גאָרטן איז געווען זייער אַ גרויסער, מיט פאָנטאַנען און טייכעלאַך, און ביי דער טיר איז געזעסן אַ שומר. האָבן זיי זיך פאַרנויגט פאַרן שומר און ער האָט אויך געטאָן דאָס אייגענע, און דער וויזיר האָט אים געגעבן הונדערט גאָלדשטיק און געזאָגט:

„איך בעט דיך, נעם דאָס געלט און קויף אונז עפּיס צום עסן, וואָרום מיר זײַנען פון אַ פרעמדן לאַנד און קענען נישט די שטאָט. איך מוז דיר אָבער אויך באַמערקן, אַז מיט מיר געפינט זיך דאָ אַ יונגלינג, וועלכן איך וואָלט געוואָלט ווײַזן דעמדאָזיקן גאָרטן.

האָט דער שומר צוגענומען דאָס געלט און געזאָגט:

„גייט-אַרײַן אין גאָרטן און אַמוזירט אייך, ביז וואַנען איך וועל אייך ברענגען וואָס צו עסן."

נאָכדעם איז דער אַלטער אַוועק אין מאַרק אײַנקויפן עסנוואַרג און דער וויזיר מיטן פרינץ און אַזיז זײַנען אַרײַן אין גאָרטן. אָבער דער שומר איז באַלד צוריק געקומען און האָט געבראַכט אַ געבראָטענעם שעפּס. האָבן אַלע אָפּגעגעסן, זיך צע-

וואַשן די הענט און שטיל געשמועסט צווישן די צווייגן, און דער וויזיר האָט זיך אָנגערופן צום שומר:

„זאָג מיר, איך בעט דיך, צו וועמען געהערט דערדאָזיקער גאָרטן?"

און דער שומר האָט געזאָגט:

„דערדאָזיקער גאָרטן געהערט צו דער סולטאַנין דוניע.

האָט דער וויזיר ווידער געפרעגט:

„וויפיל צאָלט מען דיר אַ חודש?"

האָט דער אַלטער גאָרטן-שומר געענטפערט:

„אַ דוקאַט באַקום איך."

אין דער אייגענער צייט האָט דער וויזיר באַטראַכט דעם פּאַרק. ער האָט באַמערקט אַן אַלט הויך פּאַרקהייזעלע און האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, שייך, איך וואָלט דיר געוואָלט שיינקען עפּיס אַ גוטע זאַך לזכּרון."

האָט דער אַלטער געפרעגט:

וואָס וואָלסטו מיר געקאָנט שיינקען?"

און דער וויזיר האָט געזאָגט:

„אָ, שייך, נעם דיר דידאָזיקע דרייהונדערט דוקאַטן."

דערהערט, אַז עס רעדט זיך וועגן געלט, האָט זיך דער גאָרטן-שומר אָנגערופן:

„אָ, מיין האַר, טו אַלץ, וואָס דו באַגערסט."

נאָכדעם. ווי דער אַלטער האָט צוגענומען דאָס געלט, האָט דער וויזיר געזאָגט:

„אויב דעם אויבערשטן (געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין!) וועט זיין באַווילגט, וועלן מיר אויפטאָן אַ גוטע זאַך."

באַלד דערויף זיינען זיי אַוועק אַהיים און דאָרט פאַרבראַכט די נאַכט און אויף מאָרגן האָט דער וויזיר איינגעלאַדן אַ באַרימטן מאַלער צוזאַמען מיט אַ גוטן גאָלדפּוצער און האָט זיי געהייסן אויסמאָלן און אויספּוצן מיט גאָלד דאָס אַלטע פּאַרקהייזעלע. אין דעם אייגענעם טאָג האָט ער זיי איינגעקויפט די נויטיקע מאַטעריאַלן דערצו. נאָכדעם האָט ער זיי אַוועקגעפירט אין פּאַרק און זיך אָנגערופן צום מאַלער:

סולטאַנין דוניע וועט גראָד אין דעם אייגענעם טאָג שפּאַצירן אין פּאַרק. איז טאַדוש-על-מולוק אַריין אין פּאַרק און האָט דער-הערט עפּיס אַ גערויש, און נאָך איידער ער האָט נאָך צייט גע-האַט זיך אַרומצוקוקן, האָט ער דערזען, ווי פון דער פּאַלאַצטיר זיינען אַרויס אַ סך דינער און שקלאַפינס. אָבער אין דער איי-גענער רגע איז דער פּאַרק-שומר אַריינגעלאָפן אין פּאַרק און האָט זיך אָנגערופן צום יונגן פּרינץ:

„אָ, מיין האַר און זון, וואָס זאָל איך איצט טאָן מיט דיר? ווייסטו דען נישט, אַז באַלד קומט-אַרויס די שיינע סולטאַנין דוניע?

האָט אים טאַדוש-על-מולוק אָנגענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט:

„שרעק דיך נישט. קיין שום שלעכטס וועט מיט איר נישט געשען.”

דעמאָלט האָט אים דער אַלטער שומר געראַטן, ער זאָל זיך גוט פאַרבאָרגן צווישן די געדיכטע צווייגן און זאָל בשום-אופן זיך נישט ווייזן פאַר אירע אויגן.

נאָכדעם האָט זיך דער אַלטער שומר דערווייטערט און אין פּאַרק האָט זיך באַוויזן די סולטאַנין דוניע מיט אירע שקלאַפינס, האַרעמדינער און דער זקנה. די זקנה איז געגאַנגען מיט אַראָפּ-געלאָזטע אויגן און בעת-מעשה געטראַכט:

„אויב די האַרעמדינער וועלן גיין צוזאַמען מיט אונז, וועט דער יונגער פּרינץ נישט דערגרייכן זיין ציל.”

זי האָט עטוואָס פאַרקנייטשט דעם אַלטן שטערן און זיך נאָכדעם אָנגערופן צו דער סולטאַנין דוניע:

„אָ, מיין האַרין, איך וואָלט דיר פאָרגעלייגט זייער אַן אָנגענעמע זאַך, וואָס וואָלט דיך שטאַרק אַמוזירט.”

האָט די סולטאַנין געפרעגט:

„אין וואָס באַשטייט דיין זאַך?”

האָט די אַלטע ווייטער געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין, צו וואָס באַדאַרפסטו דאָ די האַרעמדינער? צי דען ווייסטו נישט, אַז זיי שטערן שטענדיק, ווען מען וויל

זיך באמת עטוואָס ווײלן. שיק זיי אַוועק פונדאַנען."

„הײנטיקס מאָל ביזטו גערעכט",—האָט זיך די סולטאַנין אָפּגערופן און האָט זיי תּיכּף אָפּגעשיקט אין פּאַלאַץ אַרײַן.

באַלד האָט זי פרײַ אַרומגעשפּאַצירט איבערן פּאַרק צוזאַמען מיט דער אַלטער און טאַדזש-על-מולוק האָט זי געקאָנט זען פון דערווײַטן. אָבער דאָס האַרץ איז אים אויסגעגאַנגען פון איר שיינקייט און ער האָט נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס.

זיי זײַנען געגאַנגען איבער אַלײען, באַדעקט מיט גאָלדענעם זאַמד און די אַלטע האָט פאַרבעטן די סולטאַנין, זי זאָל אַרײַנגיין מיט איר אינעם פּאַרקהײַזעלע, וואָס דער וויזיר האָט עס פריער אויסגעמאָלט מיט בילדער און באַפּוצט מיט גאָלד.

אָבער אַז די סולטאַנין האָט דערזען די בילדער, איז זי בלאַס געוואָרן און האָט אויסגעשריען:

„גאָטס נאָמען זאָל געבענטשט ווערן אין אַלע עקן פון דער וועלט! אָבער דיזאָזיקע בילדער שטעלן דאָך פאָר אַקוראַט דאָס, וואָס איך האָב געזען אין חלום?"

און זי האָט לאַנג געקוקט אויף די בילדער, וואו עס איז געווען אויסגעמאָלט אַ נעץ און אַ טײַבעלע, און זי האָט געזאָגט:

„אַך, מײַן טײַערע זקנה, איך האָב שטענדיק באַשולדיקט די מאַנסלײַט און האָב פון גאַנצן האַרצן זיי געהאַסט. איצט אָבער זע איך, וואָס די בילדער ווײַזן אונז: דער פייגלפאַנגער האָט דערהרגעט אַ זי-טײַבעלע, לויפט דאָס ער-טײַבעלע זי ראַטעווען, נאָר דאָ איז עס באַפאַלן געוואָרן פון בלוטדורשטיקן רויבפויגל, וואָס האָט אַרײַנגעשטאָכן זײַנע שאַרפע נעגל אין אים."

האָט די אַלטע געמאַכט אַ מינע, ווי זי וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען, נאָר בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און נאָכדעם האָט זי זאַכט און שטיל צוגעפירט די סולטאַנין צו יענעם פענסטער, וואָס אין די קעגנאיבערדיקע קוסטעס האָט זיך באַהאַלטן דער יונגער פּרינץ, און אַז די סולטאַנין האָט אַרויסגעקוקט פון פענסטער, האָט זי פּלוצלונג דערזען דעם יונגן פּרינץ און אַ צאַרטע רויטקייט האָט זיך געלייגט אויף אירע באַקן און זי האָט אויסגערופן מיט גרויס שטוינונג:

„אָ, מיין טייערע ניאַניע, זאָג מיר, ווער איז דערדאָזיקער שיינער יונגלינג!"

האָט די אַלטע געזאָגט:

„ניין, איך קאָן אים נישט. אָבער איך מיין, אַז ער מוז זיין אַ זון פון אַ מלך, וואָרום ער איז אומגעווייגלאַך שיין און רייך געקליידט.

האָט אים די סולטאַנין דוניע בעסער באַטראַכט און דאָ אויפן אָרט זיך איינגעליבט אין אים און דעמאָלט האָט זי פאַרגעסן אָן אַלע אירע חלומות און האָט פלוצלונג דערשפירט אַזאַ ליבעפייער, אַז די פיס האָבן איר גענומען ציטערן און דאָס האַרץ איז איר שיער נישט אַרויסגעשפרונגען. האָט זי נאָכאַמאָל אויסגערופן מיט גרויס התפעלות:

„אַך, מיין ליבע ניאַניע, ווי שיין איז דערדאָזיקער יונגלינג:"

„דו ביז גערעכט, מיין האַרין,"—האָט די אַלטע זיך אָנגערופן און האָט דעם יונגן פרינץ געגעבן אַ צייכן, ער זאָל אַרויסגיין פון פאַרק.

דער יונגער פרינץ איז פאַרברענט געוואָרן פון ליבע. דער קאָפּ האָט אים געשווינדלט פון היץ, פונדעסטוועגן האָט ער געפאָלגט דער אַלטער און איז אַרויס פון גאָרטן נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוזעגנט מיט דעם פאַרק-שומר. אינדערהיים האָט ער אַלץ דערציילט דעם וויזיר און אַזוין און יענע האָבן אים געראַטן, ער זאָל זיין געדולדיק און רוהיק. דער וויזיר האָט נאָכדעם צוגעגעבן:

„אויב די אַלטע האָט דיר געגעבן אַזאַ צייכן, מסתמא ווייס זי, וואָס זי טוט."

אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זיך די סולטאַנין דוניע שטאַרק געפּייניקט פון ליבע. דער ליבע-וויי האָט זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט און זי האָט נישט געקאָנט שלאָפן און נישט עסן, און איינמאָל האָט זי זיך אָנגערופן צו דער אַלטער:

„מיין ליבע ניאַניע, הער נאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגן— איך וויל מיך זען מיט דעמדאָזיקן יונגלינג, אָבער דו קאָנסט עס

מיר איינאָרדנען.״

האָט די אַלטע אויפגעהויבן די אויגן צום הימעל און זיך אָנגערופן מיט שרעק:

„גאָט זאָל מיר אויסהיטן דאָס צו טאָן! דו האָסט דאָך פיינט די מאַנסליים. און וואָס טויג דיר אייגנטלאַך אַ מאַן, אַז דו האָסט קיין ליבע ניִשט פאַר אים. דיינע אָרעמס זיינען קאַלט און דיינע ליפן קאָנען ניִשט קושן.״

אָבער די סולטאַנין האָט אומגעדולדיק אַ טופּע געטאָן מיטן פוס און אויסגעשריִען:

„אַלטע דו אַלטע, רייד ניִשט מער! איך מוז מיך זען מיט אים און דו מוזט אונז צוזאַמענפירן. דערפאַר באַקומסטו פון מיר טויזנט גאָלדשטיק באַר געלט און פאַר טויזנט גאָלדשטיק וועל איך דיר שיינקען קליידער. איך זאָג דיר: אויב דו וועסט עס ניִשט מאַכן שנעל, אויב דו וועסט זיך קווינקלען, וועל איך שטאַרבן.״

האָט די אַלטע געשוויגן אַ לייִנגערע צייט און נאָכדעם זיך אָנגערופן:

„גיי דיר אין פאַלאַץ און איך וועל שוין עפּיס צוטראַכטן. נאַטירלאַך, איך וועל ניִשט שוינען מיין לעבן פאַר דיר, אַבי דיך צו באַרוהיקן.״

האָט זיך די סולטאַנין אומגעקערט צוריק אין פאַלאַץ און די אַלטע איז אַוועק צו טאַדזש-על-מולוק, און אַז ער האָט זי דערזען, האָט ער זיך אויפגעריסן פון אָרט און זי אַוועקגעזעצט אויפן שענסטן שטול און געפרעגט:

„אָ, מיין מוטער, וואָס פאַר אַ גוטע נייס האָסטו מיר געקאָנט ברענגען?״

דעמאָלט האָט די אַלטע געזאָגט:

„דו ביזט גליקלאַך, אַלץ האָט זיך איינגעגעבן.״

און זי האָט אים דערציילט פון אַלץ, וואָס איז געשען מיט דער סולטאַנין אין פאַרקהייזעלע.

אויסגעהערט דער זקנהס ווערטער, האָט טאַדזש-על-מולוק זיך אויסגעווישט די אויגן פון פרייד-טרערן און געזאָגט:

„מיין גוטע מוטער, ווען קאָן איך מיך זען מיט דער סול־טאַנין ?"

„מאָרגן,"—האָט די אַלטע געענטפערט.

האָט ער איר באַלד געגעבן טויזנט דוקאַטן און נאָך טויזנט דוקאַטן אויף קליידער און די אַלטע איז באַלד אַוועק צו דער סולטאַנין זוביע.

אַז זי איז געקומען אין פּאַלאַץ אַריין, האָט די סולטאַנין זוביע אויסגעשריען:

„אַך, מיין ליבע ניאַניע, וואָס פאַר אַ גוטע נייס האָסטו מיר היינט געקאָנט ברענגען וועגן מיין געליבטן ?"

האָט די אַלטע געמאַכט אַ נעבעכדיקע מינע און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין שיין קינד, איך האָב מיך ערשט דערוואוסט, וואו דער יונגלינג וואוינט און מאָרגן וועל איך דיר אים ברענגען."

האָט איר די סולטאַנין באַלד געגעבן טויזנט דוקאַטן און אויף קליידער פאַר טויזנט דוקאַטן און די אַלטע איז אַוועק צו זיך אַהיים.

אויף מאָרגן איז זי געקומען צו טאַדוש־על־מולוק און האָט אים אָנגעטאָן אין פרויענקליידער און נאָכדעם, ווי זי האָט אים גוט באַטראַכט, האָט זי געזאָגט:

„אָ, מיין יונגלינג, זאָלסט גיין הינטער מיר און, גייענדיק, זיך איבערוועגן פון איין זייט אויף דער צווייטער*), אָבער זאָלסט גאָרנישט נעמען אין אַכט, ווען עמיץ וועט דיך אָפּשטעלן און וועט וועלן פאַרפירן אַ שמועס מיט דיר."

און אַזוי זיינען ביידע אַרויס פון שטוב—די אַלטע פאָרויס און ער הינטער איר, אָנגעטאָן אין פרויענקליידער און, גייענדיק, האָט זי אים אַלץ געלערנט, ווי אַזוי ער זאָל זיך האַלטן.

און אַזוי זיינען זיי בשלום געקומען אין פּאַלאַץ אַריין. לאַנגזאַם זיינען זיי געגאַנגען פון איין טיר צו אַ צווייטער ביז זיי זיינען געקומען צו דער זיבעטער טיר און דאָ האָט די אַל־

*) אַזוי גייען די אַראַבישע פרויען.

טע געזאָגט צום יונגן פּרינץ:

„אָ, מיין גן-עדן-יונגלינג, זיי פעסט און רוהיק און אַז איך וועל דיר זאָגן: „שקלאַפין, קום-אריין“, זאָלסטו קיין שהיות נישט מאַכן און באַלד אַריין נאָך מיר אין צימער. אין דעם צימער זאָלסטו אָפציילן זיבן טירן און אין דער זעקסטער זאָלסטו אַריין: דאָרט וועסטו געפינען דיין געליבטע.“

„אָבער וואוהין גייסטו?“—האָט זי טאַדוש-על-מולוק געפרעגט. און זי האָט געענטפערט:

„מיר פּאַסט נישט אַריינצוגיין צוזאַמען מיט דיר. איך וועל אָבער וואַרטן, ביז דער עלטסטער האַרעמדינער וועט דיך דורכלאָזן.“

ביי איינער פון די זיבן טירן האָבן זיי געטראָפן דעם עלטסטן האַרעמדינער, וואָס האָט לאַנגזאַם אַ קוק געטאָן אויף דעם פאַרקליידטן פּרינץ און געפרעגט:

„וואָס טוט דאָ דידאָזיקע שקלאַפין?“

דעמאָלט האָט די אַלטע געענטפערט אַנשטאָט דעם פּרינץ:

„די סולטאַנין דוניע וויל קויפן דידאָזיקע שקלאַפין, ווייל זי קאָן זייער גוט אויסנייען.“

האָט דער האַרעמדינער געזאָגט:

„איך קאָן זי נישט, די שקלאַפין, און איך וועל זי דעריבער נישט אַדורכלאָזן. איך מוז אָפּהיטן דעם באַפעל פון מלך.“

איז די אַלטע בייז געוואָרן און געזאָגט:

„איך האָב דיך שטענדיק געהאַלטן פאַר אַ קלוגן און העפלאַכן מאַן, אָבער אויב דיין כאַראַקטער האָט זיך געענדערט, וועל איך מעלדן דערפון דעם סולטאַן און איך וועל אים זאָגן, אַז דו האָסט נישט געוואָלט אַדורכלאָזן די שקלאַפין צו דער סולטאַנין דוניע.“

דעמאָלט האָט דער האַרעמדינער זיך אָנגערופן צום פּרינץ טאַדוש-על-מולוק מיט דידאָזיקע ווערטער:

„גיי, שקלאַפין, אין צימער אַריין.“

איז טאַדוש-על-מולוק אַריין אין צימער, וואו ער האָט אָפגעציילט די זעקסטע טיר און האָט זי געעפנט און דאָ האָט

ער דערזען די סולטאַנין דוניע.

די סולטאַנין האָט אים באַלד דערקאַנט, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט און צוגעדריקט צו איר האַרץ און ער האָט זי אַ קוש געטאָן.

נאָכדעם איז אַריין די אַלטע, וואָס האָט פריער אַוועקגעשיקט די שקלאַפינס פון די נאָענטסטע צימערן, און די סולטאַנין האָט איר געזאָגט:

„שטיי דאָ ביי די טירן און היט זיי מיר אָפּ."

און די סולטאַנין דוניע איז אַריין מיטן פּרינץ אין אַ באַזונדער צימער און דאָרט פאַרבראַכט מיט אים אַ גאַנצע נאַכט אין פלאַמען פון ליידנשאַפט.

אויף מאָרגן איז זי אַרויס פון צימער און פאַרשלאָסן די טיר און נאָכדעם איז זי אַריין אין אַן אַנדער צימער, וואו זי האָט צונויפגערופן אַלע אירע שקלאַפינס און געזאָגט:

„היינט קאָנט איר זיך גיין, וואוהין איר ווילט, ווייל איך וויל פאַרבלייבן אַליין."

נאָכדעם איז זי אַריין צוריק דין דעם ערשטן צימער און זיך פון דאָסניי אַריינגעוואָרפן אין אי אָרעמס פון יונגן פּרינץ. אַזוי האָבן זיי געלעבט אַ גאַנצן חודש צייט און די אַלטע האָט זיך אויך געפונען נעבן זיי.

אָבער אַז דער וויזיר מיט אַזיזן האָבן דערזען, אַז דער פּרינץ קערט זיך גאָרנישט אום צוריק און די טעג גייען און גייען, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז מען האָט אים דאָרט זיכער דערהרגעט, און אַזיז האָט זיך אָנגערופן צום וויזיר:

„אָ, מיין פאָטער, וואָס וועלן מיר איצט טאָן?"

האָט דער וויזיר געטראַכט אַ לענגערע צייט און נאָכדעם געזאָגט:

„אָ, מיין זון, אונזער לאַגע איז זייער אַ שווערע. אויב מיר וועלן זיך אומקערן צו אונזער מלך אָן דעם יונגן פּרינץ, וועלן מיר זיכער באַשולדיקט ווערן אין אַ שווער פאַרברעכן. אָבער, מיין זון, מיר האָבן קיין אַנדער אויסוועג נישט."

און אויף מאָרגן האָבן זיך ביידע אַוועקגעלאָזט אין וועג

אַריין צו זייער לאַנד.

אַז זיי זיינען נאָך דער לאַנגער און מידער נסיעה געקו־מען צום מלך אין פּאַלאַץ אַריין און דערציילט דעם מלך, אַז זיין זון איז פאַרפאַלן געוואָרן אינם פּאַלאַץ פון דער סולטאַנין דוניע, איז דער מלך זייער בייז געוואָרן און האָט באַלד אַרויס־געגעבן אַ באַפעל, אַז זיינע אַרמייען זאָלן תיכף צונויפגעזאַמלט ווערן און אַז אַלע זאָלן זיך שטעלן צום דינסט.

זיין באַפעל איז, נאַטירלאַך, שנעל און פּינקטלאַך אויסגע־פירט געוואָרן. אין אַ פּאָר טעג צייט זיינען שוין אַלע זיינע אַרמייען געשטאַנען אויף די פיס, גרייט צו אַ שלאַכט און מען האָט זיך אייליק אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין אונטער דער אָנ־פירונג פון מלך און באַגלייט פון מוזיק.

טאַדזש־על־מולוק און די סולטאַנין דוניע האָבן אַ גאַנץ האַלב יאָר געלעבט אין פלאַמענדיקער ליידנשאַפט און מיט יעדן טאָג איז זייער ליבע געוואַקסן. דער יונגער פּרינץ האָט זיך אַזוי צוגעבונדן צו זיין געליבטער, אַז ער האָט זיך מער נישט גע־קאָנט באַהערשן און האָט זיך איינמאָל אָנגערופן צו איר:

„אָ, מיין געליבטע, צי ווייסטו, אַז מיט יעדן טאָג ברענט אין מיר שטאַרקער דאָס פייער פון ליבע, און דעריבער בין איך געצוואונגען צו זאָגן דיר, וואָס איז מיין באַגער ביי דער איצ־טיקער מינוט."

האָט די סולטאַנין אויפגעהויבן די אויגן און געפרעגט:

„זאָג מיר, וואָס איז דיין באַגער, וואָרום דו ביזט דאָס ליכט פון מיין אויג און די פרייד פון מיין זעל."

דעמאָלט האָט ער געזאָגט:

„איך וועל דיר דערציילן מיין אמתע לעבנסגעשיכטע. ווייסן זאָלסטו, מיין רויז פון די קאַמפּאַראַינזלען, אַז איך בין גאָרנישט קיין זון פון אַ סוחר, ווי איך האָב דיר פריער געזאָגט, נאָר אַ פּרינץ בין איך, אַ זון פון אַ מלך, פונם גרויסער מלך סוליימאַן־שאַך, וואָס האָט צוגעשיקט זיין וויזיר צו דיין פאָטער בעטן דיין האַנט, אָבער דו האָסט אים אָפּגעזאָגט."

און ער האָט איר דערציילט זיין גאַנצע לעבנסגעשיכטע

פון אָנהויב ביזן סוף און צוגעגעבן:

„איצט וואָלט איך מיך געוואָלט אומקערן צו מיין פאָטער, כדי ער זאָל פון דאָסניי שיקן זיין וויזיר, צו בעטן דיין האַנט און דעמאָלט וואָלטן מיר חתונה־געהאַט און מיר וואָלטן רוהיק געלעבט."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זי זיך זייער דער־פרייט, און אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי פאַרבראַכט אין שטילע שמועסן און הייסע קושן און איינגעשלאָפן זיינען זיי ערשט פאַר־טאָג, ווען די זון איז שוין אויפגעגאַנגען.

דער מלך איז שוין געזעסן אויפן טראָן, אַרומגערינגלט פון עמירן, און אין טראָנצימער איז אַריינגעקומען איינער פון די גרעסטע גאָלדמאַכערס אין לאַנד און האָט געבראַכט אַ גרויס קיי־לעכיק שאַכטעלע.

פריער איז ער צוגעגאַנגען צום מלך און האָט אַ קוש גע־טאָן דעם שטויב פון זיינע פיס, און נאָכדעם האָט ער געעפנט דאָס שאַכטעלע און האָט אַרויסגענומען פון דאָרט אַ קליין פיין געשניצט קעסטעלע, וואָס האָט געקאָסט צוויי טויזנט דוקאַטן, וויל דאָרט זיינען געלעגן טייערע בריליאַנטן, סאַפּירן און רובינען.

דער מלך האָט זיך לאַנג געקוויקט מיט דעם קליינעם שאַכ־טעלע, נאָכדעם האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דעם עלטסטן האַ־רעמדינער און געזאָגט:

„נעם, קאַפור, דאָסדאָזיקע שאַכטעלע און טראָג עס אַוועק דער פרינצעסין דוניע. זי האָט ליב אַזוינע זאַכן."

„איך הער און געהאָרך,"—האָט דער האַרעמדינער געזאָגט.

ער האָט באַלד גענומען דאָס שאַכטעלע און אַוועקגעטראָגן עס צו דער סולטאַנין דוניע אין פּאַלאַץ אַריין, אָבער די טיר פון איר צימער האָט ער געטראָפן צוגעשלאָסן און דערביי איז געלעגן די אַלטע און געשלאָפן.

האָט ער אָנגערירט די אַלטע מיט דער האַנט און געזאָגט:

„פאַרוואָס שלאָפסטו אַזוי שפּעט?

דערהערט זיין קול, האָט זיך די אַלטע אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט גרויס פחד און האָט געזאָגט:

„וואַרט דאָ, איך ברענג דיר באַלד דעם שליסל.“

און די אַלטע איז באַלד אַרויסגעלאָפן פון צימער. אָבער דער האַרעמדינער האָט געזען, אַז זי האָט זיך דערשראָקן, האָט ער אַראָפּגענומען די טיר פון די הענגערס און איז אַריין אין צימער, וואו די סולטאַנין איז געלעגן אין בעט אַרומגענומען מיטן יונגן פּרינץ.

דערזען דאָסדאָזיקע פּאָרל, איז ער געוואָרן אַזוי צומישט, אַז ער האָט געוואָלט תּיכּף גיין צום מלך און דערציילן אים אַלץ, וואָס ער האָט געזען, אָבער אין דער אייגענער רגע האָט זיך די פּרינצעסין אויפגעכאַפּט. האָט זי זיך זייער פאַרשעמט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט:

„קאַפור, פאַרבאָרג דאָס, וואָס גאָט האָט פאַרבאָרגן.“

„אָ, מיין האַרין, אָבער איך קאָן נישט פאַרבאָרגן פון סול-טאַן,“—האָט קאַפור געענטפערט.

און, געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, איז ער שנעל אַוועק צום סולטאַן. אַריין צום סולטאַן אין צימער מיט ציטריקע שריט, האָט אים דער סולטאַן געפרעגט:

„קאַפור, האָסטו אָפּגעגעבן דאָס שאַכטעלע דיין האַרין?“

האָט דער האַרעמדינער אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט:

„נעם דיר דאָס שאַכטעלע. אָט איז עס. זאָלסט וויסן, גרויסער מלך, אַז איך קאָן פון דיר נישט פאַרבאָרגן. זאָלסט וויסן, אַז איך האָב געטראָפן די יונגע פּרינצעסין שלאָפן מיט אַ יונגנמאַן.“

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער סולטאַן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל די מינוט זיי אַוועקשטעלן פאַר זיינע אויגן, און אַז זיי זיינען געבראַכט געוואָרן, האָט ער קורץ אַ פרעג געטאָן:

„וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּיל ביי אייך?“

און אין גרויס גרימצאָרן האָט דער סולטאַן אַ כאַפּ געטאָן זיין קינזשאַל און געוואָלט אַדורכלעכערן טאַדזש-על-מולוקן דאָס האַרץ, אָבער די סולטאַנין האָט אים פאַרשטעלט מיט איר לייב און געזאָגט:

„פאָטער, פריער טויט מיך."
אָבער דער סולטאַן האָט זי אַוועקגעשטויסן מיט דער האַנט און האָט באַפוילן, מען זאָל זי צוריק אַוועקפירן אין איר פּאַלאַץ אַריין. נאָכדעם האָט ער אַ קוק געטאָן אויף טאַדזש-על-מולוק און געזאָגט:
„ווי צו דיר, דו ביזט פאַרלאָרן, יונגערמאַן! אָבער ווער ביזטו, ווער איז דיין פאָטער, וואָס דו האָסט זיך דערוועגט צו האַלטן מיין טאָכטער אין דיינע אָרעמס."
האָט טאַדזש-על-מולוק אויפגעהויבן די אויגן צום סולטאַן און געזאָגט:
„וויסן זאָלסטו, מלך, אַז אויב דו וועסט מיך טויטן, וועסטו אומקומען צוזאַמען מיט דיין גאַנצער מדינה."
איז דער מלך בלאַס געוואָרן פון גרימצאָרן און האָט אויסגעשריען:
„פאַרוואָס?"
„דערפאַר,—האָט טאַדזש-על-מולוק געזאָגט,—ווייל איך בין דער זון פונם גרויסן מלך סוליימאַן-שאַך. און דו וועסט האָבן זייער אַ ביטערע מינוט, ווען דער מלך סוליימאַן וועט קומען אַהער מיט זיינע געוואַלטיגע חילות."
דערהערט דיזאָזיקע ווערטער, האָט דער סולטאַן שאַך-זעמאַן באַפוילן, מען זאָל דעם יונגנמאַן אַריינזעצן אין תפיסה און דאָרט אים גוט אויספאָרשן, צי אַלץ, וואָס ער זאָגט, איז ריכטיק, אָבער דער וויזיר, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט זיך אָנגערופן:
„אָ, גרויסער מלך, איך וואָלט דיר געראָטן, דו זאָלסט אים שנעלער טויטן, ווייל ער האָט באַשמוצט און באַליידיקט דאָס שיינע לייב פון דיין טאָכטער."
האָט דער סולטאַן געזאָגט:
„נו, איך דערלויב דיר: נעם און האַק אים אַראָפּ דעם קאָפּ."
האָט דער וויזיר אויגנבליקלאַך אַ רוף געטאָן דעם מלוכה-תלין און דערדאָזיקער האָט געבונדן דעם פּרינץ און פאַרדרייט

אים די הענט אהינטער און ארויסגעפירט אים אויפן געהעריקן פלאץ, וואו עס ווערן געטויט די פארברעכער.

דער תלין האט שוין אויפגעהויבן זיין האנט מיט א בלאנקן קינזשאל און געוואלט זי מיטן גאנצן כוח אראפלאזן דעם פרינץ איבערן האלז, אבער אין דער אייגענער רגע האבן זיך דערהערט שרעקלאכע געשרייען און די קרעמער האבן אין גרויס איילעניש גענומען צושליסן זייערע קראמען.

האט דער סולטאן זיך ארומגעקוקט און געזאגט:

„כאפ נישט אזוי."

נאכדעם האט ער אוועקגעשיקט עטלאכע הויפלייט, זיי זאלן דערגיין, וואס איז געשען אין שטאט.

די הויפלייט זיינען באלד צוריק געקומען און האבן גע-מאלדן, אז אויף דער שטאט רוקן זיך געוואלטיקע חילות, וואס זעען-אויס, ווי א ים אין א שטורם, די פערד שפרינגען ווי משוגע און די גאנצע ערד ציטערט זיי אונטער די פיס.

האט זיך דער סולטאן זייער דערשראקן און האט, א בלא-סער, א פרעג געטאן דעם ווזיר:

„זיינען אונזערע ארמייען נישט ארויס אנטקעגן דידאזיקע חילות?"

אבער נאך איידער ער האט עס ארויסגעזאגט, האבן זיך פלוצלונג באוויזן שלוחים און צוזאמען מיט זיי א ווזיר—דער אייגענער ווזיר, וואס איז געקומען פריער אהער מיטן יונגן פרינץ.

האט דער מלך זיך אויפגעהויבן און איז זיי געגאנגען אנט-קעגן, און אז זיי האבן זיך דערנענט, האט ער זיי געפרעגט די סיבה, וואס די חילות זיינען באפאלן די שטאט. דעמאלט איז דער ווזיר ארויסגעטראטן פארויס און האט געזאגט:

זאלסט וויסן, אז דער מאן, וואס גייט אויף דיין לאנד איז א מלך, אבער נישט אזא מלך, וואס איז געקומען פריער פאר אים, און אויך נישט אזא מלך, וואס האט געהערשט אין די פרי-ערדיקע צייטן."

האט דער סולטאן אומרוהיק א פיר געטאן מיט דער האנט און געזאגט:

„נו, רייד שנעלער, וואָס איז דאָס פאַר אַ מלך?"

„עו' איז דער הערשער,—האָט דער וויזיר ווייטער געזאָגט,—פון געזעץ און רו. זיין רום גרייכט אין אַלע עקן פון דער וועלט און מענטשן בוקן זיך צו אים, ווי צו אַ גאָט. הייסן הייסט ער סוליימאַן־שאַך. ער געוועלטיקט איבער על־אַרד און על־קאַדר און אויך איבער די בערג פון איספאַהאַן. דערדאָזיקער גרויסער מושל האָט געהייסן דיר זאָגן, אַז זיין זון געפינט זיך אין דיין לאַנד. אויב ער וועט אים געפינען געזונט און גאַנץ, וועסטו באַלוינט ווערן פון אים, אויב אָבער מיט זיין זון איז, חלילה, געשען עפּיס אַן אומגליק, וועט פון דיין גאַנצן לאַנד ווערן אַ באַרג מיט אַש. קיין איין מענטש וועט דאָ מער נישט בלייבן לעבן און בלויז שוואַרצע קראָען וועלן אַרומפליען און קראַקען און שרעקן די טויטע און די חורבות. דאָס אַלץ גיב איך דיר איבער מיט זיינע ווערטער און גאָט זאָל דיך באַשיצן."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז דער סולטאַן צומישט געוואָרן און האָט זיך זייער דערשראָקן פאַר זיין טראָן. האָט ער צונויפגערופן זיינע אַלע הויפלייט און יועצים און האָט זיך אָנגערופן צו זיי:

„ווי' צו אייך! גייט און ברענגט מיר אַהער דעם יונגנמאַן."

דער יונגער פרינץ איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים תּלין אין די הענט און פון שרעק איז אים אויסגעקרימט געוואָרן דאָס געזיכט.

אָבער אַז דער וויזיר האָט דערזען דעם פרינץ ביים תּלין אין די הענט, האָט ער זיך באַלד געוואָרפן צו אים און דאָס אייגענע האָבן אויך געטאָן די שלוחים, און טאַדוש־על־מולוק האָט געחלשט פון שרעק און פרייד.

איצט האָט דער סולטאַן שאַך־זעמאַן פאַרשטאַנען, אַז די גרויסע חילות, וואָס זיינען געקומען אויף זיין לאַנד, האָבן אַ שייכות צו דעם יונגנמאַן, וועלכן ער האָט געוואָלט קעפּן, איז ער באַלד אַרויסגעגאַנגען און זיך אָנגערופן צו אים מיט טרערן אויף די אויגן:

„אָ, זון מיינער, זיי נישט בייז אויף מיר. האָב מיטלייד אויף מיינע גרויע האָר און דערלאָז נישט, אַז פון מיין לאַנד זאָל ווערן אַ באַרג מיט אַש.“

האָט אים טאַדזש-על-מולוק אַ קוש געטאָן אין האַנט און געזאָגט:

„אָ, מיין גוטער מלך, שרעק דיך נישט. דיר וועט קיין שום בייז נישט געטאָן ווערן, ווייל איך פאַררעכן דיך ווי אַן אייגענעם פאָטער. דו מוזט אָבער זען, אַז מיט מיין געליבטער סולטאַנין דוניע זאָל גאָרנישט געשען.“

דערויף האָט אים דער סולטאַן באַמערקט:

„אָ, מיין זון, מיט איר קאָן גאָרנישט געשען, אויסער גליק און פרייד.“

נאָכדעם האָט דער סולטאַן לאַנג גערעדט מיטן וויזיר און האָט אים צוגעזאָגט אַ גרויסע סומע געלט, אויב ער וועט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געזען, פאַרבאָרגן פאַרן מלך. זיינע הויפלייט האָט ער באַפוילן, זיי זאָלן אַוועקפירן דעם יונגן פרינץ אין באָד אַריין, אָנטאָן אים נאָכדעם אין גאָלד-געצירטע קייזערלאַכע קליידער און ברייגנען אים אין פאַלאַץ אַריין.

דאָס אַלץ איז שנעל אויסגעפירט געוואָרן, און אַז טאַדזש-על-מולוק איז געקומען אין פאַלאַץ אַריין, האָט אים דער סולטאַן שאַך-זעמאַן און די הויפלייט אויפגענומען שטייענדיק. נאָכדעם האָט טאַדזש-על-מולוק זיך אַנידערגעזעצט מיטן וויזיר און אַזיזן ביי אַ באַזונדער טישל און האָט זיי אויספירלאַך דערציילט, וואָס מיט אים איז געשען און זיי האָבן זיך אָנגערופן:

„און מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים און דערציילט דיין פאָטער, אַז דו ביזט אַריין אין פאַלאַץ צו דער סולטאַנין און שוין מער נישט אַרויס פון דאָרט. איז דער פאָטער זייער בייז געוואָרן און איז געקומען אַהער מיט זיינע חילות.“

דער פרינץ, דער וויזיר און אַזיז האָבן נאָך לאַנג גערעדט און דער סולטאַן שאַך-זעמאַן איז אַוועק צו זיין טאָכטער, וואָס איז געזעסן און האָט באַוויינט איר געליבטן. נאָכדעם, ווי זי האָט פאַרגאָסן אַ סך טרערן, האָט זי גענומען אַ שווערד און

אוועקגעשטעלט אים אויף דער פּאָדלאָגע מיטן שפּיץ אַרויף און צוגעבויגן די ברוסט צו אים און געזאָגט:

„איך וועל מיך טויטן, ווייל מיר איז נישט ניחא דאָס לעבן אָן מיין געליבטן."

אָבער איר פּאָטער איז גראָד צו דערדאָזיקער מינוט אַריין אין איר צימער און געזאָגט:

„אָ, שענסטע און בעסטע פון די בת-מלכות. טו עס נישט, האָב מיטלייד אויף דיין אַלטן פּאָטער און זיין אָרים לאַנד. אויב דו וועסט עס טאָן, וועט דיין פּאָטער זיכער אומקומען דערפון."

און נאָכדעם האָט ער איר דערציילט, אַז איר געליבטער איז אַ זון פונם סולטאַן סוליימאַן און אַז ער וויל חתונה-האָבן מיט איר און וואַרט בלויז אויף איר ענטפער."

האָט די פּרינצעסין גליקלאַך אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן:

„האָב איך דען נישט געזאָגט, אַז ער איז אַ פּרינץ? אָבער דו האָסט גאָרנישט געוואָלט הערן. איצט וועל איך אים בעטן, ער זאָל דיך טויטן."

„ביי גאָט, דו מוזט מיטלייד האָבן מיט מיר,"—האָט זיך דער סולטאַן געבעטן.

דעמאָלט האָט די פּרינצעסין געזאָגט:

„נו, טאָ גיי און ברענג מיר אים אַהער."

האָט זיך דער סולטאַן אויפגעהויבן און אַליין אַריינגעפירט אין איר צימער דעם יונגן פּרינץ, וואָס האָט געלאַכט פון גליק און שמחה. דערזען דעם פּרינץ, איז אים דוניע געפאַלן אויפן האַלז פאַרן פּאָטער אין די אויגן און האָט געזאָגט:

„אָ, מיין געליבטער, איך האָב מיר נאָר־וואָס געוואָלט נעמען דאָס לעבן צוליב דיר. איך האָב געפילט, אַז איך קאָן אָן דיר נישט לעבן."

און נאָכדעם האָט זי אויפגעהויבן די אויגן און געפרעגט:

„זאָג מיר, צי קאָן מען זיך באַגיין מיט אומרעכט געגן אַזאַ שיינעם יונגלינג, וואָס איז נאָך דערצו אַ פּרינץ?"

דערזען, אַז די סולטאַנין האַלט אַרומגענומען דעם יונגן

פרינץ און בײדע ברומען, װי גליקלאַכע טײבעלאַך, האָט דער סולטאַן שאַך-זעמאַן זיך אױפגעהױבן און אַרױסגעגאַנגען, פאַר-שליסנדיק הינטער זיך די טיר. פון דער טאָכטערס פּאַלאַץ איז ער איבערגעגאַנגען צו זיך אין פּאַלאַץ און דאָרט האָט ער גע-רופן דעם װיזיר און אים באַפױלן, ער זאָל תּיכּף-ומיד אָנזאָגן דעם סולטאַן סולײמאַן, אַז זײן זון איז געזונט און גליקלאַך און געפינט זיך אין די בעסטע באַדינגונגען. אױסערדעם, האָט ער באַפױלן, מען זאָל אַרױסגעבן פּראָװיאַנט און געלט די געקומע-נע חילות און דערבײ האָט ער אַרױסגעשיקט דעם סולטאַן מתּנות: הונדערט פערד, הונדערט אײזלען, הונדערט דינער, הונדערט װאונדערשײנע שקלאַפינס און הונדערט דינערינס.

שפּעטער איז ער אַלײן אַרױסגעפאָרן מיט זײן סװיטע אַנט-קעגן דעם מלך סולײמאַן. דער װיזיר און אַזױ האָבן שױן מיט-געטײלט דעם מלך סולײמאַן װעגן דעם, אַז זײן זון, דער יונ-גער פּרינץ איז געזונט און גליקלאַך און געפינט זיך אין די אָרעמס פון דער סולטאַנין, און דער מלך האָט פון שׂמחה אױס-געשריען:

„אײן גאָט איז דאָ אױף דער װעלט: אַלאַ, און ער האָט פאַרװירקלאַכט מײן זונס באַגער.״

און אַז עס איז געקומען דער סולטאַן שאַך-זעמאַן, האָט ער אים װאַרים אַרומגענומען און אַװעקגעזעצט נעבן זיך און בײדע האָבן לאַנג געשמועסט פאַר פײן-געדעקטע טישן, װאו עס זײנען געשטאַנען די בעסטע מאכלים און די טײערסטע װײנען.

נאָכדעם איז געקומען טאַדזש-על-מולוק אין די רײכסטע קײזערלאַכע קלײדער און צירונג, און אַז דער פאָטער האָט אים דערזען, איז ער אים געפאַלן אױפן האַלז און אַלע האָבן זיך אױפגעהױבן. דעמאָלט האָט דער מלך סולײמאַן זיך אָנגערופן:

„איך װאָלט איצט געװאָלט זען דעם חתונה-אָפּמאַך צװישן מײן זון און דײן טאָכטער אין דער געגנװאַרט פון עדות.״

„איך הער און געהאָרך,״—האָט דער סולטאַן שאַך-זעמאַן געזאָגט.

באַלד דערױף איז געקומען אַ קאַדי מיט עדות און זײ האָבן

צוזאַמענגעשטעלט דעם אָפּמאַך און די חילות האָבן, בעת־מעשה הויך און פריילאַך געזונגען און דער סולטאַן שאַך־זעמאַן האָט אייגנהענטיק געהאָלפן אויספּוצן זיין טאָכטער. טאַדזש־על־מולוק איז אָבער צוגעגאַנגען צו זיין פאָטער און געזאָגט:

„ביי גאָט, אַזוי איז דער איידלמוטיקסטער מאַן אין דער וועלט. ער האָט געטאָן פאַר מיר אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט און איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן און שוין צוויי יאָר צייט, ווי ער האָט נישט געזען זיין היימאַט. איך וואָלט אים געוואָלט געבן אַ מעגלאַכקייט אָנצוקויפן דאָ פאַרשידענע סחורות, מחמת זיין לאַנד ליגט נישט ווייט פון דאַנען."

אויסגעהערט דעם פרינצס ווערטער, האָט דער מלך באַמערקט:

„דיין געדאַנק איז שיין און קלאָר, ווי דער אמת."

אין דעם אייגענעם טאָג האָט מען אים צוגעגרייט אַ געוואַלטיקע מיינגע פון די טייערסטע שטאָפן און געוועבן, און דער פרינץ האָט זיך הייס צוזעגנט מיט אים און געזאָגט:

„ברודער מיינער, נעם־צו מיין אויפריכטיקע מתנה."

האָט אַזיז צוגענומען דידאָזיקע מתנה און האָט ביידן — דעם פאָטער און זון אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון די פיס. נאָכדעם איז טאַדזש־על־מולוק אַרויפגעשפּרונגען אויפן פערד און האָט אַזיזן באַגלייט גאַנצע דריי מייל און אַזיז האָט געבעטן, ער זאָל זיך אומקערן און האָט געזאָגט:

„ווען איך וואָלט קיין מוטער נישט געהאַט, וואָלט איך מיך נישט געקאָנט שיידן מיט דיר. מיין נשמה איז צונויפגעוואַקסן מיט דיינער. איך בעט דיך אין נאָמען פון אַלאַ, דו זאָלסט מיר שטענדיק מיטטיילן פון דיין לעבן."

געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך הייס צוזעגנט מיט אים און איז אַוועקגעפאָרן ווייטער.

אין אַ צייט אַרום, אַז ער איז בשלום געקומען אַהיים, האָט ער געפונען זיין מוטער פאַראָרעמט און פאַרוויינט מיט פאַנאַנדערגעלאָזטע האָר, און אינמיטן שטוב איז געשטאַנען אַ מצבה און די מוטער האָט שטיל געשעפּטשעט אַ תּפילה נעבן איר.

אָבער נאָך איידער זי האָט געענדיקט דידאָזיקע תּפילה, האָט זי דערזען אַזיזן, וואָס איז געשטאַנען פאַר איר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט זי זיך באַלד אויפגעהויבן פון אָרט און אַרומגעכאַפּט אים מיט בײדע הענט און געפרעגט די סיבה, פאַר־וואָס ער איז אַזוי לאַנג נישט געקומען אַהיים.

דעמאָלט האָט ער איר דערציילט פון אַלץ, וואָס מיט אים איז געשען, וואָס פאַר אַרייכע מתּנות ער האָט באַקומען פון טאַדזש־על־מולוק, און די אַלטע מוטער האָט זיך זייער געפרייט.

דערמיט אייגנטלאַך ווערט געענדיקט די געשיכטע פון אַזיזן. וואָס אָנבעלאַנגט אָבער טאַדזש־על־מולוקן, האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין פּרינצעסין, וואָס האָט זיך צוגעגרייט די שענסטע און בעסטע קליידער, צו פאָרן מיטן יונגן פּרינץ אין זיין מדינה.

דער סולטאַן שאַך־זעמאַן האָט אָנגעקויפט טויזנטער מתּנות און אַנטיקן און הונדערטער וועגן מיט פּראָוויאַנט, און אַז דאָס יונגע פּאָר מיטן מלך און דער סוויטע האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָט זיי שאַך־זעמאַן באַגלייט דריי טעג און דריי נעכט און נאָכדעם האָט ער זיך הייס צוזעגנט מיט זיי און זיך אומגעקערט אין זיין פּאַלאַץ.

טאַדזש־על־מולוק, זיין ווייב און זיין פאָטער מיט דער גאַנ־צער סוויטע זיינען ווייטער געפאָרן טאָג און נאַכט, ביז זיי האָבן דערזען די הייזער פון זייער אייגענער שטאָט.

די גאַנצע שטאָט איז געווען זייער צוגעפּוצט און די באַ־פעלקערונג האָט געקניט ביז צו דער ערד מיט גרויס שמחה און פרייד, און אַז די וועגלייט זיינען אַריינגעפאָרן אין פּאַלאַץ, האָט זיך דער מלך אַנידערגעזעצט אויף זיין טראָן צוזאַמען מיט טאַדזש־על־מולוק און אין דעם אייגענעם טאָג האָט ער צוטיילט אַ סך מתּנות און האָט באַפרייט אַ סך מענטשן פון די תּפיסות.

נאָכדעם האָט ער באַנייט די שמחה פון זיין זונס חתונה און די גאַנצע שטאָט האָט זיך באַטייליקט דערין.

אַ גאַנצן חודש צייט האָט מען נאָר געהערט טאַנצן און זינגען און שפּילן אויף אַלע אינסטרומענטן, און די גאַנצע באַ־פעלקערונג האָט זיך נישט געקאָנט אָפּחדושן פון דער סולטאַנין

דוניע, וואָס איז געווען שיין, ווי אַ פולע לבנה אין אַ קרייז פון שטערן.

טאַדזש-על-מולוק האָט באַקומען אַ באַזונדער פּאַלאַץ מיט שקלאַפן און דינער און זיי האָבן געלעבט אויף דער ערד אַ לעבן פון גן-עדן.

די געשיכטע פון אלי, דעם זון פון בעקער און אויך פון שעמס-ען-נאהאר.

הויבט זיך אָן אין דער הונדערט דרייאונ־
פופציקסטער נאַכט און ענדיקט זיך אין דער
הונדערט דרייאונזעכציקסטער.*)

אַמאָל, גאָר אַמאָל, אין די פריילאַכע צייטן פון דעם גרויסן קאַליף האַרון-על-ראַשיד האָט געלעבט אַ געוויסער סוחר, וואָס האָט געהאַט אַ זון מיטן נאָמען אַבדול-האַסאַן-אַלי, דער זון פון טאַגיר. דערדאָזיקער מאַן איז געווען זייער רייך און זייער שיין און אַלע האָבן אים ליב געהאַט.

ער פלעגט אַריינקומען צום קאַליף אין פאַלאַץ אָן אַ דער־לויבניש, און דעם קאַליפס פרויען און שקלאַפינס האָבן אינדער־שטיל געדאַנקט גאָט פאַר זיין רייץ און שיינקייט.

טיילמאָל פלעגט ער שמועסן מיטן קאַליף, דעקלאַמירן אים פאַרשידענע לידער און דערציילן אויסטערלישע פאַסירונגען. אָבער

---

*) מאַנכע מעשהלאַך האָבן מיר געמוזט אַדורכלאָזן, ווי עס האָבן געטאָן די־

אין דער אייגענער צייט איז ער געווען אַ סוחר צוגלייך מיט אַלע אַנדערע סוחרים און ביי אים אין קראָם פלעגט עפּטער זיצן אַ יונגערמאַן, איינער פון די זין פון אַ פּערסישן שאַך, וואָס האָט געהייסן אַלי, דער זון פון בעקער.

געווען איז דערדאָזיקער יונגערמאַן זייער אַ שיינער: ער איז געווען שלאַנק און איידל, מיט אַ פרישער רויטקייט אויף די באַקן, מיט צונויפגעוואַקסענע ברעמען, מיט אַ זיסן קול און שמייכלענדיקע ליפּצן. דאָס איז געווען אַ מוסטער פון פרייד און גליק. און איינמאָל, בשעת ער איז, ווי געוויינלאַך, געזעסן אין קראָם, זיינען אַריינגעקומען צען שלאַנקע שיינהייטס־שקלאַפינס, וואָס זיינען געווען ענלאַך צו דער לבנה.

איינע פון זיי איז געפאָרן אויף אַ מוילאייזל, מיט אַ גאָלדענעם זאָטל, מיט אַ פיינעם שלייער אויפן פנים און מיט אַ זיידענעם גאַרטל, באַשאָטן מיט גאָלד־פינטעלאַך.

אַז זי איז צוגעפאָרן צו אַבדול־האַסאַנס קראָם, איז זי אַראָפּ פון מוילאייזל און אַריין אין קראָם און נאָכדעם זיך טיף פאַרבויגט, און ער האָט געענטפערט אויף איר באַגריסונג.

אָבער ביי אַלי, דעם זון פון בעקער, זיינען תיכף צומישט געוואָרן די רעיונות, האָט ער זיך געוואָלט אויפהויבן און אַרויסגיין, אָבער זי האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַר, זיץ אויף דיין אָרט. פאַרוואָס ווילסטו אַוועקגיין? דאָס איז נישט שיין פון דיין זייט.”

דעמאָלט האָט ער געזאָגט:

„ביי גאָט, מיין גנעדיקע האַרין, איך וויל אַנטלויפן פון דעם, וואָס איך האָב געזען, און גוט האָט וועגן דעם זיך אויסגעדריקט דער דיכטער:

זי איז אַ זון, אַ זון אַ שיינע
און אויפן הימל איז איר אָרט.
די זיי געדולדיק און אַנטלויף,

ערנסטערע איבערזעצער אין אַנדערע שפּראַכן, ווייל די מעשהלאַך זיינען שוואַך און נישט אינטערעסאַנט.

ווייל זי איז צופיל הויך פאַר דיר,
אין דו שטייסט נידריק אויף דר'ערד.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זי זיך אָנגערופן צו אַבדול-האַסאַנען:

„ווי הייסט דערדאָזיקער יונגער מענטש און ווער איז ער?"

און אַבדול-האַסאַן האָט געזאָגט:

„ער איז פון אַ פרעמדן לאַנד און ער הייסט אַלי, דער זון פון בעקער. ער איז איינער פון די זין פונם פערסישן שאַך."

האָט זיך די יונגפרוי עטוואָס פאַרטראַכט און נאָכדעם געזאָגט:

„אַז מיין שקלאַפין וועט קומען, זאָלסטו אים ברייגנען צו מיר."

„איך הער און געהאָרך,"—האָט אַבדול-האַסאַן מיט הכנעה געענטפערט.

נאָכדעם האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים.

אָבער אַלי, דער זון פון בעקער, איז אַזוי צומישט געוואָרן, אַז ער האָט פאַרלאָרן די ווערטער אויף דער צונג און איז די גאַנצע צייט געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אין אַ שעה אַרום האָט זיך באַוויזן אַ שקלאַפין און געזאָגט:

„מיין גנעדיקע האַרין האָט דיך פאַרבעטן צוזאַמען מיט דיין פריינט."

האָט זיך אַבדול-האַסאַן אויפגעהויבן און אַוועק צוזאַמען מיט אַלי, דעם זון פון בעקער אין דעם קאַליפס פּאַלאַץ. דאָרט האָט זיי די שקלאַפין אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער צימער, וואו זיי האָבן געגעסן פון גוטע מאכלים און נאָכדעם זיך צעוואַשן די הענט.

נאָכן עסן האָט מען אַריינגעטראָגן ווין, האָבן זיי געטרונקען דעם ווין און זיינען פריילאַכער געוואָרן און דעמאָלט האָט זיי די שקלאַפין אַריינגעפירט אין אַ צווייטן צימער, וואו דער באַלקען האָט זיך געשטיצט אויף פיר זיילן.

דאָס איז געווען אַזאַ רייך-באַפּוצטער זאַל, וואָס נאָר אין גן-עדן האָבן זיך געקאָנט געפינען ענלאַכע צו דעם, און אַז זיי

האָבן זיך אַרומגעקוקט, האָבן זיי קיין ווערטער נישט געפונען, צו באַוואונדערן די רייכקייט און עשירות פון דעמדאָזיקן זאַל.

און ווי זיי זיינען אַזוי געשטאַנען פאַרוואונדערט און אַנט־ציקט, זיינען מיט לייכטע טריט אַריין צען שלאַנקע שקלאַפינס, ענלאַך צו דער לבנה און אין זאַל איז ליכטיקער געוואָרן.

זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין איין שורה, ווי די שוואַרץ-אייגיקע גן-עדן-מיידלאַך, און באַלד זיינען אַריין אַנדערע צען שקלאַפינס מיט האַנט-האַרפעלאַך אין די הענט.

נאָכדעם ווי זיי האָבן באַגריסט די צוויי געסט, האָבן זיי גענומען זינגען און שפּילן אויף די האַנט-האַרפעלאַך. יעדע פון דידאָזיקע שקלאַפינס איז געווען אַ שטיק יוצר-הרע פאַר אַלאָס באַשעפענישן—די מענטשן און מען האָט באַדאַרף באַזיצן אויסער-געוויינלאַכע כחות, אַז מען זאָל קאָנעןביישטיין דעמדאָזיקן יוצר-הרע.

באַלד זיינען אַריינגעקומען נייע צען שקלאַפינס, מיט הוי-כע בריסטן, מיט שלאַנקע פיס, מיט שוואַרצע אויגן, מיט ראָזע באַקן, מיט צונויפגעוואַקסענע ברעמען און זיסע בליקן און אָנ-געטאָן זיינען זיי געווען אין פאַרשידנפאַרביקע זיידענע געוועבן.

זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר און באַלד נאָך זיי זיינען אַריינגעקומען נייע צען שקלאַפינס, וואָס זיינען גע-ווען נאָך שענער פון די פריערדיקע.

צולעצט, זיינען אַריין גאַנצע צוואַנציק שקלאַפינס און צווישן זיי האָט זיך געפונען שעמס-ען-נאַהאַר, וואָס האָט געלויכטן ווי די לבנה צווישן שטערן. אירע שוואַרצע געדיכטע לאָקן זיינען איר געלעגן אַרום האַלז ווי אַ סאַמעטענער האַלזבאַנד און אָנגעטאָן איז זי געווען אין בלויע הויזן, אין אַ זיידענעם איזאַר און פאַרגאַרטלט מיט אַ גאַרטל, וואָס איז געווען באַשאָטן מיט גאָלד-פינטעלאַך.

לייכט און שלאַנק איז זי אַדורכגעגאַנגען דעם זאַל און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בעט, און אַלי, דער זון פון בע-קער, האָט דעקלאַמירט דאָסדאָזיקע ליד:

בּיי גאָט, דו בּיזט די סיבּה פון מיין קראַנקהייט,

און אויך די סיבה פון מיין ווילדער פרייד.
עס גליען מיר די ביינער אין מיין קערפּער,
עס קאָכט דאָס בלוט אין מיר, ווי פייער—
ווען ס'פאַלט מיין אויג אויף דיינע פייער־אויגן.

„און נאָכדעם האָט ער געזאָגט צו אַבדול-האַסאַן:

„אָ, מיין פריינט! דו האָסט זיך שלעכט באַגאַנגען מיט מיר. דו האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט, וואוהין מיר גייען. אָבער דו באַדאַרפסט וויסן, אַז דאָס, וואָס איך זע דאָ, איז בלויז אַ גרויס אומגליק פאַר מיר. דו זעסט אַליין, אַז איך האָב נישט קיין מאַכט בייצושטיין איר שיינקייט?"

און ער האָט זיך צעוויינט, אָבער אַבדול-האַסאַן האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין ברודער, דאָס גאַנצע לעבן האָב איך דיר בלויז געוואונשן גליק. איך האָב דיר נישט געזאָגט, וואוהין מיר גייען, ווייל איך האָב געמיינט, אַז דאָס וועט זייער שלעכט ווירקן אויף דיר און איך וועל דערוויל נישט האָבן די מעגלאַכקייט צו באַהעפטן דיך מיט דערדאָזיקער שיינהייט. דו זיי, ברודער, פריילאַך און גליקלאַך, ווייל דו האָסט געפונען חן אין אירע אויגן און קאָנסט זיכער דערגרייכן דאָס, וואָס דו ווינשט זיך אַליין."

דעמאָלט האָט אַלי, דער זון פון בעקער, געפרעגט:
„ווי הייסט דידאָזיקע יונגפרוי?"
און אַבדול-האַסאַן האָט געענטפערט:

„זי הייסט שעמס-ען-נאַהאַר. זי געהערט צו דעם קאַליפס האַרעמפרויען און מיר געפינען זיך ביים קאַליף אין פּאַלאַץ."

אין דער אייגענער צייט איז שעמס-ען-נאַהאַר געזעסן אויף איר גאָלדן בעטל און האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אַלי, דעם זון פון בעקער. זי האָט געקוקט אויף אים און ער אויף איר און איןביידן האָט זיך אָנגעצונדן די ליבע צו איינאַנדער.

האָט זי באַפוילן אירע שקלאַפינס, זיי זאָלן זיך זעצן אויף זייערע ערטער, און אַז אַלע האָבן זי געהאָרכט און זיך אויס-

געזעצט אין דעם גרויסן זאַל, האָט זי געהייסן, מען זאָל אָנהייבן זינגען, און איינע פון די שקלאַפינס האָט גענומען אַ האַנט-האַר-פּעלע און געזאָגט דורך געזאַנג:

אָ, שיינער האַר, דו ביזט מיין האַרצן טייער,
דו האָסט מיין שמחה און מיין פרייד געפאַנגען.
אָ, שיינק מיר, שיינער האַר, אַ קוש אַ הייסן,
איך וועל דיר אָפּגעבן נאָך הייסער, ווי דו קאָנסט.

אַלי, דער זון פון בעקער, איז דעמאָלט פאַרכשופט געוואָרן, האָט ער זי אָנגעקוקט מיט שטראַלנדיקע אויגן און געזאָגט:
„זינג מיר נאָך עפּיס אַזוינס."

האָט די זינגערין אַ קלאַפּ געטאָן איבער די סטרונעס און פון דאָסניי גענומען זינגען:

„אָ, מיין געליבטער, הייסער, שיינער מאַן,
דו ווער פון מיינע אויגן נישט פאַרשוואונדן.
דען איך וועל וויינען, ווי אַ קינד אין שרעק
און מיין געזיכט וועט ווערן אַלט און מאוס.
זיי שטענדיק נאָנט צו מיין האַרץ און לייב,
זיי שטענדיק נאָנט צו מיין הייסן בלוט.

שעמס-ען-נאַהאַר האָט געהייסן זינגען אַן אַנדער זינגערין און נאָכדעם אַ צווייטער און אַ דריטער.

און אַז די שקלאַפין, וואָס איז געזעסן נעבן שעמס-ען-נאַהאַר האָט גענומען זינגען, האָט אַלי, דער זון פון בעקער, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך צעוויינט. שעמס-ען-נאַהאַר האָט געזען זיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיינע טרערן, האָט זי דערשפּירט, אַז דאָס האַרץ גייט איר אויס פון ליבע צו אים.

און אַלי, דער זון פון בעקער, האָט נישט געקאָנט אָטעמען און אין די אויגן האָט אים געברענט דאָס שרעקלאַכע אומרוהיקע פייער פון ליידנשאַפט.

דעמאָלט האָט זי זיך אויפגעהויבן פון איר גאָלדן בעטל און איז צוגעגאַנגען צום טיר, און אַלי, דער זון פון בעקער, האָט אויך געטאָן דאָס אייגענע און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און נאָכדעם צו דער וואונדערשיינער יונגפרוי. דאָרט האָבן

ווי זיך אַרומגענומען און ביידע זיינען ביי דער טיר אַנידערגעפאַלן אין חלשות.

זיינען באַלד צונויפגעלאָפן די שקלאַפינס און זיי אויפגעהויבן אויף די הענט און אַריינגעלייגט אין בעט און נאָכדעם זיי באַשפריצט מיט רויזנוואַסער.

און אַז זיי זיינען געקומען צו זיך, איז שוין אַבדול-האַסאַן נישט געווען אין זאַל—ער האָט זיך באַהאַלטן אונטערן בעט— און שעמס-ען-נאַהאַר האָט געפרעגט:

„וואו איז אַבדול-האַסאַן?"

דערהערט, אַז זי פרעגט אויף אים, איז ער אַרויסגעקראָכן פון אונטערן בעט און זי האָט זיך פאַרגויגט פאַר אים און געזאָגט:

„איך בעט גאָט, ער זאָל מיר געבן די מעגלאַכקייט אָפּצודאַנקען דיך, ווי געהעריק, וויל צוליב דיר האָב איך געפונען דעמיעניקן, וואָס איך האָב געזוכט."

נאָכדעם האָט זי אָפּגעקערט דעם קאָפּ צו אַלי, דעם זון פון בעקער, און געזאָגט:

„אָ, מיין געליבטער! אויב דיין ליבע איז שטאַרק, איז אויך מיין ליבע שטאַרק און מיר באַדאַרפן נאָר געדולדיק איבערטראָגן אונזער גורל."

און אַלי, דער זון פון בעקער, האָט געזאָגט:

„ביי גאָט, איך האָב געזען דיינע אויגן, און זיי קאָנען נישט פאַרלאָשן ווערן אין מיר און קיין אַש קאָן אויך נישט ווערן פון דעם פלאַם, וואָס דו האָסט אין מיר אָנגעצונדן. און נאָר דעמאָלט, ווען איך וועל צומאַכן די אויגן, וועט קומען אַ סוף צו מיין ליידנשאַפט."

און נאָכדעם האָט ער זיך פון דאָסניי צעוויינט און די טרערן האָבן אים געפלייצט איבער די באַקן, ווי אַ רעגן און שעמס-ען-נאַהאַר האָט זיך אויך צעוויינט, אָבער אַבדול-האַסאַן האָט געזאָגט:

„ביי גאָט, איך חדוש מיך אויף אייך. צוויי טויבן זיצן אויף איין בעט. אָבער אויב איר וויינט איצט, בשעת איר גע-

פינט זיך צוזאַמען, טאָ וואָס וועט זיין דערנאָך, ווען איר וועט זיך באַדאַרפן צושיידן? ניין, איך מיין, אַז איר באַדאַרפט זיך נאָר פרייען און לאַכן, אָבער נישט וויינען.״

שעמס־ען־נאַהאַר האָט געגעבן אַ צייכן צו איר דינערין און יענע האָט באַלד אַרויף געטאָן אַלע שקלאַפינס און דינערינס, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן אַ טיש, באַלייגט מיט זילבערנע טעלער, אין וועלכע עס זיינען געלעגן פאַרשידענע מאכלים.

שעמס־ען־נאַהאַר האָט געבעטן די געסט עסן און אַליין אויך געגעסן און געטרונקען, ביז אַלע זיינען רעכט זאַט געוואָרן.

דעמאָלט האָט מען אַרויסגעטראָגן דעם טיש און זיי האָבן צעוואַשן די הענט. נאָכדעם האָט מען אַוועקגעשטעלט פאַרשידענע רויך־פייפן מיט שמעקעדיקע וואַסערן און די געסט האָבן רוהיק גערויכערט.

געענדיקט רויכערן, האָט מען זיי גוט באַשפּריצט מיט אַלערליי בשמים־וואַסערן, אַממערסטן מיט רויזנוואַסער, און מען האָט אויסגעשטעלט פאַר זיי אַ ברייטן טיש מיט וויינען און מיט פרישע און געטריקנטע פירות, וואָס זיינען געלעגן אויף טעצ־לאַך פון געפּרעסטן גאָלד.

שעמס־ען־נאַהאַר האָט אויסגעקליבן די שענסטע צען שקלאַ־פינס, וואָס קאָנען שפּילן און זינגען און די איבעריקע האָט זי אַוועקגעשיקט. די שקלאַפינס האָבן געשפּילט און געזונגען און בעת־מעשה האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זיינען גן־עדן־זינגערינס, וואָס אַלאַ האָט אַראָפּגעשיקט אין פּאַלאַץ אַריין.

אינמיטן זינגען און שפּילן האָט שעמס־ען־נאַהאַר אָנגעגאָסן אַ גאָלדענעם בעכער מיט וויין און דערלאַנגט אַלי, דעם זון פון בעקער. אויסגעטרונקען דעם בעכער, האָט אַלי, דער זון פון בע־קער, אָנגעגאָסן דעם אייגענעם בעכער און דערלאַנגט אַבדול־האַסאַנען און אַז יענער האָט אים אויסגעליידיקט, האָט ער אים אָנגעגאָסן און דערלאַנגט שעמס־ען־נאַהאַר. און אַזוי האָבן זיי זיך פינף מאָל געטוישט מיטן בעכער, און נאָכדעם האָט שעמס־ען־נאַהאַר גענומען אין האַנט אַ האַרפעלע און געזאָגט:

„איצט וועל איך זינגען.״

און זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבער די סטרונעס און אָנגעהויבן זינגען:

די אויגן זיינען אים מיט טרערן פול,
דאָס האַרץ איז אָבער אָנגעפילט מיט גליק.
און האָט ער די געליבטע זיינע נאָנט,
דאַן וויינט ער, ווייל דאָס האַרץ איז פול מיט גליק.

און נאָך אַ קליינער הפסקה האָט זי ווידעראַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן איבער די סטרונעס און געזונגען:

אָ, זיי דאָס גאַנצע לעבן אַזוי שיין
פון דעם געגאָלטן קאָפּ ביז צו די פיס!
פון דיינע הענט גייט־אויף די גאָלדענע זון,
אויף דיינע לעפצן שפּילט אַ הייסער שטראַל.
דו טראָגסט דיר די לבנה אויפן קאָפּ
דו טראָגסט זי, ווי אַ קרוין, וואָס שיסט מיט ליכט.

אַלי, דער זון פון בעקער און אַבדול-האַסאַן און די אַלע, וואָס זיינען דערביי געווען, זיינען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער. זיי האָבן נאָך קיינמאָל אַזאַ זינגען נישט געהערט און האָבן נאָך קיינמאָל אַזאַ תענוג נישט געהאַט. פון גרויס התלהבות האָבן זיי געלאַכט און צוגעשפּרונגען, ווי פאַרשכורטע מענטשן, אָבער אין דער אייגענער רגע איז אַריינגעפלויגן אַ שקלאַפין און האָט אין גרויס פּחד אויסגערופן:

„אָ, מיין האַרין! דער מלך פון די רעכטגלויביקע גייט צו דיר. ער שטייט שוין ביי דער טיר צוזאַמען מיט אַפיפן, מעסורן און אַנדערע.”

דערהערט דידאָזיקע ידיעה, זיינען אַלע געבליבן שטיין פאַרבליפט און צומישט, אָבער שעמס-ען-נאַהאַר האָט זיך צולאַכט און געזאָגט:

„שרעקט זיך נישט.”

נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופן צו דער שקלאַפין:

„גיי זאָג דעם קאַליף, אַז איך בין גרייט און ביז דו וועסט אים ברייגנגען דעם ענטפער, וועלן מיר איבערוואַנדערן אין אַן אַנדער אָרט.”

באַלד דערויף האָט זי געהייסן פאַרשליסן אַלע טירן פון אירע צימערן און אַראָפּלאָזן אַלע פּאָרהאַנגען, און אַז דאָס איז געטאָן געוואָרן, איז זי אַוועק אין גאָרטנפּאַלאַץ און זיך אַנידער־געזעצט אויף אַ באַנק און געהייסן אַ שקלאַפין, זי זאָל איר קראַצן די פיס, די שקלאַפינס פון גאָרטן האָט זי אַרויסגעשיקט אין די צימערן, און דער איינציקער שקלאַפין, וואָס האָט איר באַדינט, האָט זי געהייסן עפענען די גאָרטנטיר, כּדי דער קאַליף זאָל קאָנען אַריין.

באַלד דערויף איז אין גאָרטן אַריינגעקומען מעסור מיט צוואַנציק באַגלייטער, וואָס האָבן געהאַלטן אין די הענט בלויזע שווערדן. זיי האָבן זיך פאַרנויגט פאַר שעמס-ען-נאַהאַר, און זי האָט זיי געפרעגט:

„צו וואָס זענט איר געקומען?"

און זיי האָבן געענטפערט:

„דער מלך פון די רעכטגלויביקע גריסט דיך. ער האָט דיך שוין לאַנג נישט געזען און האָט זיך פאַרביינקט נאָך דיר. ער האָט דיר געהייסן זאָגן, אַז עס איז זייער אַ שיינער טאָג און ער וואָלט וועלן פאַרברייינגען מיט דיר צוזאַמען. ווועסטו קומען צו אים, אָדער ער זאָל קומען צו דיר?"

האָט זי זיך אויפגעהויבן און אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון זייערע פיס און זיך אָנגערופן:

„איך הער און געהאָרך דעם באַפעל פונם מלך פון די רעכטגלויביקע."

נאָכדעם האָט זי צונויפגערופן אירע דינערינס און שקלאַ־פינס און האָט זיי מיטגעטיילט, אַז זי מוז דערפילן דעם מלכס רצון.

די צימערן זיינען שוין צוגעגרייט געווען, אָבער זי האָט געזאָגט צו די האַרעמדינער:

„גייט צום מלך פון די רעכטגלויביקע און זאָגט אים, אַז איך וועל אים אָפּוואַרטן, ווען מיינע צימערן וועלן זיין צוגע-גרייט, מחמת איך וויל זיי באַפּוצן מיט גוטע טעפּיכער און אַנדערע שיינע פּוצזאַכן."

זיינען די האַרעמדינער אַוועק צום קאַליף און שעמס-ען-נאַהאַר האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין פּאַלאַץ צו איר געליבטן אַלי, דעם זון פון בעקער, און נאָכדעם ווי זי האָט אים צוגעדריקט צום האַרצן, האָט זי זיך מיט אים הייס צוזעגנט.

דעמאָלט האָט ער זיך ביטער צעוויינט און געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין! דאָס האַרץ ברענט מיר פון ליידנשאַפט און דער קאָפּ שווינדלט פון ליבע, אָבער איך בעט דעם אַל-מעכטיקן, ער זאָל מיר שיינקען געדולט, איך זאָל קאָנען אַרויס מיט גאַנצע כחות פון דעמדאָזיקן ליבע-פייער.”

דערויף האָט שעמס-ען-נאַהאַר געענטפערט:

„ביי גאָט, קיינעם אויף דער וועלט איז נישט אַזוי שלעכט, ווי מיר. דו וועסט אַוועק אויפן מאַרק און וועסט דאָרט רוהיק שמועסן מיט דיינע באַקאַנטע און דיר וועט זיין פריילאַך און וועסט פאַרגעסן אין דיין ליבע. אָבער מיר וועט צוריסן ווערן דאָס האַרץ פון שרעק און זאָרג וועגן דיר. אויסערדעם, איז זייער געפערלאַך אויפצונעמען אַ קאַליף און ליגן אין זיינע אָרעמס, בשעת דאָס האַרץ האָט ליב אַ צווייטן און בענקט שרעקלאַך נאָך אים. און ווי וועל איך קאָנען זינגען און ווי וועל איך קאָנען דעקלאַמירן און ווי וועל איך קאָנען ריידן מיטן קאַליף, ווען דו וועסט נישט זיין פאַר מיינע אויגן? יעדער אָרט דאָ אין צימער און יעדער שטראַל פון דער זון וועט מיר דערמאָנען אָן דיר און וועט מיר אויסברענגען אַ שטיק האַרץ.”

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט אַבדול-האַסאַן געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין, ווער נישט טרויעריק. איך און דער שכל זאָגן דיר: זאָלסט די היינטיקע נאַכט זיין גוט צום קאַליף און אין וואַרימע אָרעמס זאָלסטו אים האַלטן.”

פּלוצלונג איז ווידעראַמאָל אַריינגעלאָפן אַ שקלאַפין און האָט אויסגערופן מיט גרויס פחד:

„אָ, מיין האַרין, די פּאַזשן פונם מלך זיינען שוין דאָ.”

האָט זיך שעמס-ען-נאַהאַר אויפגעהויבן און געזאָגט:

„הער מיך אויס. פיר־אַרויף אַבדול-האַסאַנען און זיין חבר אין דעם אויבערשטן צימער, וואָס זיין פענסטער קומט-אַרויס אין

גאָרטן און לאָז זיי דאָרט איבער, ביז וואַנען עס וועט ווערן רעכט פינסטערלאַך. דעמאָלט זאָלסטו נעמען און אַרויספירן זיי פון דאָרטן אין שטאָט אַריין."

האָט די שקלאַפין אַזוי געטאָן. זי האָט זיי אַרויפגעפירט אין דעם אויבערשטן צימער און זיי דאָרטן פאַרשלאָסן. די צוויי יונגעלייט האָבן נישט געהאַט וואָס צו טאָן, האָבן זיי אַרויסגעקוקט פון פענסטער אין גאָרטן. אין עטלאַכע מינוט אַרום האָבן זיי דערזען, ווי דער קאַליף איז געגאַנגען אין פּאַלאַץ אַריין. הונדערט האַרעמדינער האָבן אים באַגלייט מיט די בלויזע שווערדן אין די הענט און דערביי זיינען געגאַנגען צוואַנציק שקלאַפינס, ענלאַך צו דער לבנה, אָנגעטאָן אין די רייכסטע קליידער, מיט קרוינען און בריליאַנטן אויף די קעפּ און מיט ברענענדיקע ליכט אין די הענט.

דער קאַליף איז געגאַנגען צווישן זיי, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, און מעסור, אַפיף און וואַפיף זיינען געגאַנגען פאָרויס. דער קאַליף איז זייער לאַנגזאַם געגאַנגען. און שעמס-ען-נאַהאַר מיט אירע שקלאַפינס האָבן זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אַרויס אין גאָרטן אַנטקעגן דעם קאַליף.

דאָרט האָט זי אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון זיינע פיס און האָט אים צוגעפירט צום געלעגער, וואָס איז דערביי געשטאַנען. האָט זיך דער קאַליף אַנידערגעזעצט אויפן געלעגער, און אַלע האַרעמדינער און שקלאַפינס, וואָס האָבן זיך געפונען אין גאָרטן, האָבן אים אַרומגערינגלט מיט ברענענדיקע ליכט אין די הענט.

די מוזיק האָט אַזוי לאַנג געשפּילט, ביז דער מלך פון די רעכטגלויביקע האָט געהייסן אַלעמען אַוועקגיין און שעמס-ען-נאַהאַר האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן אים.

אַבדול-האַסאַן און אַלי, דער זון פון בעקער, האָבן די גאַנצע צייט אַרויסגעקוקט פון פענסטער, און דער קאַליף האָט זיי נישט באַמערקט. דער קאַליף איז געווען זייער צערטלאַך צו שעמס-ען-נאַהאַר און נאָכדעם, ווי ער איז געזעסן מיט איר אויפן גאָרטן-געלעגער, האָט ער געהייסן, מען זאָל עפענען אירע צימערן.

האָט מען באַלד געעפנט אַלע טירן און אַלע פענסטער פון

פאַלאַץ און מען האָט דאָרט אָנגעצונדן טויזנטער ליכט. דעמאָלט האָט דער פאַלאַץ געלויכטן אין דער נאַכט, ווי אַ גרויסע זון, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. די האַרעמדינער האָבן גענומען טראָגן געפעסן מיט וויין, און אַז אַבדול-האַסאַן האָט עס דערזען, האָט ער אויסגעשריען:

„ביי גאָט, איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען אַזוינע געפעסן, אַזוינע געטראַנקען און אַזוינע זעלטענע זאַכן, ווי איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געזען אַזוינע קרוי-נען און אַזוינע ברילִיאַנטן. איך געפין מיך ווי אין אַ היצקראַנק-הייט: דער מח ווערט מיר צומישט, דאָס האַרץ שפּרינגט מיר אַרויס!"

אָבער אַלי, דער זון פון בעקער, האָט זיך שטאַרק געפיי-ניקט פון ליבע און איז אַ לאַנגע צייט געלעגן אויף דער פּאָד-לאָגע, ווי אַ געחלשטער. שפּעטער, ווי ער איז געקומען צו זיך, האָט ער אַרויסגעקוקט אין פענסטער און האָט זיך אָנגערופן צו זיין חבר:

„אָ, מיין ברודער, איך האָב מורא, אַז דער קאַליף וועט אונז דערזען, אָדער עמיצער וועט אים זאָגן, אַז מיר זיינען דאָ. איך שרעק מיך בלויז פאַר דיר, ווייל איך, מוזסטו וויסן, געהער צו יענער קליינער צאָל מענטשן, וואָס באַלד, ווי זיי ווערן גע-בוירן אויף דער וועלט, ווערט זיי שוין אָנגעחתמעט דער פּרי-צייטיקער טאָג פון טויט. און שטאַרבן וועל איך פון ליבע און ליידנשאַפט און איך בעט גאָט, ער זאָל מיך וואָס שנעלער באַ-פרייען פון די שווערע ליבע-יסורים."

און ביידע חברים האָבן געשמועסט, און בעת־מעשה אַרויס-געקוקט פון פענסטער און האָבן געזען אַלץ, וואָס ווערט געטאָן אַרום פאַלאַץ. זיי האָבן זיך זייער געחדושט, ווייל זיי האָבן קיינ-מאָל אַזוינע פאַראַדן און מאָלצייטן נישט געזען.

דער קאַליף האָט דערווייל אָנגעקוקט איינע פון זיינע שקלאַפינס און געזאָגט:

„זינג אונז, האַנאַם, איינס פון דיינע צויבערלידער."

און האַנאַם האָט אָנגעהויבן זינגען מיט אַ זילבער-קלינגענ-

דיקער שטים:

עס פייניקט זיך פון ליבע אַן אַראַבערין
און הייסע טרערן פאַלן איר פון אויג.
עס איז די שיינע וועלט איר שוואַרץ געוואָרן,
זי גייט אַרום מיט אַ פאַרברענטן האַרץ.
זי גייט־אַרום און זוכט איר הייס־געליבטן,
נאָר שוואַרץ איז איר דאָס לעבן און די וועלט.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז שעמס-ען-נאַהאַר אַראָפּ־געפאַלן פון געלעגער און געחלשט. האָבן זיך די שקלאַפינס אויפגעשטעלט פון די ערטער און זי אויפגעהויבן, אָבער אין דער אייגענער רגע איז אויך אַלי, דער זון פון בעקער, אַנידערגעפאַלן אין חלשות, און אַבדול-האַסאַן האָט אויסגעשריען:

„ביי גאָט, אַלאַ האָט אייך אַריינגעטאָן אין באַגער, אָבער פריהער האָט ער אים צוטיילט אויף קליינע חלקים.״

אָבער אין דער אייגענער רגע האָט זיך באַוויזן דיזעלבע שקלאַפין, וואָס האָט זיי אַריינגעפירט אין דעמדאָזיקן צימער, און האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, אַבדול-האַסאַן! די צייט איז געקומען און איר מוזט אַוועק פון דאַנען. הויבט זיך אויף און קומט-אַראָפּ אונטן, וואָרום דער באָדן אונטער אייערע פיס איז נישט זיכער און פעסט. קומט אָבער שנעל, ווייל איר קאָנט זיך דאָ זייער לייכט באַצאָלן מיטן לעבן.״

אָבער אַבדול-האַסאַן האָט באַמערקט:

„מיין חבר קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. ער האָט געחלשט.״

האָט אים די שקלאַפין באַשפריצט דאָס געזיכט מיט רויזנ־וואַסער און ער איז געקומען צו זיך. נאָכדעם האָט זי צוזאַמען מיט אַבדול־האַסאַנען גענומען דעם אָפּגעשוואַכטן אַלי, דעם זון פון בעקער, און אַראָפּגעטראָגן אים אויף די הענט אין גאָרטן אַריין.

דאָרט האָט די שקלאַפין אָפּגעעפנט אַ קליין טירעלע און אַרויסגעזעצט אים הינטערן גאָרטן אויף אַ באַנק.

נעבן דער באַנק האָט געפלאָסן אַ טייך, האָט די שקלאַפין

אַ פּאַטש־געטאָן מיט די הענט, איז באַלד צוגעשוואומען אַ קליין שיפל מיט איין רודערער, און ביידע יונגעלייט צוזאַמען מיט דער שקלאַפין האָבן זיך אַריינגעזעצט אין שיפל. דעמאָלט האָט זי זיך אָנגערופן צום רודערער:

„פיר אונז אָפּ צו יענעם ברעג.״

און באַלד ווי דאָס שיפל האָט זיך גענומען באַוועגן אי־בערן וואַסער, האָט אַלי, דער זון פון בעקער, אַ קוק געטאָן אויפן פּאַלאַץ און אויפן גאָרטן און האָט גענומען דעקלאַמירן דאָס פאָלגענדיקע ליד:

איך וויל מיט אייך אינגאַנצן זיך נישט שיידן:
איך וויל נאָך מיין געליבטע זען אין פּאַלאַץ,
און זאָלן אירע קושן מיך באַגליקן
און זאָלן אירע שטראַלן פאַלן אויף מיין האַרץ.

„דו מאַך דאָס עטוואָס גיכער,—האָט די שקלאַפין געזאָגט צום רודערער, און ער האָט פלייסיקער גענומען טרייבן דאָס שיפל.

אַז מען איז געקומען אויפן צווייטן ברעג, האָבן זיך אַלע אַרויסגעזעצט, און די שקלאַפין האָט זיך אָנגערופן:

„עס גלוסט מיר נישט צו שיידן זיך מיט אייך, אָבער איך טאָר ווייטער נישט פאָרן.״

און מיט דידאָזיקע ווערטער איז זי אַוועק צוריק אין פּאַלאַץ.

אַלי, דער זון פון בעקער, איז געלעגן אויף דער ערד אין גראָז און האָט זיך נישט געקאָנט אויפהויבן. אַבדול־האַסאַן האָט זיך אַרומגעקוקט און געזאָגט:

„דאָ איז אַ גאַנץ געפערלאַך אָרט. דאָ קאָנען אונז באַפאַלן גזלנים אָדער אַזוי שלעכטע מענטשן.״

„האָט זיך אַלי, דער זון פון בעקער, אויפגעהויבן און האָט געמאַכט עטלאַכע טריט, אָבער ווייטער גיין האָט ער נישט גע־קאָנט.

אַבדול־האַסאַן האָט אין דער געגנט געהאַט באַקאַנטע און פריינט, איז ער אַוועק צו איינעם פון זיי, וועלכן ער האָט גע־קאָנט פאַר אַן אָרנטלאַכן מאַן און האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

איז דער באַלעבאָס באַלד אַרויס פון שטוב, און אַז ער

האָט דערזען אַבדול-האַסאַנען מיט זיין חבר, האָט ער זיי באַגריסט און אַריינגעפירט צו זיך אין שטוב, וואו ער האָט זיי געבעטן זיצן און זיך צושמועסט מיט זיי.

נאָכדעם האָט ער זיי געפרעגט, וואו זיינען זיי געווען, און אַבדול-האַסאַן האָט געזאָגט:

„מיר זיינען געווען ביי איינעם אַ מאַן, מיט וועלכן איך שטיי פאַרבונדן אין פאַרשידענע געלט-געשעפטן. איך האָב אָבער געהערט, אַז ער וויל אַוועקפאָרן און נישט אָפּצאָלן מיר, וואָס מיר קומט. צוליב דעם אייגנטלאַך האָב איך אים היינט באַזוכט צוזאַמען מיט מיין חבר. אָבער ער האָט געטאָן איין קלייניקייט: ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון אונז. און אַזוי האָבן מיר זיך אומגעקערט מיט ליידיקע קעשעניש. אָבער אַזוי ווי די געגנט איז דאָ אַ פאַרוואָרפענע און שלעכטע מענטשן בלאָנקען דאָ אַרום, זיינען מיר אַוועק צו דיין הויז און אָנגעקלאַפּט אין דיין טיר, ווייל דיין גוטסקייט און דיינע גוטע מדות זיינען מיר שוין לאַנג באַקאַנט.“

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיי דער באַלעבאָס זייער העפלאַך אויפגענומען און זיי האָבן ביי אים איבערגענעכטיקט. אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן זיי זיך צוזעגנט מיטן באַלעבאָס און זיינען אַוועק אין שטאָט אַריין.

אַבדול-האַסאַן האָט געבעטן זיין חבר, ער זאָל אַריין צו אים אין הויז און דאָרט זיך אָפּרוען. האָט אַלי, דער זון פון בעקער, געפאָלגט זיין חבר און איז אַריין צו אים אין הויז, וואו ביידע האָבן זיך פון דאָסניי געלייגט שלאָפן, און אַז זיי זיינען אויפגעשטאַנען, האָט אַבדול-האַסאַן אָנגעזאָגט זיינע דינער, אַז זיי זאָלן גוט אויספּוצן דאָס הויז, ווי עס פּאַסט פאַר זיין ליבן גאַסט, און דערביי האָט ער זיי באַמערקט:

„איך באַדאַרף אַמוזירן דעמדאָזיקן יונגנמאַן, ווייל מיר איז באַוואוסט זיין צושטאַנד.“

אַלי, דער זון פון בעקער, האָט געבעטן וואַסער און ער האָט זיך צעוואַשן די פיס און די הענט און נאָכדעם האָט ער אָפּגעזאָגט אַ תפילה. נאָך דער תפילה איז אַבדול-האַסאַן צוגעגאַנ-

בען צו אים און געזאָגט:

„אָ, מיין ליבער אַלי, איך וואָלט דיר געגעבן די בעסטע עצה, דו זאָלסט היינט נעכטיקן ביי מיר. ווארום ביי מיר וועט זיך דיין האַרץ בארוהיקן, דיינע אַנגסטן וועלן אָפּטרעטן און אין די געשפּרעכן מיט מיר וועסטו געפינען אַ תענוג."

האָט אַלי דער זון פון בעקער, אויפגעהויבן אַ פּאָר טרויעריקע אויגן און געזאָגט:

„טו מיט מיר, ווי דו פאַרשטייסט. דו זאָלסט וויסן, אַז נאָכדעם, ווי עס איז געשען מיט מיר דאָס גרויסע ליבע-אומגליק, האָב איך פאַרלאָרן מיין רצון. איך ווייס נישט, וואו איך בין און איך ווייס נישט, וואָס איך וויל. טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט."

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט אַבדול-האַסאַן אַוועקגעשיקט נאָך מוזיקאַנטן און זינגערינס.

דעם גאַנצן טאָג האָבן זיי געגעסן און געטרונקען און אין אָוונט האָבן זיי אָנגעצונדן ליכט, עס האָבן געשפּילט מוזיקאַנטן און זינגערינס האָבן געזונגען און מען האָט געטרונקען טייערן וויין.

איינע פון די זינגערינס האָט גענומען זינגען פון אַ ליבע, וואָס איז צוריסן געוואָרן ווי אַ האַרץ פון אַ חיה אין די נעגל פון אַ בלוטדורשטיקן טיגער און אַז אַלי, דער זון פון בעקער, האָט עס דערהערט, איז ער בלאַס געוואָרן און איז געפאַלן אין חלשות.

ערשט פאַרטאָג איז ער געקומען צו זיך און האָט געבעטן, מען זאָל אים אָפּפירן אַהיים.

אַבדול-האַסאַן האָט געזען, אַז ער קאָן אים בשום-אופן נישט צוריידן, ער זאָל בלייבן, האָט ער געהייסן זיינעם אַ דינער, ער זאָל ברייגגען אַ מוילאייזל.

אַז דער דינער האָט דערפילט זיין האַרס באַפעל, האָט אַבדול-האַסאַן אַוועקגעזעצן אַלי, דעם זון פון בעקער, אויפן מויל-אייזל און האָט אים פערזענלאַך אָפּגעפירט אַהיים.

אַבדול-האַסאַן האָט אַפילו געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט זיי

ביידן מציל-געווען פון אַ שרעקלאַכער סכּנה, בשעת זיי האָבן זיך ביידע געפונעןביים קאַליף אין פּאַלאַץ. דערויף האָט אים אַלי, דער זון פון בעקער, באַמערקט:

„אָ, מיין ברודער! דו זאָלסט מיר מיטטיילן אַלץ, וואָס דו ווייסט נאָר הערן און זען."

„איך הער און געהאָרך,"—האָט אַבדול-האַסאַן געזאָגט.

דעמאָלט איז אַבדול-האַסאַן אַוועק צו זיך אין קראָם און גענומען געדולדיק וואַרטן אויף ידיעות פון שעמס-ען-נאַהאַר. אָפּ-געווען דעם טאָג אין קראָם, איז ער ביינאַכט אַוועק אַהיים און אינדערפרי האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק צו זיין פריינט אַלי, דעם זון פון בעקער. דאָרט האָט ער אים געפונען ליגן אין בעט, אַרומגערינגלט פון פריינט און דאָקטוירים, וואָס האָבן אים פאַרשריבן רעצעפּטן און געטאַפּט דעם פּולס.

אַז אַלי, דער זון פון בעקער, האָט דערזען זיין אַריינ-געקומענעם פריינט, האָט ער אַ שמייכל געטאָן, זיי האָבן זיך ביידע זייער וואַרים באַגריסט, און אַבדול-האַסאַן האָט זיך אַני-דערגעזעצט.

אַלע געסט זיינען אַרויסגעגאַנגען און אַבדול-האַסאַן האָט געפרעגט:

„אַלי, וואָס איז מיט דיר?"

דערויף האָט אַלי געענטפערט:

„מיינע שכנים האָבן זיך דערוואוסט, אַז איך בין קראַנק געוואָרן, זיינען זיי געקומען מיך געוואָר-ווערן. איך האָב זיי אַפילו געוואָלט דערווייזן, אַז דאָס איז נישט אַזוי, אַז איך בין געזונט, אָבער דאָס איז מיר נישט געלונגען. איך קאָן מיך נישט אויפהויבן פון בעט, און אַזוי ליג איך די גאַנצע צייט. אָ, מיין ברודער, זאָג מיר, אפשר האָסטו געזען איינע פון יענע שקלאַ-פינס אָדער דו ווייסט אַזוי עפּיס נייעס פון איר?"

האָט אַבדול-האַסאַן אַ גלעט געטאָן זיין האַנט און געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער, איך ווייס גאָרנישט. זינט זי האָט אונז איבערגעלאָזט אויפן ברעג טייך, איז זי מער נישט געקומען צו מיר, אָבער איך ראַט דיר, דו זאָלסט זיך שטאַרקן און זאָלסט

אויפהערן צו וויינען."

אָבער דערויף האָט אַלי, דער זון פון בעקער, געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער, איך קאָן מיך נישט באַהערשן! איך לייד אויף אַ קראַנקהייט, פון וועלכער איך האָב ביז אַהער נישט געוואוסט, אָבער איצט בין איך אַ פאַרפאַלענער. איך האָב נישט קיין שום האָפנונג, אַז איך וועל אויסגעהיילט ווערן, סיידן דער גוטער טויט זאָל קומען און זאָל מיר צומאַכן די אויגן."

„אַלאַ וועט דיך אויסהיילן!"—האָט אַבדול-האַסאַן באַמערקט.

ער האָט זיך זייער וואַרים צוזעגנט מיט זיין פריינט און איז אַוועק עפענען די קראָם.

אַז ער האָט געעפנט די קראָם, איז באַלד געקומען די שקלאַפין און זיך פאַרנויגט פאַר אים.

האָט ער געענטפערט אויף איר באַגריסונג, אָבער אַז ער האָט זיך בעסער צוגעקוקט צו איר, האָט ער באַמערקט, אַז איר איז שווער אויף דער נשמה, אַז זי האָט אַ גרויסן צער און איז אומעטיק.

און ער האָט זיך אָנגערופן צו איר:

„וואָס מאַכט איר? און וואָס מאַכט שעמס-ען-נאַהאַר?"

האָט די שקלאַפין געזאָגט:

„איך וועל דיר באַלד דערציילן, וואָס זי מאַכט, אָבער זאָג מיר צוערשט, ווי פילט זיך אַלי, דער זון פון בעקער?"

דעמאָלט האָט איר אַבדול-האַסאַן דערציילט אַלץ, וואָס מיט יענעם האָט פאַסירט, און די שקלאַפין האָט געזיפצט און געגאַפט און געשטיינט. נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופן:

„מיין האַרינס צושטאַנד איז נאָך ערגער. בשעת איך האָב אייך איבערגעלאָזט אויפן צווייטן ברעג טייך און בין געקומען צוריק אין פאַלאַץ אַריין, האָט מיר שטאַרק געקלאַפט דאָס האַרץ פון שרעק און אומרוהיקייט. איך האָב דעמאָלט נישט געגלויבט, אַז איר וועט קומען בשלום אַהיים, און, אין דער אייגענער צייט האָב איך מיך שטאַרק געשראָקן פאַר מיין האַרין, וואָרום איך קאָן זייער גוט איר פילבאַר האַרץ. שפּעטער, אַז איך בין אַריין צו איר אין צימער, האָב איך זי געטראָפן ליגן אין בעט און

זי האָט נישט געענטפערט אויף מייַנע פראַגן. דער מלך פון די רעכטגלויביקע איז איר געזעסן צוקאָפּנס און האָט געגאַפּט און האָט נישט געוואוסט און נישט פאַרשטאַנען איר קרייַנקהייט. דאָס איז געווען אַ מין חלשות-קרייַנקהייט, און זי איז געלעגן אומבאַוועגט מיט האַלבפאַרמאַכטע אויגן, און אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי דער קאַליף געפרעגט:

„שעמס־ען-נאַהאַר, זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר? זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר געשען?"

דערהערט, צולעצט, דידאָזיקע פראַגע, האָט זי זיך באַוועגט און אַ קוש געטאָן דעם שטויב פון זייַנע פיס און געזאָגט:

„אָ, גרויסער מלך פון די רעכטגלויביקע! זאָל מיך גאָט באַשטראָפן, ווייל איך בין דאָס ווערט. דער מאָגן איז מיר קאַליע געוואָרן און דערפון טוט מיר ווי דער קאָפּ און איך האָב באַקומען היץ. באַטירלאַך, מייַן לאַגע איז זייער אַ שווערע, און איין גאָט ווייס, ווען דאָס וועט זיך ענדיקן."

האָט דער קאַליף זי אָנגעקוקט און געפרעגט:

„שעמס-ען-נאַהאַר, זאָג מיר, וואָס האָסטו הייַנט געגעסן?"

האָט זי שטיל געענטפערט:

„צום פרישטיק האָט מען מיר געגעבן אַזאַ מאכל, וואָס איך עס איט צום ערשטן מאָל אין מייַן לעבן."

אָבער אין דער אייגענער רגע האָט זי געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי איז שוין געזונט געוואָרן און האָט געהייסן, מען זאָל אַרייַנטראָגן ווייַנען און דער קאַליף זאָל זיך אַמוזירן, ווי אַלעמאָל. האָט זיך דער קאַליף אויפגעהויבן פון זייַן אָרט און גענומען אַרומשפּרייַזן איבערן צימער און דעמאָלט האָט זי מיך צוגערופן דורך אַ פאַרבאָרגענעם צייכן און האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן דיר און דייַן חבר. האָב איך איר דערציילט אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן מיט אייַך און האָב איר אויך דעקלאַמירט די אַלע לידער, וואָס אַלי, דער זון פון בעקער, האָט דעקלאַמירט, און זי האָט מיך אויסגעהערט און געשוויגן. נאָכדעם האָט דער קאַליף געהייסן אַ שקלאַפין, זי זאָל זינגען און יענע האָט געזונגען דאָסדאָזיקע ליד:

נאָך דיין אוועקפאָר איז מיין זון פאַרגאַנגען
און ס'וויס נישט מער מיין האַרץ פון פרייד און גליק.
פון מיינע הייסע טרערן דאַרפּסטו פילן,
ווי שווער עס ליגט די צייט אויף מיין נשמה.
איך האָב פאַרלאָרן מיין געליבטן, קוק זיך צו:
מיין הימל איז אָן זון און אָן לבנה.

דערהערט דאָסדאָזיקע ליד, איז שעמס-ען-נאַהאַר פון דאָס-ניי אַריינגעפאַלן אין חלשות.

האָב איך זי אָנגענומען ביי דער האַנט און באַשפּריצט איר דאָס געזיכט מיט רויזנוואַסער. דעמאָלט איז זי ווידעראַמאָל געקומען צו זיך, און איך האָב מיך אָנגערופן צו איר:

„אָ, מיין האַרין! זיי פאַרזיכטיק און שטעל אַזוי אָפן נישט אַרויס דיין צער. דו קאָנסט זיך זייער האַרב באַצאָלן דערפאַר. אין נאָמען פון דיין געליבטן זאָג איך דיר, דו זאָלסט זיך שטאַרקן און זיך קליגער אויפפירן."

אָבער זי האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין שוועסטער! צי קאָן מיט מיר געשען עפּיס ערגערס נאָך פון טויט? און איך וויל שטאַרבן, ווייל בלויז דער טויט אַליין וועט מיך באַרוהיקן און פאַרוויגן."

אַזוי האָבן מיר זיך שטיל און לאַנג גערעדט, און די שקלאַפין האָט ווייטער געזונגען:

מען זאָגט, מען דאַרף געדולדיק זיין און שטאַרק
און דעמאָלט קומט די ליבע פון דאָסניי.
צי קאָן מען אָבער רוהיק זיין אין ליבע,
צי קאָן אין ליבע וואַקסן די געדולט?
אָ, ניין, געדולט איז גאָר אַ נישטיק וואַסער,
צו לעשן יענע הייסע ליבע־פלאַמען!

און דאָ איז שעמס-ען-נאַהאַר ווידעראַמאָל אַריינגעפאַלן אין חלשות.

דאָסמאָל האָט עס דער קאַליף באַמערקט, איז ער שנעל צוגעגאַנגען צו איר בעט און האָט געהייסן, מען זאָל אַרויסטראָגן די ווייגען און די נאַשערייען און די שקלאַפינס זאָלן

אַוועק אין זייערע צימערן.

דער קאַליף איז געזעסן מיט איר סאַמע ביז אינדערפֿרי און דעמאָלט האָט ער גערופֿן די בעסטע דאָקטוירים און געהייסן, זיי זאָלן איר צושרייבן עפּיס אַ מיטל, זי זאָל געזונט ווערן.

ער האָט גאָרנישט חושד-געווען, אַז זי ליידט אויף דער ליבע-קראַנקהייט.

איך בין פֿאַרבליבן ביי איר, ביז זי האָט זיך פֿאַרבעסערט אין געזונט, און דעריבער האָב איך נישט געקאָנט קומען צו דיר.

אַז זי איז געזונט געוואָרן האָט זי מיר גלייך געהייסן איך זאָל אַריינגיין צו דיר און ביי דיר זיך דערוויסן, וואָס מאַכט אַלי, דער זון פֿון בעקער, און מיט דער תּשובֿה, וואָס דו וועסט מיר געבן, זאָל איך באַלד קומען צו איר.״

אַבדול-האַסאַן האָט זיך זייער געחדושט פֿון דערדאָזיקער געשיכטע, און צולעצט, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

„ביי גאָט, איך האָב דיר אַלץ דערציילט, וואָס איך וויים וועגן אַלי, דעם זון פֿון בעקער. קער זיך אום צו דיין האַרין, גריס זי פֿון מיינטוועגן און זאָג איר, אַז זי זאָל זיין געדולדיק און זאָל נישט אויסגעבן איר סוד. זאָג איר אויך, אַז איך פֿאַרשטיי זי זייער גוט און אַז איך פֿיל שטאַרק מיט איר צער, אָבער פֿריער פֿון אַלץ מוז מען זיין אַ מענטש און אויסוואַרטן אויף אַ גינסטיקערע צייט.״

האָט די שקלאַפֿין אים זייער געדאַנקט פֿאַר דידאָזיקע וואַרימע ווערטער, נאָכדעם האָט זי זיך צוזעגנט מיט אים און איז אַוועק צו איר האַרין.

אַבדול האַסאַן האָט פֿאַרבראַכט אין זיין קראָם, ביז עס איז רעכט פֿינסטער געוואָרן, דעמאָלט האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און פֿאַרשלאָסן די קראָם און איז אַוועק צו זיין פֿריינט אַלי, דעם זון פֿון בעקער, וואו ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. איז פֿון אַליס הויז אַרויס אַ דינער און האָט אים אַריינגעפֿירט אין צימער. דערזען זיין פֿריינט, האָט אַלי, דער זון פֿון בעקער, אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופֿן:

„אָ, מיין ברודער, אַבדול-האַסאַן, דו ווייסט גאָרנישט, ווי איך האָב געליטן, ווייל איך האָב דיך נישט געזען אַ גאַנצן טאָג. זאָלסט וויסן, אַז מיין האַרץ ביינקט נאָך דיר שטענדיק."

דערויף האָט אַבדול-האַסאַן געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער! דו קאָנסט נאָך נישט מיין פריינטשאַפט, ווי איך זע. זאָלסט וויסן, אַז ווען עס וואָלט נויטיק געווען, וואָלט איך גאַנץ לייכט אָפּגעגעבן מיין לעבן פאַר דיר. היינט איז ביי מיר געווען די שקלאַפין און האָט מיר דערציילט, פאַר-וואָס זי האָט זיך די גאַנצע צייט נישט געוויזן צו מיר אין קראָם. די סיבה איז זייער אַ פאַרשטענדלאַכע: דער קאַליף איז כמעט די גאַנצע צייט געזעסן ביי שעמס-ען-נאַהאַר. די שקלאַפין האָט מיר אַלץ דערציילט."

און דאָ האָט ער אים איבערגעגעבן דאָס אַלץ, וואָס מיט זיין געליבטער האָט פּאַסירט. האָט זיך אַלי, דער זון פון בע-קער, שטאַרק צעוויינט און, אַ וויינענדיקער, זיך אָנגערופן צו זיין חבר:

„ביי גאָט, דו מוזט מיר העלפן אין מיין נויט און דו מוזט מיר זאָגן, וואָס איך האָב צו טאָן. איך בעט דיך אויך, דו זאָלסט דאָ איבערנעכטיקן און באַרוהיקן מיין האַרץ מיט גוטע ווערטער."

אַבדול-האַסאַן האָט, נאַטירלאַך, דערפילט זיין רצון און איז פאַרבליבן אויף דער נאַכט ביי אַלי, דעם זון פון בעקער, אין הויז.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן ביידע גערעדט צווישן איינאַנדער, און אַ גאַנצע נאַכט האָט אַלי, דער זון פון בעקער געחלשט און געוויינט.

אַבדול-האַסאַן האָט געמיינט, אַז אַלי, דער זון פון בעקער, וועט שוין שטאַרבן די נאַכט, ווייל ער איז געלעגן שעהענווייז אין שווערער חלשות און מען האָט אים בשום-אופן נישט גע-קאָנט אָפּמינטערן.

אינדערפרי אָבער איז אַלי, דעם זון פון בעקער, עטוואָס לייכטער געוואָרן, און דעמאָלט האָט זיך אַבדול-האַסאַן אויפגע-הויבן און איז אַוועק עפענען די קראָם.

באַלד ווי ער האָט נאָר אָפּגעשלאָסן די קראָם, איז געקומען די שקלאַפין און האָט זיך טיף פאַרנויגט פאַר אים, און אַז ער האָט אויך דאָס אייגענע געטאָן, האָט זי זיך נאָכאַמאָל פאַרנויגט, אַלס גרוס פון איר האַרין, און האָט זיך אָנגערופן:

„זאָג מיר, וואָס מאַכט אַלי, דער זון פון בעקער?"

האָט אַבדול-האַסאַן געזאָגט:

„אָ, מיין שיינע יונגפרוי, פרעג שוין בעסער נישט. זיינעליידן זיינען איבערנאַטירלאַכע. ביינאַכט שלאָפט ער נישט און בייטאָג עסט ער נישט און זיין געוויינלאַכער צושטאַנד איז — חלשות. איך האָב שוין קיין האַרץ נישט צו קוקן דערויף."

אַבדול-האַסאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן און די שקלאַפין האָט זיך אָנגערופן:

„מיין האַרין גריסט דיך און אים און זי האָט אים אָנגעשריבן אַ בריף. מיין האַרין געפינט זיך אין אַן ערגערן צושטאַנד, ווי ער. זי האָט מיר איבערגעגעבן דעם בריף צו אים מיט די־דאָזיקע ווערטער: „זאָלסט זיך נישט צוריקקערן אָן אַן ענטפער און זאָלסט זיך באַגיין אַזוי, ווי איך הייס דיך." אָט איז דער בריף. אפשר וועסטו גיין מיט מיר צו אים, כדי איך זאָל איר קאָנען ברייגנען אַן ענטפער פון אים?"

„איך הער און געהאָרך," — האָט אַבדול-האַסאַן געזאָגט און נאָכדעם, ווי ער האָט פאַרשלאָסן די קראָם, איז ער אַוועק צוזאַמען מיט דער שקלאַפין.

אָבער זיי זיינען געגאַנגען נישט מיט דעם אייגענעם וועג און אַז זיי זיינען, צולעצט, געקומען צו אַלי, דעם זון פון בעקער, האָט ער איבערגעלאָזט די שקלאַפין ביי דער טיר און אַליין אַריין אין הויז.

און אַז אַלי, דער זון פון בעקער, האָט אים דערזען, האָט ער זיך זייער דערפרייט, און אַבדול-האַסאַן האָט זיך אָנגערופן:

„איך בין געקומען צו דיר, ווייל איינער אַ מאַן האָט דיר געשיקט אַ בריף דורך זיין שקלאַפין. אין דעמדאָזיקן בריף דריקט ער דיר אויס זיין פריינטשאַפט און זאָגט, אַז ער האָט דיך נישט באַזוכט צוליב עפּיס אַן אומשטאַנד, וואָס האָט אים געשטערט.

זיין שקלאַפין שטייט דאָ ביי דער טיר. אפשר זאָל איך זי אַריינ-רופן אַהער?"

„רוף זי אַריין,"—האָט אַלי קורץ באַמערקט.

דעמאָלט האָט אים אַבדול-האַסאַן געגעבן צו פאַרשטיין דורך אַ צייכן, אַז דאָס איז שעמס-ען-נאַהאַרס שקלאַפין, און אַלי, דער זון פון בעקער, האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז זיין פרייגטס רייד זיינען געווען בלויז אַ פאַרזיכטסמיטל.

אָבער אַז ער האָט דערזען די שקלאַפין, איז ער אַזוי צו-מישט געוואָרן, אַז די ערשטע עטלאַכע מינוט איז אים די צונג פאַרגליווערט געוואָרן.

באַלד דערויף איז ער געקומען צו זיך און האָט זיך אָנ-גערופן צו דער שקלאַפין:

„נו, וואָס מאַכט דיין האַר? זאָל אים גאָט שיינקען גע-זונט און הצלחה."

„מיין האַר,—האָט די שקלאַפין געענטפערט,—איז געזונט."

און ביי דידאָזיקע ווערטער האָט זי אים דערלאַנגט דעם בריף.

אַז דאָס שטיקל פאַפיר איז געקומען צו אים אין די הענט אַריין, האָט ער עס פריער אַ קוש געטאָן און נאָכדעם דורכגע-לייענט. נאָכן לייענען האָט ער אים איבערגעגעבן אַבדול-האַסאַנען און פאַר זיינע אויגן זיינען אַנטפלעקט געוואָרן דידאָזיקע ווער-טער:

> דערדאָזיקער שליח וועט דיר אַלץ דערציילן,
> דערדאָזיקער שליח וויים מיין לעבן גוט.
> איך האָב פאַר דיר קיין גוטע נייס, געליבטער:
> מיין אויג האָט טרערן און מיין האַרץ האָט צער.
> אָ, ווען וועט זיין אַ סוף צו מיינע ליידן?
> עס ברייננט מיר יעדער טאָג נאָר וויי און אַנגסט.

נאָכדעם האָט זי געשריבן פאָלגנדיקס: „איך האָב דיר אָנגעשריבן אַ בריף אָן די הענט און האָב גערעדט מיט דיר אָן דער צונג. מיין לעבן איז נישט מעגלאַך צו שילדערן. ביי-נאַכט שלאָף איך נישט און מיין האַרץ ברענט אין ליבע-ווייען.

און עס ווייזט מיר אויס, אַז איך בין קיינמאָל נישט געווען געזונט און גליקלאַך, קיינמאָל שיין נישט געווען און קיינמאָל פריילאַך נישט פאַרבראַכט די צייט. מיר דאַכט זיך, אַז איך בין אַ געוועב פון ליידנשאַפט און יסורים, פון ליבע און פון בייגקשאַפט. די קראַנקהייט פאַרלאָזט מיך נישט, מיינע גלוסטן אָבער צעוואַקסן זיך פון שעה צו שעה. איך בעט צו גאָט, ער זאָל אונז שנעלער באַהעפטן און עס זאָל קומען אַ סוף צו מיינע ליידן, איצט פאַרלאַנג איך, דו זאָלסט מיר אָנשרייבן עטלאַכע ווערטער, וואָס זאָלן מיך דערפרייען. איך בעט אויך גאָט, ער זאָל דיר געבן כוחות און געדולט און זאָל זיין ברכה רוהען אויף דיין קאָפּ!"

אַז אַלי, דער זון פון בעקער, האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם בריף פון אָנהויב ביזן סוף, האָט ער געזאָגט:

„מיט וואָסער האַנט זאָל איך איר שרייבן און מיט וואָסערע ווערטער קאָן איך איר אויסדריקן מיין אַנגסט?"

דאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און האָט איר אָנגעשריבן דידאָזיקע ווערטער:

„אין נאָמען פון אַלמעכטיקן און דערבאַרמלאַכן אַלאַ! דיין בריף, אָ, מיין האַרין, האָב איך באַקומען און דיינע זיסע ווערטער האָבן אַריינגעפלאָסן צו מיר אין דער נשמה, ווי פרימאָרגענטוי. די יסורים פון דיין קנעכט זיינען עטוואָס געלינדערט געוואָרן. איך שווער דיר ביי מיין קאָפּ, אָ, מיין האַרין, אַז דיין קנעכט געפינט זיך אין דער אייגענער לאַגע, ווי עס ווערט געשריבן ביי די דיכטער:

דאָס האַרץ איז פול מיט פיין, דער מח פול מיט זאָרג,
און ס'וויס מיין אויג נישט פון קיין שלאָף און רו.
מיר דאַכט זיך, אַז עס וואַרט אויף מיר מיין סוף.
מיין קבר ליגט שוין ערגעץ גרייט פאַר מיר.

און וויסן זאָלסטו, אַז בשעת אַ מענטש קלאָגט זיך, לעשט עס ווייניק דעם פלאַם פון זיינע ליידן, דאָך פאַרלאָזט מיך נישט די האָפנונג און איך גלויב אין די ווערטער פון דיכטער:

אָ, ווען די ליבע וואָלט געקאָנט נאָר גליק,

וואָלט דעמאָלט נישט געווען דער זיסער תענוג
פון שטילע ליבע צעטעלאַך און בריף
און הייסע ווייטע ליידנשאַפט־גרוסן.

אָנגעשריבן דעם בריף, האָט אַלי, דער זון פון בעקער, איבערגעגעבן אים אַבדול-האַסאַנען, און אַז יענער האָט אים איבערגעלייענט, האָט ער אים איבערגעגעבן דער שקלאַפין, און אַלי, דער זון פון בעקער, האָט געזאָגט:

„זאָג דיין האַרין, אַז איך גריס זי און דערצייל איר פון מיין בייִנקשאַפט און מיין ליידנשאַפט. זאָג איר אויך, אַז די ליבע עסט-אויף מיין געביין און פלייש, דו הערסט?"

און ביי דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט. די שקלאַפין האָט זיך אויך צעוויינט און נאָכדעם, ווי זי האָט זיך צוזעגנט מיט די ביידע פריינט, איז זי אַוועק צו איר האַרין.

דאָס אייגענע האָט אויך געטאָן אַבדול-האַסאַן, וואָס איז אַוועק צו זיך אין קראָם. דאָס האַרץ האָט אים וויי געטאָן און ער האָט זיך געשפּירט זייער שלעכט.

אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך נישט געקאָנט באַרוהיקן, אָבער אויף מאָרגן איז ער אַוועק צו אַלי, דעם זון פון בעקער, און האָט דאָרט אָפּגעוואַרט ביז אַלע געסט זיינען אַוועקגעגאַנגען.

דעמאָלט איז ער אַריין צו אים אין צימער און האָט אים געפרעגט, וואָס ער מאַכט. אַלי, דער זון פון בעקער, האָט זיך, נאַטירלאַך, געקלאָגט אויף זיינע גרויסע יסורים און ליבע־ווייען און האָט אים דעקלאַמירט אַ פאַרצווייפלט ליבע־ליד.

אַבדול־האַסאַן האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט און האָט זיך אָנגערופן:

„איך האָב קיינמאָל נישט געזען און נישט געהערט פון אַזוינע פאַרליבטע, ווי דו. איך פאַרשטיי נישט, וואָס פייניגסטו זיך אַזוי, ווי באַלד דיין געליבטע האָט דיך אויך ליב און ענטפערט דיר מיט ליבע אויף ליבע. וואָס וואָלט געווען, פרעג איך דיך, ווען דו וואָלסט ליב געהאַט אַ פרוי, וועלכע וואָלט דיך גע-

האָסט און פיינט געהאַט? אַלי, זון פון בעקער, דו באַדאַרפסט זיך צוהערן צו מיינע ווערטער און באַדאַרפסט מיר דאַנקבאַר זיין פאַר זיי."

אַבדול-האַסאַן האָט געהאַט אַ פריינט, וואָס האָט זייער גוט געוואוסט זיינע געשעפטן און האָט אויך געוואוסט פון אַליס היי-סער ליבע צו שעמס-ען-נאַהאַר. עפטער פלעגט ער קומען צו אַבדולן אין קראָם און פלעגט זיך נאָכפרעגן אויף אַלי, דעם זון פון בעקער.

איינמאָל, פאַרנאַכט, איז ער געקומען צו אַבדול-האַסאַנען און זיך געפרעגט, וואָס מאַכט שעמס-ען-נאַהאַר?

האָט אַבדול-האַסאַן געזאָגט:

„זי האָט אים איינמאָל איינגעלאַדן צו זיך, אָבער וואָס קאָן דערפון אַרויסקומען. זיי קאָנען זיך נישט באַהעפטן. איך האָב אָבער צוגעטראַכט אַ שטיקל פּלאַן, און דו וועסט מיך אודאי אויסהערן."

האָט אַבדולס פריינט געפרעגט:

„וואָס איז דיין פּלאַן?"

דערויף האָט אַבדול געענטפערט:

„איך בין אַ מענטש פון אַ סך געשעפטן און איך האָב מורא, אַז דער סוד פון די צוויי פאַרליבטע זאָל נישט אַנטפּלעקט ווערן. וואָרום אין אַזאַ פאַל וואָלטן מיר, חלילה, אַלע אומגעקו-מען: איך און מיין פאַמיליע און מיין פאַרמעגן. איך מיין, אַז איך באַדאַרף צונויפזאַמלען אַ ביסל געלט און אַרויספאָרן קיין על-באַשראַך און דאָרט פאַרבלייבן ביז די געשיכטע מיט די פאַר-ליבטע וועט זיך ענדיקן, וואָרום די ליבע האָט זיי אינגאַנצן צו-מישט די מוחות און זיי שרייבן זיך בריף און אַלס פאַרמיטלע-רין דינט זיי עפּיס אַ שקלאַפין, וואָס גיט דערווייל קיינעם נישט אויס זייער סוד, אָבער איך האָב מורא, אַז זי וועט זיך אַמאָל נישט איינהאַלטן און וועט דערציילן פון זייער ליבע, און דע-מאָלט וועל איך מיך זיכער באַצאָלן מיט מיין פלייש און בלוט, וואָרום איך וויל קיין איין באַווייז נישט קאָנען אַרויסשטעלן, אַז איך בין אומשולדיק."

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך זיין פריינט אָנגערופן:

„אָ, מיין פריינט, דו האָסט מיר דערציילט אַזאַ געשיכטע, וואָס האָר און נעגל הויבן זיך אויף. אַ שרעק נעמט-דורך די בלוטן. זאָל דיך אַלאַ באַשיצן פון צער און אַנגסט. דיין פּלאַן איז מיר זייער געפעלן. דו מוזט אַרויספאָרן קיין על-באַשראַך, און דאָרט איבערוואַרטן די צייט.“

אַבדול-האַסאַן איז אַוועק אַהיים איינאָרדנען זיינע געשעפטן און צוגרייטן זיך צו דער נסיעה, און אין דריי טעג אַרום איז ער שוין אַרויסגעפאָרן קיין על-באַשראַך.

אַז זיין פריינט האָט אים געמאַכט אַ וויזיט אין עטלאַכע טעג אַרום, האָט ער אים שוין נישט געפונען אינדערהיים, און די שכנים האָבן אים געזאָגט, אַז אַבדול-האַסאַן איז אַרויסגעפאָרן קיין על-באַשראַך, ווייל זיינע געשעפטן האָבן אים אַרויסגעפאָדערט אַהין.

דאָך אָבער האָט זיין אָפּפאָר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אויף זיי פריינט און ער האָט זיך אָנגערופן צו זיך:

„אַ שאָד, וואָס מיין פריינט אַבדול-האַסאַן איז אַוועקגעפאָרן. אָן אים איז מיר אומעטיק און לאַנגווייליק.“

ער איז געגאַנגען און געטראַכט, ווי אַזוי צו באַקאָנען זיך מיט אַלי, דעם זון פון בעקער, און נאָך אַ לאַנגן ישוב-הדעת איז ער אַוועק צו אַליס הויז און האָט זיך אָנגערופן צו איינעם פון זיינע דינער:

„פרעג דיין האַר, צי וועט ער מיך דערלויבן אַריינגיין צו אים אין שטוב און זיך צוגריסן מיט אים.“

איז דער דינער אַוועק און האָט דערפילט זיין בקשה. אין עטלאַכע מינוט אַרום האָט ער זיך פון דאָסניי באַוויזן און האָט אַריינגעפירט דעם גאַסט אין שטוב אַריין.

אַלי, דער זון פון בעקער, איז געזעסן אויף קישנס און ווייכע מאַטראַצן, און דער גאַסט האָט זיך פאַרנויגט פאַר אים. אַלי, דער זון פון בעקער האָט אים געענטפערט אויף זיין באַגריסונג.

דעמאָלט האָט דער גאַסט באַדויערט, וואָס ער האָט אים פריער נישט באַזוכט און דערביי האָט ער געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, וויסן זאָלסטו, אַז איך און אַבדול-האַסאַן זיינען געווען הייסע פריינט און איך האָב פאַר אים קיין שום סודות נישט געהאַט און דאָס אייגענע אויך ער פאַר מיר. אָבער איך האָב געמוזט אַוועקפאָרן געשעפטלאַך אויף עטלאַכע טעג, און אַז איך בין געקומען, האָב איך געפונען געשלאָסן זיין געשעפט און די שכנים האָבן מיר געזאָגט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן קיין על-באַשראַך, אַזוי ווי דו ביזט געווען איינער פון זיינע בעסטע פריינט, בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר זאָגן, וואָס באַדייט זיין אַוועקפאָרן?"

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך אַלי, דער זון פון בעקער, פאַרענדערט אין געזיכט און האָט זיך אָנגערופן אין גרויס אויפרעגונג:

„ביז דערדאָזיקער מינוט האָב איך גאָרנישט געהערט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן. דאָס איז פאַר מיר אַ נייס, און אויב ער איז באמת אַוועקגעפאָרן, בין איך איצט נאָכמער אומגליקלאַך, ווי פריער."

און ער האָט זיך ביטער צעוויינט און נאָכדעם גענומען דעקלאַמירן דאָסדאָזיקע ליד:

איך וויין אויף יענע טייערע מינוטן,
וואָס וועלן שוין נישט קומען מער צוריק,
עס האָבן מיך די בעסטע פריינט פאַרראַטן
און פאַרלאָזן עלנט ווי אַ שטיין אין פעלד.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ סאַמע ביז דער ערד און האָט זיך פאַרטראַכט. אין אַ צייט אַרום האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און אַ קוק געטאָן אויף איינעם פון זיינע דינער און זיך אָנגערופן:

„גיי אַריבער צו אַבדול-האַסאַנען אין הויז און פרעג זיך נאָך, צי ער איז אַוועקגעפאָרן, אויב ער איז ווירקלאַך אַוועקגעפאָרן, טאָ פרעג, וואוהין?"

איז דער דינער אַוועק זיך נאָכפרעגן, אָבער ער איז באַלד

געקומען צוריק און געזאָגט:

„איך בין געווען ביי אַבדול-האַסאַנען אין הויז און זיין דינער האָט מיר געזאָגט, אַז אַבדול-האַסאַן איז אַוועקגעפאָרן קיין על-באַשראַך. אָבער ביי דער טיר האָב איך געטראָפן אַ דינערין, וואָס האָט געוואַרט אויף אים. איך קאָן זי אַפילו נישט, אָבער זי האָט מיך גראַדע דערקאָנט און זי האָט מיך געפרעגט, צי איך בין אַ דינער פון אַלי, דעם זון פון בעקער? האָב איך געזאָגט, אַז איך בין אַלי, דעם זון פון בעקערס אַ דינער. דעמאָלט האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט צו דיר אַ בריף פון דיין סאַמע בעסטן פריינט. נאָכדעם איז זי געגאַנגען מיט מיר צו דיין הויז און זי שטייט דאָ אין דרויסן אונטער דער טיר."

האָט אַלי, דער זון פון בעקער, געזאָגט:

„רוף זי אַריין אַהער. איך וויל זען דעם בריף."

איז דער דינער געגאַנגען און זי אַריינגערופן, און דער גאַסט, וואָס איז דערביי געזעסן, האָט געזען, אַז זי איז נישט קיין געוויינלאַכע שקלאַפין.

די שקלאַפין איז צוגעגאַנגען צו אַלי, דעם זון פון בעקער און האָט זיך טיף פאַרנויגט פאַר אים און נאָכדעם האָט זי צו אים עפּיס זייער שטיל גערעדט.

עס איז געווען קענטיק, אַז זי באַשולדיקט אים אין עפּיס, און ער האָט זיך געשוואָרן, אַז ער איז נישט שולדיק און ווייס נישט וואָס צו זאָגן.

דעמאָלט האָט זי זיך צוזעגנט מיט אים און איז אַוועקגעגאַנגען.

דער גאַסט, אַבדול-האַסאַנס פריינט, איז געווען אַ יובעלירער און אַז די שקלאַפין איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער זיך אָנגערופן צו אַלי, דעם זון פון בעקער:

„אָ, מיין האַר, איך בין זיכער, אַז דו קומסט אין הויף פון קאַליף און דו האָסט געוויס באַקאַנטע צווישן די הויפפרויען."

האָט אים אַלי, דער זון פון בעקער, אַ פרעג געטאָן:

„פון וואַנען ווייסטו עס און ווער האָט עס דיר געקאָנט זאָגן?"

דערויף האָט דער יובעלירער געענטפערט:

„אָ, מיין האַר! איך פאַרשטיי, אַז זי איז שעמס-ען-נאַהאַרס שקלאַפין. זי איז נישט לאַנג געווען ביי מיר מיט אַ בריוועלע, אין וועלכן שעמס-ען-נאַהאַר האָט געבעטן, איך זאָל איר מאַכן אַ ברילִיאַנטענעם האַלזבאַנד. דעמאָלט האָב איך איר געשיקט איי-נעם פון די שענסטע און רייכסטע האַלזבענדער אין דער וועלט.”

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז אַלי, דער זון פון בעקער אַזוי צומישט געוואָרן, אַז דער יובעלירער האָט זיך דער-שראָקן פאַר זיין לעבן.

אָבער ער האָט זיך באַהערשט און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין ברודער, איך בעט דיך אין נאָמען פון גאָט, דו זאָלסט מיר דערציילן, ווי אַזוי דו האָסט זיך באַקאָנט מיט איר.”

דערויף האָט אים דער יובעלירער באַמערקט:

„דו פרעג נישט צופיל און האַלט זיך בעסער אין דער מעלה פון שווייגן.”

אָבער אַלי, דער זון פון בעקער, האָט געזאָגט:

„ניין, איך וועל דיך כסדר פרעגן, איך וועל נישט אויפ-הערן צו פרעגן, ביז דו וועסט מיר נישט זאָגן דאָס, וואָס איך וויל וויסן.”

„גוט, איך וועל דיר דערציילן, ווייל איך וויל נישט, דו זאָלסט מיר אומזיסט חושד-זיין. איך וועל דיר אַלץ דערציילן און וועל גאָרנישט פאַרבאָרגן פון דיר, אָבער מיט איין תנאי, אַז דו זאָלסט מיר אויך דערציילן די ריכטיקע סיבה פון דיין קראַנקהייט.”

דעמאָלט האָט אים אַלי, דער זון פון בעקער, דערציילט זיין גאַנצע ליבעס-געשיכטע און נאָכדעם האָט ער צוגעגעבן:

„ביי גאָט, אויב דאָס אַלץ, וואָס איך דערצייל דיר דאָ, האַלט איך בסוד, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל איך האָב מורא פאַר מענטשן און פאַר זייער שלעכטס.”

האָט אים דער יובעלירער געזאָגט:

„איך האָב מיך געוואָלט זען מיט דיר, ווייל מיין האַרץ ציט שוין לאַנג צו דיר און איך פיל-מיט דיינע ליידן און דיין

ליבע-צער. אַבדול-האַסאַן איז אויף אַ קורצער צייט אַוועקגעפאָרן, אפשר וועל איך קאָנען פאַרנעמען זיין אָרט אַלס פריינט?"

האָט אים אַלי, דער זון פון בעקער, זייער באַדאַנקט פאַר די דיזיקע ווערטער און האָט דעקלאַמירט דאָסדאָזיקע ליד:

עס האָט מיר גאָט געשיקט אַ צווייטן פריינט
און מיינע טרערן ווערן שוין געשטילט.
איך וועל שוין ווידער קאָנען שמייכלען, לאַכן
און האָפן אויף אַ גוטן מאָרגנדיקן טאָג.

דערנאָך האָט ער אַ לענגערע צייט געשוויגן און שפּעטער האָט ער זיך אָנגערופן צום יובעלירער:

„ווייסטו, וואָס די שקלאַפין האָט מיר אין דער-שטיל גע-זאָגט?"

„ביי גאָט, איך ווייס נישט,"—האָט דער יובעלירער גע-שעפּטשעט.

„טאָ הער,—האָט אַלי, דער זון פון בעקער, געזאָגט.—זי, די שקלאַפין, איז מיך חושד, אַז איך האָב אומישנע אַוועקגעשיקט אַבדול-האַסאַנען קיין על-באַשראַך און אַז איך האָב דאָ עפּיס אַ שלעכטע כּונה דערין. זי האָט, קענטיק ליב, אַבדול-האַסאַנען, און איך האָב איר געמוזט שווערן, אַז איך בין דאָ גאָרנישט שול-דיק און אַז איך האָב גאָרנישט געוואוסט ביז דער לעצטער מי-נוט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן. צו מיין גרויסן ווייטאָק האָבן זי מיינע אויפריכטיקע ווערטער ווייניק איבערצייגט און זי איז אַוועק צו איר האַרין מיט דער מיינונג, אַז איך האָב אים אומישנע אַוועקגעשיקט פון דאַנען.

דעמאָלט האָט דער יובעלירער זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין ברודער, איך האָב די גאַנצע צייט געקוקט אויף דער שקלאַפין און האָב עטוואָס פאַרשטאַנען. אָבער אויב דאָס וועט זיין דער רצון פון גאָט (געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין!), וועל איך דיך נישט פאַרלאָזן און וועל דיר העלפן אין דיין אַנגסט און נויט."

האָט אים אַלי, דער זון פון בעקער, געפרעגט:

„ווי אַזוי מיינסטו מיר צו העלפן? טאָמער וועט זי זיך

דערשרעקן פאַר דיר?"

און דער יובעלירער האָט געזאָגט:

„איך וועל אָנשטיירנגען אַלע מיינע כחות און וועל דיר העלפן. איך וועל דיך צונויפפירן מיט איר, כאָטש איך מעג מיך אונטערוואַרפן דער גרעסטער געפאַר און די גרעסטע ליידן און דעם גרעסטן פחד."

נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבן און האָט זיך זייער וואַרים צושיידט מיט אַלי, דעם זון פון בעקער, און איז אַוועקגעגאַנגען.

אָבער איידער ער האָט געמאַכט דעם לעצטן שריט פון הויז, האָט אים אַלי, דער זון פון בעקער, נאָכגעשריען:

„אָ, מיין ברודער, דאָס אַלץ, וואָס דו ווייסט, זאָלסטו האַלטן בסוד."

און ער האָט זיך צעווײַנט. דער יובעלירער איז אַוועק און האָט נאָך רעכט נישט געוואוסט, מיט וואָס ער קאָן באַהילפיק זיין דעם פריינט. גייענדיק, האָט ער געטראַכט, וואָס ער זאָל דאָ טאָן און ווי אַזוי ער קאָן אים דאָ העלפן, און אַזוי ווי ער איז געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און מיט שווערע מחשבות, האָט ער פּלוצלונג דערזען אַ פּאַפּירל, וואָס איז געלעגן אינמיטן גאַס. האָט ער עס באַלד אויפגעהויבן און איבערגעלייענט דעם אַדרעס, און דער אַדרעס איז געווען אַזאַ: „פון דעם הכנעה־דיקסטן פריינט צו דער טייערסטער נשמה פון זיין לעבן." דערמאָלט האָט ער עס פאַנאַנדערגעעפנט און איבערגעלייענט:

איך האָב צו דיר געשיקט אַ טרייע שקלאַפין,
געקומען איז זי אָבער אָן אַן ענטפער.
איך ווייס נישט, צי איך זאָל מיך איצטער פרייען,
צי זאָל איך וויינען אויף מיין קראַנקער ליבע.

נאָכדעם איז געווען געשריבן פאָלגענדיקס: „אָ, מיין האַר, זאָלסט וויסן, אַז מיר איז באַקאַנט די סיבה, פאַרוואָס דו ווילסט מיר מער נישט שרייבן. אויב דו ווילסט זיין בייז און שלעכט, וועל איך דיר אַלץ זיין טריי, און אויב דיין ליבע צו מיר איז שוין קאַלט געוואָרן, וועל איך נאָך אַלץ נישט אָפּקילן די ליבע,

כאָטש מיר וועלןביידע זיין צושיידט און וועלן זיך געפינען אין פאַרשידענע ערטער. און איך וועל מיך באַגיין מיט דיר אַזוי, ווי עס זאָגט דער דיכטער:

אָ, שטאָלצער מאַן, איך וועל אַלץ איבערטראָגן
און וועל געדולדיק ליידן ביזן טויט.
אָ, רוף מיך היינט צו דיר: איך וועל געהאָרכזאַם קומען.
אָ, זאָג אַ וואָרט און איך וועל עס דערהערן.
אָ, הייס, באַפעל—איך וועל דיר תיכף פאָלגן,
ווי דער שטעקן פאָלגט דעם בלינדן אין זיין וועג.

אַז ער האָט דורכגעלייענט דאָס פּאַפּירל, האָט ער דערזען די שקלאַפין, וואָס איז נישט לאַנג געווען ביי אַלי, דעם זון פון בעקער. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און נאָכ־דעם, ווי זי האָט דערזען, אַז ער האַלט אין דער האַנט דאָס פּאַפּירל, איז זי צוגעגאַנגען צו אים און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַר, איך האָב פאַרלאָרן דאָסדאָזיקע פּאַפּירל."

אָבער ער האָט איר גאָרנישט געענטפערט און איז אַוועק צו זיך אַהיים. די שקלאַפין איז אים לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען, און אַז ער איז אַריין צו זיך אין שטוב, איז זי אויך אַריין צוגלייך מיט אים און האָט געזאָגט:

„אָ, מיין האַר! גיב מיר אַוועק דאָס פּאַפּירל, ווייל איך האָב עס פאַרלאָרן."

דעמאָלט האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר און זיך אָנגערופן:

„שרעק זיך, מיין שיינע שקלאַפין. דערצייל מיר בעסער אַלץ, וואָס דו ווייסט, וואָרום עס איז נישטאָ נאָך אַ מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל אַזוי קאָנען היטן אַ סוד, ווי איך. איך בעט דיך, דו זאָלסט מיר דערציילן וועגן דיין האַרין, וואָס זי טוט און וואָס זי מאַכט. אפשר וועט גאָט (געבענשט און געלויבט זאָל ער זיין!) העלפן און איך וועל קאָנען פאַרלייכטערן איר גורל. אפשר וועל איך איר קאָנען לינדערן דאָס, וואָס זעט איר איצט אויס פיינלאַך און שווער?"

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט די שקלאַפין געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, דער סוד וועט נישט אַנטפּלעקט ווערן, אויב איך וועל דיר אים אויסגעבן, און אונזער זאַך וועט נישט ליידן, אויב דו וועסט זיך נעמען פאַר איר. וויסן זאָלסטו, אַז דו געפינסט חן אין מיינע אויגן, און דו געפעלסט מיר זייער און איך וועל דיר זיכער אַלץ דערציילן, אָבער איך וויל, דו זאָלסט מיר פריער אָפּגעבן דעם בריף."

און דערביי האָט זי אים אַלץ דערציילט און צוגעגעבן:

„גאָט איז אַן עדות, אַז איך האָב דיר אַלץ דערציילט, און דאָס, וואָס איך האָב דיר דערציילט, איז די ריינע וואָרהייט."

דעמאָלט האָט ער זיך אָנגערופן:

„יאָ איך ווייס, אַז דו האָסט מיר דערציילט די ריינע וואָרהייט, ווייל מיר איז גוט באַקאַנט דער סוד פון דער גאַנצער זאַך."

נאָכדעם האָט ער איר דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך פון אַלץ דערוואוסט און וואָס ער טראַכט איצט וועגן דעם. און ער האָט לאַנג גערעדט מיט איר און צולעצט איר אָפּגעגעבן דעם בריף.

האָט זי גענומען דעם בריף און אויפסניי אים פאַרקלעפּט, אַזוי ווי ער איז פריער געווען, און זיך אָנגערופן:

„מיין האַרין שעמס-ען-נאַהאַר האָב מיר געגעבן דעמדאָזיקן בריף אַ פאַרקלעפּטן און אַזוי מוז איך אויך איבערגעבן דעם בריף. אָבער אַז איך וועל באַקומען אַן ענטפער אויף אים, וועל איך דיר דעם ענטפער ווייזן."

נאָכדעם האָט זיך די שקלאַפין אויפגעהויבן און זיך וואַרים צוזעגנט מיטן יובעלירער און איז אַוועק צו אַלי, דעם זון פון בעקער, וואָס האָט מיט גרויס אומגעדולט געוואַרט אויף איר.

האָט זי איבערגעגעבן אַלי, דעם זון פון בעקער, דעם בריף, און אַז ער האָט אים איבערגעלייענט, האָט ער באַלד אָנגעשריבן אַן ענטפער און איר איבערגעגעבן.

מיט דעמדאָזיקן ענטפער איז זי באַלד אַוועק צום יובעלירער, ווי זי האָט פריער פאַרשפּראָכן, און האָט אים דערלאַנגט דעם בריף. האָט יענער אים אויפגעריסן און איבערגעלייענט:

ביי גאָט, עס טויג נישט דיין שליח.
זיין שליחות פירט ער אויס נישט קלוג און שלעכט.
דו ווייל דיר אויס אַ בעסערן, דו קאָנסט,
און יענער זאָל באַרוהיקן מיין הארץ.

ווייטער האָט ער געשריבן: „נישט איך בין בייז און שלעכט און נישט איך האָב דיר אויפגעהערט צו זיין טריי און נישט איך האָב דיך אויפגעהערט צו ליבן ביז דער לעצטער מינוט און פון ליבן אַ צווייטער איז פריי מיין הארץ, ווי עס איז נישט פריי פון דיר. דער אַלמעכטיקער גאָט ווייס גאַנץ גוט, אַז מיין איינציקער באַגער איז זיך צו באַהעפטן מיט דיר, וואָס איך ליב דיך מיטן גאַנצן פייער פון מיין בלוט. מער קאָן איך דיר נישט שרייבן און גאָטס ברכה זאָל פאַלן אויף דיין קאָפּ."

אַז דער יובעלירער האָט איבערגעלייענט דעמדאָזיקן בריף און האָט רעכט פאַרשטאַנען זיין אינהאַלט, האָט ער זיך הויך אויפן קול צעוויינט, אָבער די שקלאַפין האָט זיך אָנגערופן:

„דו גיי נישט אַוועק פון דאַנען, ביז איך וועל נישט קומען צוריק. אַזוי ווי ער באַשולדיקט מיך אין בריף, כאָטש איך בין דאָס אים מוחל, וואָלט איך געוואָלט, דו זאָלסט זיך זען מיט מיין האַרין, אָבער ווי אַזוי מאַכט מען עס—דאָס איז אַ שווערע פראַגע. איך מיין אָבער, אַז מיר וועלן געפינען אַ מיטל דערצו."

מיט דידאָזיקע ווערטער איז די שקלאַפין אַוועק צו איר האַרין, און דער יובעלירער האָט פאַרבראַכט די נאַכט אין אַנגסט און אין מורא.

אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען און נאָכדעם, ווי ער האָט אָפּגעזאָגט זיין געוויינלאַכע תפילה, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט יואַרטן אויף דער שקלאַפין, וואָס איז, איבעריגנס, באַלד אַריין אין שטוב, מיט פריילאַכע טריט און מיט געלעכטער.

האָט זי דער יובעלירער געפרעגט:

„אָ, מיין שיינע שקלאַפין, וואָס פאַר אַ נייס האָסטו מיר היינט געבראַכט?"

דערויף האָט די שקלאַפין געענטפערט:

„פון דיר בין איך גלייך אַוועק צו מיין האַרין און האָב

איר איבערגעגעבן דעם בריף, וואָס אַלי, דער זון פון בעקער, האָט געשריבן. און אַז מיין האַרין האָט אים איבערגעלייענט, האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז פאַרזונקען אין שווערע מחשבות. אָבער איך האָב מיך אָנגערופן: אָ, מיין האַרין, שרעק דיך נישט, וואָס אַבדול-האַסאַן איז אַוועקגעפאָרן און עס וועט נישט זיין קיין פאַרמיטלער צווישן דיר און אים. זאָלסט וויסן, אַז איך האָב געפונען אַ מענטשן, וואָס איז גרייט צו פאַרנעמען זיין אָרט. דערדאָזיקער מאַן פאַרנעמט אַ שענערע און אַ העכערע שטעלונג, ווי אַבדול-האַסאַן, און אים איז אויך אָנגענעמער צו פאַרטרויען אַ סוד, ווי אַבדול-האַסאַנען.״ נאָכדעם האָב איך איר אויספירלאַך דערציילט, ווי אַזוי איך האָב פאַרלאָרן דעם בריף און ווי דו האָסט אים געפונען און האָסט מיר אים אָפּגעגעבן צוריק און ווי דו האָסט זיך אָנגערופן, אַז דו וועסט טאָן אַלץ, וואָס דו וועסט נאָר קאָנען, צו באַהעפטן די צוויי הייס-פאַרליבטע מענטשן.״

האָט זיך דער יובעלירער זייערע געחדושט, און די שקלאַפין האָט צוגעגעבן:

„זי אַליין וויל מיט דיר ריידן וועגן דעם און זי וויל אויך וויסן, וואָס האָסטו גערעדט מיט אַלי, דעם זון פון בעקער, און דעריבער, מאַך דיך גרייט און מיר וועלן גיין צו איר.״

אָבער אַז דער יובעלירער האָט זיך באַדאַכט, אַז עס איז אַ גרויסע סכנה צו גיין אין פּאַלאַץ אַריין וועגן אַזאַ געפערלאַכן ענין, האָט ער אַרויפגעלייגט די הענט אויפן האַרצן און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין שוועסטער! איך שטאַם פון פּראָסטע, פּשוטע מענטשן, נישט ווי אַבדול-האַסאַן. אַבדול-האַסאַן איז אַ מאַן פון אַ הויכער יחוסדיקער אָבשטאַמונג, מען קאָן אים אין שטאָט און ער איז געוווינט עפּטער צו גיין אינם קאַליפס פּאַלאַץ. נישט איינמאָל האָט ער דאָרט זיינע סחורות פאַרקויפט. און איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז איך שרעק מיך אַפילו, בשעת איך רייד מיט אַזאַ מאַן, ווי אַבדול-האַסאַן. אויב דיין האַרין איז באַוויליקט צו ריידן מיט מיר, קאָנען מיר דאָס איינאָרדנען ערגעץ

אַנדערש, אָבער נישט אינם קאַליפּס פּאַלאַץ, נישט אינם הויכן און הייליקן אָרט, וואו עס וואוינט דער מלך פון די רעכטגלוי-ביקע. איך האָב קיין העזה נישט, איך דערוועג מיך נישט אי-בערצוטרעטן די שוועל פון זיין פּאַלאַץ."

און דער יובעלירער האָט זיך אָפּגעזאָגט, אָבער די שקלאַ-פין האָט אים צוגערעדט און האָט אים געשוואָרן, אַז זי איז אים ערוב פאַר זיין לעבן און האָט אים הונדערט מאָל געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער האָט זיך נישט וואָס צו שרעקן. אָבער ער האָט געציטערט מיט אַלע אברים, און זי האָט אים, צולעצט, באַמערקט:

„אויב דיר איז שווער און דו ווילסט נישט גיין מיט מיר אינם קאַליפּס פּאַלאַץ אַריין, וועל איך זי צורייִדן, זי זאָל קו-מען צו דיר, אָבער דו זאָלסט נישט אַוועק פון דיין הויז, ביז איך וועל נישט קומען אַהער צוזאַמען מיט איר."

דערויף איז ער מרוצה-געוואָרן און זי איז אַוועקגעגאַנגען, אָבער זי איז באַלד צוריקגעקומען און האָט געפרעגט:

„צי האָסטו נישט עפּיס אַ שקלאַפין אָדער אַ דינער?"

האָט ער געזאָגט:

„מיין גאַנץ פאַרמעגן באַשטייט פון אַן אַלטער נעגערין אַ דינערין. דידאָזיקע באַדינט מיך."

האָט זיך די שקלאַפין אויפגעהויבן און פאַרשלאָסן דער דינערינס צימער, וואָס האָט אויסגעזען אָרים, און איז אַרויסגע-גאַנגען פון דעם יובעלירערס הויז. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און זי איז צוריקגעקומען צוזאַמען מיט עפּיס אַ יונג-פרוי, וואָס גוטע ריחות און מחיהדיקע דופטן האָבן זיך פאַר-שפּרייט פון איר, ווי מאַי-ווינטעלאַך אויף די פעלדער.

אַז דער יובעלירער האָט זי דערזען, האָט ער זיך אויפ-געהויבן און זיך טיף פאַרנויגט און פאַרגעלעגט איר אַ קישן, און אַז די יונגפרוי האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט ער אויך געטאָן דאָס אייגענע.

אַ לענגערע צייט האָט זי געשוויגן, נאָכדעם האָט זי אָפּ-געדעקט דאָס געזיכט, און דעם יובעלירער האָט זיך געדאַכט,

אַז אין זיין הויז איז אויפגעגאַנגען אַ זון. דעמאָלט האָט זי שטיל אַ פרעג געטאָן דער שקלאַפין:

„זאָג מיר, איז עס דער מאַן, וועגן וועלכן דו האָסט מיט מיר גערעדט?"

„יאָ,"—האָט די שקלאַפין געזאָגט.

האָט שעמס-ען-נאַהאַר אַ קוק געטאָן אויפן יובעלירער און געפרעגט:

„וואָס מאַכסטו?"

און ער האָט געזאָגט:

„אָט, מיר לעבן צו-ביסלאַך. איך לעב מיט דעם כח פון דיינע תפילות."

דעמאָלט האָט שעמס-ען-נאַהאַר באַמערקט:

„דו האָסט אונז געצוואונגען, מיר זאָלן קומען צו דיר און זיין מיט דיר אָפנהערציק."

און זי האָט אים גענומען אויספרעגן, ווער איז ער און ווער איז זיין משפחה און זיינע קינדער, און ער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין גנעדיקע האַרין, אויסער דעם הויז האָב איך נאָך אַ הויז, נישט ווייט פון דאַנען און דאָרט האָב איך אַ באַזונדער גאַסטצימער פאַר מיינע פריינט און באַקאַנטע."

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זי אים געפרעגט, ווי אַזוי איז אים אַנטפּלעקט געוואָרן איר סוד, און דעמאָלט האָט ער איר דערציילט פון אַלץ אויספירלאַך און לאַנגזאַם, און זי האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט און האָט, צולעצט, שטיל אָפגעזיפצט און זיך אָנגערופן:

„יאָ, אַזאַ מאַן, ווי אַבדול-האַסאַן האָט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי מענטשן קאָנען ליידן פון זייער ליבע און ווי אַזוי זיי נויטיקן זיך בעת-מעשה אין פרעמדער הילף. אַזאַ מאַן, ווי ער, האָט געוואוסט, אַז מיט ווערטער אַליין קאָן מען דאָ גאָרנישט מאַכן, אַז די ליידנשאַפט קאָן באַפרידיקט ווערן נאָר דורך אָנשטריינגונג און מי, אַז אָפרוהען קאָן מען בלויז נאָך אַ סך אַרבעט און אַז דער ערפאָלג איז אָפגעהאַנגען פון גרויסמוטיקע מענטשן. איצק ווייסטו גענוי אונזער סוד און דו קאָנסט אונז אָדער אויס-

געבן אָדער העלפֿן. אָבער איך גלויב אין דיין גרויסמוטיקייט און דעריבער וועל איך מער נישט ריידן. דו ווייסט זייער וואויל, אַז דידאָזיקע שקלאַפֿין באַטייליקט זיך אין מיינע פֿאַרבאָרגענע ליבע-ענינים, אַז זי איז מיין פֿאַרמיטלערין און פֿאַרנעמט אַ הויכע שטעלונג אין הויף. דו קאָנסט איר, אַלזאָ, מיטטיילן אַלץ, וואָס דו האָסט אויפֿן האַרצן און דו קאָנסט מיט איר אָפֿן ריידן וועגן די אַלע זאַכן, וואָס זיינען שייך צו מיין פֿיינלאַכער ליבע. דו קאָנסט שטענדיק רעכענען אויף אונזער אָנשטענדיקייט און דו באַדאַרפֿסט זיין זיכער אין אונז, ווי אין זיך אַליין. מיר וועלן דיך קיינמאָל נישט אויסגעבן און שטענדיק וועלן מיר דיר דאַנקבאַר זיין פֿאַר דיין מיטהילף. דו וועסט זיין דער פֿאַרמיטלער צווישן מיר און אַלי, דעם זון פֿון בעקער."

נאָכדעם האָט זיך שעמס-ען-נאַהאַר אויפֿגעהויבן, אָבער זי איז קוים געשטאַנען אויף די פֿיס. דאָך איז זי אַוועק אַהיים און דער יובעלירער האָט זי באַגלייט ביזן פּאַלאַץ.

פֿון פּאַלאַץ איז ער אַוועק צו זיך אַהיים, וואו ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן קישן און גענומען טראַכטן פֿון דער כשופֿדיקער יונגפֿרוי, וואָס האָט אָנגעפֿילט זיין הויז מיט מאַיווינטעלאַך.

נאָך אַזאַ שיינע פֿרוי האָט ער אין זיין לעבן נישט געזען.

לאַנג איז ער געזעסן אַ פֿאַרטראַכטער, און אַז ער האָט זיך באַרוהיקט, האָט ער גענומען עסן און טרינקען.

נאָכדעם האָט ער זיך איינגעוואַשן און זיך איבערגעטאָן און באַלד דערויף אַוועק צו אַלי, דעם זון פֿון בעקער, וואו אַ שקלאַפֿין האָט אים אַריינגעפֿירט צו איר האַר. אַלי, דער זון פֿון בעקער, איז געלעגן אין בעט, און אַז ער האָט דערזען דעם יובעלירער, האָט ער געזאָגט:

„דו באַזוכסט מיך נישט אָפֿט און עס פּלאָגט זיך מיין האַרץ."

נאָכדעם האָט ער אַרויסגעשיקט זיינע שקלאַפֿינס און דינער און האָט פֿאַראָרדנט, אַז אַלע טירן זאָלן פֿאַרשלאָסן ווערן און אַלע פֿענסטער זאָלן פֿאַרמאַכט ווערן, און אַז דאָס איז געטאָן

געוואָרן, האָט ער זיך אָנגערופן צום יובעלירער:

„זינט דו ביזט אַוועק פון מיר, האָב איך מיט אַן אויג נישט צוגעמאַכט. די גאַנצע צייט פיל איך מיך זייער שלעכט. איצט האָב איך מיך אינגאַנצן פאַרלאָרן און איך ווייס נישט, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. מיין האַרץ איז צעבראָכן, מיין לעבן איז צעשלאָגן און איך זע נישט קיין אויסוועג צו אַלע מיינע ליידן. אַבדול-האַסאַן איז אַוועקגעפאָרן, ער האָט מיך פאַרלאָזן און איך בין געבליבן עלנט און איינזאַם. אַבדול-האַסאַן איז געווען מיין נאָנטסטער פריינט און ער האָט געקאָנט די שקלאַפין."

האָט אים דער יובעלירער אויסגעהערט און זיך צולאַכט, און אַלי, דער זון פון בעקער, האָט אים געפרעגט:

„פאַרוואָס לאַכסטו? איך האָב מיך אַזוי דערפרייט מיט דיין קומען און האָב געהאָפט, אַז דו וועסט מיר לינדערן מיין וויי."

און דערביי האָט ער זיך צעוויינט און פאָרגעלייענט דאָס-דאָזיקע ליד:

פאַראַן אַ מענטש, וואָס לאַכט פון מיינע טרערן,
עס גייט אים גאָרנישט אָן מיין וויי און צער.
ווען ער וואָלט וויסן, ווי עס קלאָגט מיין האַרץ,
וואָלט ער זיך אויך צעוויינט מיט מיר.

און דעמאָלט האָט דער יובעלירער, וואָס האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דידאָזיקע ווערטער, זיך אויך צעוויינט, און ער האָט אים דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים איז געשען און ווי אַזוי ער האָט זיך געטראָפן מיט שעמס-ען-נאַהאַר און מיט איר שקלאַפין.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך אַלי, דער זון פון בעקער, שטאַרק פאַררויטלט און זיך באַוועגט אויפן געלעגער. אָבער באַלד דערויף איז ער בלאַס געוואָרן און איז געבליבן ליגן אָן אַן אָטעם און אָן באַוועגונג. צולעצט האָט ער זיך ווי-דעראַמאָל צעוויינט און זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין ברודער, וויסן זאָלסטו, אַז פון דערדאָזיקער לי-בע וועל איך אַ גאַנצער נישט אַרויס און איך וועל מיר זיכער

באַצאָלן מיטן לעבן. דעריבער וואָלט איך דיך געבעטן, דו זאָלסט זיך מיט מיר באַגיין וואָס ווארימער און וואָס צערטלאַכער, ביז איך וועל אַרויסלאָזן מיין לעצטן אָטעם און וועל אויף אייביק צו־מאַכן מיינע אויגן.״

דערויף האָט אים דער יובעלירער באַמערקט:

„פאַראַן פאַר דיר איין תרופה, וואָס וועט דיך באַלד אויפ־מונטערן און קרעפטיקן. דו באַדאַרפסט זיך זען מיט שעמס־ען־נאַהאַר. איין קוק אירער וועט דיר צוריקשטעלן די קרעפטן. אָבער דו באַדאַרפסט זיך זען מיט איר נישט דאָ, ווייל דאָ קאָן זיין געפערלאַך, נאָר ערגעץ אַנדערש, וואו מען זאָל אייך נישט באַמערקן. איך האָב נאָך אַ הויז. דאָרט וואָלסטו זיך רוהיק גע־קאָנט מיט איר זען און איך וועל עס איינאָרדנען, אויב דו וועסט וועלן. דאָרט וועט איר זיך קאָנען אומגעשטערט אויסריידן דאָס האַרץ איינער פאַר דעם צווייטן און וועט אויך קאָנען אויסאַר־בעטן אַ פלאַן אויף ווייטער.״

האָט אַלי, דער זון פון בעקער, געזאָגט:

„טו, ווי אַזוי דו פאַרשטייסט, און איך פאַרלאָז מיך אינ־גאַנצן אויף דיר.״

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער יובעלירער פאַרבראַכט ביי אַלי, דעם זון פון בעקער.

אַז עס איז געוואָרן טאָג, האָט ער זיך אויפגעהויבן און אָפגעזאָגט די שטענדיקע תפילה און איז אַוועק אַהיים.

אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט נישט לאַנג געדויערט און אין טיר האָט זיך באַוויזן די שקלאַפין, וואָס האָט זיך פאַר־נויגט פאַר אים און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ קישן, און דער יובעלירער האָט איר דערציילט פון אַלץ, וואָס ער האָט אָפגע־שמועסט מיט אַלי, דעם זון פון בעקער. דעמאָלט האָט זיך די שקלאַפין אָנגערופן:

„זאָלסט וויסן, אַז דער קאַליף איז אַוועקגעפאָרן און ביי אונז אין די צימערן זיינען איצט קיין שום זייטיקע מענטשן נישטאָ. דו קאָנסט זיכער קומען צו אונז און קיין שום שטרויכלונג וועט נישט געשען מיט דיר.״

דערויף האָט איר דער יובעלירער באַמערקט:

„מעגלאַך, אַז דו האָסט רעכט, אָבער מיר שיינט, אַז ביי מיר אין הויז איז פאָרט גלייכער און זיכערער. אָ, מיין שיינע האַרין, אין פּאַלאַץ איז מיר שווער צו גיין: אַ קאַליף וואוינט דאָרט."

האָט די שקלאַפין אַ ווײלע געטראַכט און זיך אָנגערופן:

„זאָל זיין אַזוי, ווי דו זאָגסט. איצט וועל איך גיין צו מיין האַרין און וועל איר עס מיטטיילן. איך וועל זי אויך פרעגן, צי עס געפעלט איר דיין פאָרשלאַג."

איז די שקלאַפין אַוועק און איז באַלד צוריקגעקומען מיט דידאָזיקע ווערטער:

„מיין האַרין לאָזט דיך הייס גרוסן און בעט דיך, דו זאָלסט נעמען דאָסדאָזיקע געלט און איינקויפן אַלץ, וואָס מען באַדאַרף. אָרימקייט פּאַסט זיך נישט אין אַזאַ פאַל."

האָט זיך דער יובעלירער אויפגעהויבן און אַרויפגעלייגט די הענט אויפן האַרצן און געשוואָרן, אַז ער וועט פאַר קיין פאַל אין דער וועלט נישט נעמען קיין געלט דערויף און אַז ער קאָן פון זיין אייגענער קעשענע איינקויפן אַלץ, וואָס מען באַדאַרף.

באַלד דערויף איז די שקלאַפין אַוועק צו איר האַרין, און דער יובעלירער האָט פאַראָרדנט, מען זאָל איבערטראָגן אין זיין צווייטן הויז דאָס מעבל מיט אַלע כלים און הויז-מכשירים און מען זאָל צוגרייטן אַלץ, וואָס מען באַדאַרף האָבן צו עסן און צו טרינקען, און אַז די שקלאַפין איז נאָכאַמאָל געקומען און האָט געזען, אַז אַלץ איז פאַראַן און אַלץ איז גרייט, איז זי געווען זייער געדירט און צופרידן און זיך אָנגערופן:

„איך זע, אַז דו ביזט אַ קלוגער און אַ באַדאַכטער מאַן און איך בין זייער צופרידן מיט דיר. אָבער איך וואָלט וועלן, דו זאָלסט ברענגען אַהער אַלי, דעם זון פון בעקער, וואָס זיין האַרץ בלוטיקט פון נישט געשטילטער ליבע."

אַבער דער יובעלירער האָט געזאָגט:

„אָ, מיין שיינע האַרין, גיי אַליין און ברענג אים אַהער."

איז די שקלאַפֿין אַוועק און האָט אים געבראַכט.

און אַלי, דער זון פֿון בעקער, האָט אויסגעזען זייער שיין און זיינע רייכע קליידער האָבן אויסגעזען, ווי אַ געוועב פֿון זון און שטערן.

ער האָט זיך באַלד אַנידערגעזעצט אויף אַ מאַטראַץ און פֿאַר אים איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ טישל און דאָס טישל האָט מען באַשטעלט און באַלייגט מיט די שענסטע כינעזישע וואַזעס מיט די טייערסטע בלומען, וואָס האָבן פֿאַרשפּרייט אַ ריח אַרום זיך, פּונקט ווי אַ בלומענפֿעלד.

און אַז די זון האָט גענומען אונטערגיין, איז די שקלאַפֿין אַוועק אין פּאַלאַץ נאָך איר הארין און אַז עס איז טונקעלער געוואָרן, איז זי געקומען מיט שעמס-ען-נאַהאַר און מיט נאָך צוויי שקלאַפֿינס.

און באַלד ווי שעמס-ען-נאַהאַר האָט דערזען אַלי, דעם זון פֿון בעקער און אַלי, דער זון פֿון בעקער האָט דערזען שעמס-ען-נאַהאַר, זיינען ביידע געפֿאַלן אין אונמאַכט און ביידע זיינען געלעגן אָן באַוועגונג און אָן אָטעם אַ גאַנצע שעה צייט, און נאָכדעם אַז זיי זיינען געקומען צו זיך, האָבן זיי שטיל געוויינט.

נאָכדעם האָבן זיי זיך באַגאָסן מיט בשמים-וואַסער און פֿיין באַדאַנקט דעם יובעלירער פֿאַר זיין גאַסטפֿריינטשאַפֿט. אויסגעהערט דעם וואַרימען יישר-כּוח, האָט זיך דער יובעלירער טיף פֿאַרנויגט פֿאַר זיי און געפֿרעגט:

„ווילט איר אפשר געניסן עטוואָס פֿון מיין טיש?“

און זיי האָבן געענטפֿערט:

מיר ווילן.“

האָט ער זיי געשטעלט דאָס בעסטע און דאָס שענסטע צו עסן און צו טרינקען, און אַז זיי האָבן איינגעשטילט דעם הונגער, האָבן זיי אַרומגעוואַשן די הענט און איבערגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער, וואו פֿאַר זיי איז געשטעלט געוואָרן אַ טיש מיט טייערן וויין.

דער וויין האָט זייער גוט געווירקט אויף זייער געמיט, זיי זיינען דרייסטער געוואָרן און שעמס-ען-נאַהאַר האָט זיך אָנ-

גערופן צום יובעלירער:

„אָ, מיין האַר, זיי שוין גוט צו אונז ביזן סוף און הייס ברייגגען אַהער עפּיס אַ האַנט-האַרפּעלע, מיר זאָלן זיך קאָנען אַ ביסל אַמוזירן.

„איך הער און געהאָרך,“—האָט דער יובעלירער געזאָגט. און ער איז באַלד אַוועק און האָט געבראַכט אַ קליין האַרפּעלע.

און שעמס-ען-נאַהאַר האָט גענומען דאָס האַרפּעלע צו זיך אויף די קני און אָנגעהויבן שפּילן און זינגען און געזונגען האָט זי דאָס פאָלגענדיקע ליד:

עס האָט מיין אויג פון שלאָפן נישט געוואוסט.
עס האָט זיך מיר גערעכט—מיין וועלט איז שוין פערשפּילט.
נאָר אָט האָט אויפגעשיינט צוריק די זון אין פענסטער
און ווידער איז מיין בלוט באַהעפט מיט גליק און פרייד.

שעמס-ען-נאַהאַר האָט אַזוי שיין און אַזוי גוט געזונגען, אַז די מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעהערט, האָבן זיך צעוויינט פון גרויס תענוג, און נאָכדעם האָבן אַלע פון דאָסניי אויסגע-טרונקען צו בעכערלאַך ווייַן, און שעמס-ען-נאַהאַר האָט פון דאָס-ניי אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פינגער איבער די סטרונעס און גע-נומען זינגען:

איך זעה איצט מיין געליבטן פאַר די אויגן
און טאַנצן וויל איך, ווי עס טאַנצט אַ שטערן
אין בלויען הימל נעבן דער לבנה,
אין אַ שיינער זומערדיקער נאַכט.

שעמס-ען-נאַהאַר האָט נאָך געטרונקען און נאָך געשפּילט און נאָך געזונגען, און אַז עס איז געוואָרן שפּעט, איז דער יו-בעלירער אַוועק צו זיך אין זיין ערשטן הויז און האָט זיי דאָ איבערגעלאָזט צו פאַרברייגגען די נאַכט אין אַ באַזונדער צימער אין דער גרעסטער ליבע-ליידנשאַפט.

אינדערפרי איז דער יובעלירער אויפגעשטאַנען, און נאָכ-דעם, ווי ער האָט אָפּגעזאָגט די געוויינלאַכע תפילה, האָט ער זיך מכין-געווען צו באַזוכן דאָס הייס-פאַרליבטע פאָרל אין זיין צווייטן הויז, אָבער דאָ איז אַריין זיינער אַ שכן און זיך אָנגע-

רופן מיט גרויס פחד און שרעק:

„אָ, מיין ברודער, איך האָב געהאַט גרויס עגמת-נפש, בשעת איך האָב דיך נעכטן געזען אין דיין צווייטן הויז!"

איז דער יובעלירער בלאָס געוואָרן און געפרעגט:

„אָ, מיין ברודער, זאָג, וואָס איז געשען? איך פאַרשטיי נישט דיינע ווערטער און איך ווייס אויך נישט, וואָס דו מיינסט מיט זיי."

האָט דער שכן געזאָגט:

„גזלנים, וואָס האָבן דערהרגעט אַ פּאָר מענטשן, האָבן גראָד נעכטן אַרומגעבלאָנקעט אין אונזער פערטל און געזען, ווי דו פּירסט-אַריבער דאָס מעבל אין דיין צווייטן הויז און ווי דו טראָגסט אַהין די בעסטע מאכלים און די טייערסטע וויינען. זיי-נען זיי ביינאַכט אַריינגעדרונגען אין יענעם הויז און האָבן אַלץ צערויבט און צעשלעפּט און די מענטשן דערהרגעט."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דעם יובעלירער אַרויסגעריסן אַ ווייגעשריי פון האַרצן און ער איז באַלד אַוועק-געלאָפן מיטן שכן אין יענעם הויז, אָבער אַז זיי זיינען אַריין אין שטוב, האָבן זיי געטראָפן ליידיקע צערויבטע חדרים.

די גזלנים האָבן גאָרנישט איבערגעלאָזט, און דער יובעלי-רער איז געבליבן שטיין, אַ פאַרגאַפטער, מיט אַן אָפן מויל. נאָכ-דעם איז ער געקומען צו זיך, האָט ער זיך אָנגערופן:

„מילא, דאָס, וואָס מען האָט מיר צערויבט די זאַכן, אַרט מיך ווייניק, וואָרום אַז מיינע פריינט, ביי וועלכע איך האָב זיי געבאָרגט, וועלן דערהערן, אַז מען האָט זיי מיר אַוועקגערויבט, וועלן זיי שווייגן און נישט מאָנען. אָבער איך שרעק מיך זייער פאַר אַלי, דעם זון פון בעקער און איבערהויפּט פאַר שעמס-ען-נאַהאַר, וואָס איז דעם קאַליפס אַ יונגפרוי און איך קאָן מיך דערפאַר באַצאָלן מיטן לעבן."

געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער יובעלירער אַ קוק געטאָן אויף זיין שכן און נאָך אַ קורצן שווייגן זיך אָנגערופן:

„הער נאָר צו. דו ביזט מיין ברודער און מיין שכן און

דו מוזט מיר געבן עפּיס אַן עצה, זאָג מיר, וואָס קאָן איך איצט טאָן?״

אָבער דער שכן האָט אים באַמערקט דערויף:

„איך הייס דיר גאָרנישט טאָן. זיי נאָר פאָרזיכטיק, נישט מער. וואָרום די גזלנים, וואָס האָבן ביינאַכט באַרויבט דיין הויז, האָבן די אייגענע נאַכט אויך דערהרגעט עטלאַכע הויפּגעשטעלטע לייט פונם קאַליפס פּאַלאַץ און עטלאַכע מאַן פון דער העכערער פּאָליציי. די פּאַלאַצוואַך זוכט זיי איצט שטאַרק אַרום און וועט זיי מסתמא פּאַקן אינגיכן, און דעריבער קאָנסטו דערווייל גיין אַהיים מיט אַ רוהיקן געוויסן.״

דעמאָלט איז דער יובעלירער אַוועק אַהיים, אָבער גייענדיק האָט ער געטראַכט:

„מיט מיר איז אַקוראַט געשען דאָס, וואָס איך האָב נישט געוואָלט און וואָס אַבדול-האַסאַן איז דעריבער אַוועקגעפאָרן קיין על-באַשראַך: איך האָב מיך אַריינגעפּלאָנטערט אין דערדאָזיקער שרעקלאַכער זאַך, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ קאַליף און אַ גרויסער שטראָף.

די גאַנצע שטאָט האָט זיך דערוואוסט, אַז מען האָט באַרויבט דעם יובעלירערס הויז, און זיינע באַקאַנטע האָבן אים אַלע טאָג באַזוכט.

אַנדערע באַקאַנטע האָבן אים באַדויערט און מאַנכע, ווידער, האָבן געזען אַ נקמה אין אים און האָבן זיך שטאַרק געפרייט, וואָס דער יובעלירער זעט-אויס שלעכט און קאָן נישט עסן און טרינקען פון צער.

איינמאָל, אין אַ שווערער מינוט, בשעת ער איז געזעסן און זיך געפּייניקט פון חרטה און ביטערע מחשבות, איז אַריין דער דינער און געזאָגט:

„עפּיס אַן אומבאַקאַנטער מאַן שטייט דאָרט ביי דער טיר.״

האָט זיך דער יובעלירער אויפגעהויבן און איז אַרויס צו יענעם מאַן, וואָס איז אים געווען אומבאַקאַנט. ביידע האָבן זיך טיף פאַרנויגט און דעמאָלט האָט זיך אָנגערופן דער אומבאַקאַנטער:

„אָ, מיין האַר, איך האָב מיט דיר עפּיס צו ריידן.״
האָט אים דער יובעלירער אַריינגעפירט אין זיין הויז און געפרעגט:
„אָ, מיין האַר, וואָס קאָנסטו מיר זאָגן?״
אָבער דער אומבאַקאַנטער האָט זיך אָנגערופן:
„אָ, מיין האַר, קום מיט מיר אין אַ צווייטן צימער, וואָרום דאָ וויל איך נישט ריידן.״
האָט אים דער יובעלירער געפרעגט:
„אָ, מיין האַר, שוין-זשע ווייסטו, אַז איך האָב נאָך אַ הויז?״
האָט יענער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:
„אָ, מיין האַר, איך קאָן דיין צווייט הויז און איך ווייס אַלץ, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט. אָבער אויב גאָט וועט וועלן, וועל איך אפשר קאָנען לינדערן דיין וויי.״
האָט זיך דער יובעלירער אַ ווײַלע באַדאַכט און איז אַוועק מיט דעם אונבאַקאַנטן אין דעם באַרויבטן הויז.
אָבער דער אומבאַקאַנטער האָט זיך אָנגערופן:
„אין דעמדאָזיקן הויז איז נישטאָ קיין הויזדינער. אַזאַ הויז האָב איך נישט ליב. עס שרעקט מיך. לאָמיר גיין אין אַן אַנדער הויז.״
און דער אומבאַקאַנטער איז איבערגעגאַנגען פון איין אָרט אויף אַ צווייטן און דער יובעלירער איז אים נאָכגעגאַנגען, ביז עס איז שוין פינסטער געוואָרן, און ביידע האָבן אַלץ געשוויגן. צולעצט, זיינען זיי אַרויס פון שטאָט, און דאָרט האָט דער אומבאַקאַנטער זיך אָנגערופן:
„אָ, מיין ליבער, קום מיט מיר.״
דאָרט האָבן ביידע גענומען שנעלער גיין, ביז זיי זיינען געקומען צו אַ טייך מיט אַ שיפל, האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט אין שיפל און זיך איבערגעשיפט אויף דעם צווייטן ברעג. און דאָרט, אויפן צווייטן ברעג, האָט אים דער אומבאַקאַנטער גענומען אונטערן אָרעם און האָט אים אַריינגעפירט אין אַזאַ גאַס, וואו דער יובעלירער איז קיינמאָל נישט געווען און ער האָט אויך נישט געוואוסט דאָס אָרט, וואו דידאָזיקע גאַס האָט זיך געפונען.

דאָ האָט זיך דער אומבאַקאַנטער אָפּגעשטעלט פאַר אַ הויז, און נאָכדעם ווי ער האָט געעפנט די טיר, איז ער אַריין צוזאַ-מען מיטן יובעלירער אין הויז און פאַרשלאָסן די שווערע אייזערנע טיר.

נאָכדעם זיינען זיי אַדורכגעגאַנגען אַ לאַנגן קאָרידאָר און זיינען אַריין אין אַ צימער, וואו עס זיינען געזעסן צען ברידער, אַלע ענלאַך צו אייגאַנדער.

האָט זיך דער אומבאַקאַנטער פאַרנויגט פאַר זיי, און זיי האָבן זיך פאַרנויגט פאַר אים און געבעטן ביידן זעצן.

דער יובעלירער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, און אַז ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, איז ער געווען אַזוי בלאַס, אַז מען האָט געבראַכט רויזנוואַסער און אָפּגעשפּריצט אים דאָס געזיכט. איז אים עטוואָס לייכטער געוואָרן און ער האָט זיך אָנ-געלענט אָן ווענטל פון שטול. האָט מען געדעקט פאַר אים אַ טיש און געשטעלט עסן און טרינקען, אָבער דעם יובעלירער איז תּיכּף איינגעפאַלן אַ מחשבה, אַז אינם שפּייז מוז אודאי זיין סם, דאָך האָט ער זיך געמאַכט האַרץ און האָט גענומען עסן, ווייל ער האָט געזען, אַז אַלע עסן. נאָכן עסן האָט מען זיך צעוואַשן די הענט און זיך צוריק אַנידערגעזעצט אויף די ערטער און איינער פון די ברידער האָט אַ פרעג געטאָן:

„צי קאָנסטו אונז?"

האָט דער יובעלירער געזאָגט:

„ניין, איך קאָן אייך נישט און בין דאָ קיינמאָל אין דעמ-דאָזיקן הויז נישט געווען. איך קאָן אַפילו נישט דעם מאַן, וואָס האָט מיך געבראַכט אַהער.

דעמאָלט האָבן זיי זיך אָנגערופן:

„דערצייל אונז דיין לעבנסגעשיכטע, אָבער געדיינק—אָן ליגנס."

האָט דער יובעלירער געזאָגט:

„מיין לעבנסגעשיכטע איז זייער אַן אויסטערלישע, אָבער שוין-זשע ווייסט איר מאַנכע פּרטים פון איר?"

האָט זיך איינער אָנגערופן:

„יאָ, מיר ווייסן. דאָס האָבן מיר בּיינאַכט בּאַרויבט דיין הויז און אַוועקגעפירט דיינע געסט און אויך יענע יונגפרוי, וואָס האָט געזונגען.‟

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער יובעלירער אויפ־געהויבן די האַנט און געזאָגט:

„זאָל אַלאַ אַראָפּלאָזן איבּער אייך זיין שלייער פון שוץ. אָבּער זאָגט מיר גיטיקסט, וואו זיינען מיינע פריינט און איבּער־הויפּט יענע יונגפרוי, וואָס האָט געזונגען?‟

האָבּן זיי געגעבן אַ צייכן אין דער ריכטונג פון אַ וואַנט און געזאָגט:

„זי איז דאָ, אָבער, אָ, ברודער אונזערער, מיר שווערן דיר אין נאָמען פון גאָט, אַז קיינער פון אונז האָט זיך נישט געסטאַרעט צו דערגיין זייערע סודות, און מיר ריידן מיט זיי נישט און מיר פרעגן זיי נישט, ווער זיי זיינען, און דערפאַר, וואָס זיי פירן זיך אויף אָנשטענדיק און האַלטן זיך פיין, האָבּן מיר זיי אויך נישט דערהרגעט, ווי מיר וואָלטן עס זיכער גע־טאָן אין אַן אַנדער פאַל. דו דערציייל אונז נאָר אויספירלאַך זייער לעבּנסגעשיכטע און דו קאָנסט זיין זיכער, אַז זיי ועט גאָרנישט געשען און דיר וועט אויך גאָרנישט געשען.‟

אָבּער דער יובעלירער האָט זיך שטאַרק איבּערגעשראָקן פאַר דידאָזיקע ווערטער און ער האָט זיך אָנגערופן:

„ווייסן זאָלט איר, אַז די גרויסמוטיקייט, אָט די טייערע אייגנשאַפט, האָט שוין לאַנג פאַרלאָזט דעם מענטשן, אָבּער מען קריגט זי נאָך בּיי אייך, און אויב איך האָב אַ סוד, וואָס איך פאַרבאָרג אים מיט אַלע מעגלאַכקייטן, וויל איך אים אייך אַנט־פּלעקן גאַנץ רוהיק און גאַנץ אָפנהערציק. וואָרום נאָר איר זענט ערלאַך און וואוילדערצויגן.‟

און דער יובעלירער האָט לויטער גערעדט אין אַזאַ טאָן מיט זיי און ער האָט איינגעפונען, אַז נאָר מיט אָפנהערציקייט וועט ער קאָנען ווירקן אויף זיי און אַרויסגיין אַ גאַנצער פון זייערע הענט.

דערנאָך האָט ער זיי דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים האָט

פאַסירט פון אָנהויב ביזן סוף און דעמאָלט האָט זיך דער עלט-סטער פון זיי אָנגערופן:

„זאָג אונז נאָר: הייסט דער יונגערמאַן אַלי, דער זון פון בעקער און די יונגפרוי—שעמס-ען-נאַהאַר?"

און אַז דער יובעלירער האָט עס באַשטעטיקט, האָט דער עלטסטער ווייטער געזאָגט:

„פון דעם, וואָס מיר האָבן גענומען ביי דיר אין הויז, איז אַ סך פאַרלאָרן געוואָרן און געבליבן איז אונז בלויז אָט דאָס."

און זיי האָבן אומגעקערט דעם יובעלירער מאַנכע זאַכן און צוגעזאָגט, אַז מיט דער צייט וועלן זיי אים אפשר אומקערן אַלץ.

דאָ אָבער האָבן זיך די ברידער צוטיילט אין די מיינונ-גען: אַ העלפט האָט געהאַלטן פאַר דעם יובעלירער און אַ העלפט געגן און צו קיין פשרה איז מען נישט געקומען.

נאָכדעם זיינען אַלע אַרויס פון הויז צוזאַמען מיט אַלי, דעם זון פון בעקער און שעמס-ען-נאַהאַר.

ביידע, אַלי, דער זון פון בעקער און שעמס-ען-נאַהאַר האָבן אויסגעזען זייער שלעכט און דערשראָקן, און דער יובעלירער איז צוגעגאַנגען צו זיי און געפרעגט:

„וואָס איז געוואָרן מיט דער שקלאַפין און די צוויי די-נערינס? האָט מען זיי דערהרגעט?"

האָט אַלי, דער זון פון בעקער געזאָגט מיט אַ טריבן קול און כמעט מיט טרערן אין די אויגן:

„איך וויים נישט, וואָס מיט זיי איז געשען."

די גאַנצע קאָמפּאַניע איז געגאַנגען און געגאַנגען, ביז מען איז געקומען צו אַ טייך מיט אַ שיפל, האָט מען זיך אַריינגעזעצט אין שיפל און זיך איבערגעשיפט אויפן צווייטן ברעג. דאָס איז אייגנטלאַך געווען דאָס אייגענע שיפל, מיט וועלכן דער אומבאַ-קאַנטער האָט זיך פריער באַנוצט. אָבער אין דער אייגענער רגע, ווען אַלע זיינען אַרויפגעטראָטן אויפן צווייטן ברעג, האָבן זיך פלוצלונג באַוויזן רייטער, פונקט ווי זיי וואָלטן אויסגעוואַקסן פון דער ערד, און האָבן אַלעמען אַרומגערינגלט.

זיינען די צען ברידער מיטן אומבאַקאַנטן אויגנבליקלאַך אַריינגעשפרונגען צוריק אין שיפל, און, ווי שדים, בליצשנעל אַריבערגעשיפט זיך אויפן צווייטן ברעג, איבערלאָזנדיק דעם יובעלירער, אַלי, דעם זון פון בעקער און די יונגפרוי שעמס-ען-נאַהאַר.

האָבן די רייטער אויסגעשריען:

„האַלט זיך גלייך און רירט זיך נישט פון אָרט. זאָגט, פון וואַנען גייט איר?"

אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן אויף דער פראַגע, און בלויז דער יובעלירער האָט זיך אָנגערופן:

„איר זאָלט וויסן, רייטער, אַז די אַלע, וואָס זיינען נאַר-וואָס אַנטלאָפן פון דאַנען, קאָנען מיר גאָרנישט און מיר זעען זיי דאָ צום ערשטן מאָל. מיר אַלע, ווי איר קוקט אונז אָן, זיינען זינגער, און זיי האָבן אונז געדונגען, מיר זאָלן זינגען פאַר זיי און זיי פריילאַך מאַכן, אָבער מיר האָבן זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון זיי. איצט, אַ דאַנק אייך, זיינען מיר דערלייזט געוואָרן פון די שכורע לייט און קאָנען רוהיק גיין אַהיים. אָבער לאָזט אונז אָפּ, ווייל איר ווייסט דאָך שוין, ווער מיר זיינען."

אָבער די רייטער האָבן אַ קוק געטאָן אויף שעמס-ען-נאַהאַר און אויף אַלי, דעם זון פון בעקער און געזאָגט:

„מיר זעען, אַז דו זאָגסט אַ ליגן. אויב דו ביזט אַן אָנשטענדיקער מאַן, טאָ זאָג אונז בעסער, ווער איר זענט, וואוהין גייט איר און וואו וואוינט איר אין שטאָט?"

דערויף האָט דער יובעלירער נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, איז ער געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אָבער דאָ האָט זיך שעמס-ען-נאַהאַר אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו דעם עלטסטן פון די רייטער און אים עפּיס געשעפּטשעט אויפן אויער.

לאַנג האָבן זיי נישט גערעדט, ווייל באַלד איז דער עלטסטער רייטער אַראָפּגעשפרונגען פון זיין פערד און אַרויפגעזעצט די יונגפרוי אויפן זאָטל און אַליין גענומען דאָס פערד פאַרן צוים.

דאָס אייגענע האָט מען אויך באַלד געטאָן מיטן יובעלי־רער און אַלי, דעם זון פון בעקער.

מען האָט זיי לאַנג געפירט, ביז מען איז געקומען צו אַ טייך. דאָרט האָט דער עלטסטער אויסגעשריען אַן אומפאַרשטענד־לאַך וואָרט און באַלד איז אָנגעלאָפן דעם קאַליפס וואַך און אַלע האָבן זיך אַריינגעזעצט אין שיפלאַך און גענומען רודערן צום קאַליפס פאַלאַץ.

ביי די דריי פאַרשוינען האָט זיך דער אָטעם אָפּגעשטעלט פון שרעק און האָר און נעגל האָבן זיך אויפגעהויבן פון אימה.

אָבער געשען איז אַזוי: שעמס-ען-נאַהאַר איז אַרויסגעזעצט געוואָרן אין קאַליפס הויף און דער יובעלירער און אַלי, דער זון פון בעקער זיינען אָפּגעפירט געוואָרן צו דעם לעצטן אַהיים און דאָ האָבן זיך די רייטער זייער העפלאַך צוזעגנט מיט די צוויי לייט און זיינען זיך רוהיק אַוועקגעפאָרן.

ביידע, אַלי, דער זון פון בעקער און דער יובעלירער זיי־נען געווען שטאַרק צומישט און האָבן נישט געקאָנט אונטער־שיידן נאַכט פון טאָג.

אַלי, דער זון פון בעקער איז באַלד אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שווערער חלשות, אַז מען האָט געמיינט,—זיין לעבן עקט זיך שוין און די הויזיקע האָבן אים גענומען באַוויינען. מאַנכע פון די שטובלייט האָבן זיך אָנגערופן צום יובעלירער:

„דו מאַך אונז קלאָר, וואָס איז דאָ געוואָרן מיט אונזער אַלי, דעם זון פון בעקער און פאַרוואָס איז ער עס אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שווערער חלשות?"

און די אויגן זיינען זיי אָנגעגאָסן געוואָרן מיט וואוט און גרימצאָרן. אָבער דער יובעלירער האָט זיך אָנגערופן:

„איך בעט אייך, האַלט-איין אייער גרימצאָרן און האָט נאָר עטוואָס געדולט. אַז ער וועט קומען צו זיך, וועט ער אייך שוין אַליין אַלץ דערציילן."

אָבער אין דער אייגענער רגע האָט אַלי, דער זון פון בעקער, זיך גענומען באַוועגן און עס איז געווען צו דערקענען, אַז ער שפירט זיך לייכטער.

געמאָלט האָבן זיך די הויזיקע זייער דערפרייט, און מען האָט געבעטן דעם יובעלירער, ער זאָל איבערנעכטיקן ווי אַ גו־טער גאַסט אינם הויז פון אַלי, דעם זון פון בעקער.

דעם אָפּגעשוואַכטן האָט מען באַגאָסן מיט רויזנוואַסער, און אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט מען אים גענומען אויספרעגן. אָבער אַלי, דער זון פון בעקער האָט נישט געקאָנט ריידן און ער האָט בלויז דורך צייכנס געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען זאָל דעם יובעלירער אָפּלאָזן אַהיים.

האָט מען דעם יובעלירער אָפּגעלאָזט און צוויי מענטשן פון די הויזיקע האָבן אים באַגלייט אַהיים.

אַז דער יובעלירער איז אַריין אין שטוב, האָבן די לייט פון זיין משפחה שטאַרק געשטיינט און געגאַפט און געגלאָצט מיט די אויגן, אָבער דער יובעלירער האָט זיי געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, זיי זאָלן זיך באַרוהיקן און שווייגן. באַלד זיי־נען אַוועק די באַגלייטער און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט און געשלאָפן ביז שפּעט אין טאָג אַריין.

אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערזען אַרום זיך זיינע הויזיקע, וואָס האָבן אים אַלע אין איין קול געפרעגט:

„זאָג, וואָס פאַר אַ גרויס אומגליק איז מיט דיר געשען? וואָס פאַר אַ כמאַרע הייגט אויף דיין קאָפּ?

האָט דער יובעלירער זיך אָנגערופן:

„ברייגגט מיר וויין אַהער."

האָט מען געבראַכט וויין און ער האָט אויסגעטרונקען דריי גרויסע בעכער און געזאָגט:

וואָס געשען, איז געשען."

און באַלד דערויף האָט ער זיך ווידער אָנגערופן:

„צי האָט מען אומגעקערט די געגנבעטע זאַכן?

האָבן זיי געענטפערט:

„אַ טייל פון די זאַכן האָט מען אומגעקערט. עפּיס אַן אומ־באַקאַנטער מאַן האָט זיי געבראַכט און אַריינגעשטופּט אין טיר, אָבער מיר האָבן אים נישט געזען."

האָט זיך דער יובעלירער עטוואָס באַרוהיקט, דאָך

אָבער איז ער אַ קראַנקער געלעגן אין בעט: ער האָט זיך נישט געקאָנט אויפהויבן פון אָרט.

„אַז איך האָב מיך עטוואָס פאַרבעסערט,—האָט ער שפּע-טער דערציילט,—בין איך קודם אַוועק אין באָד, אָבער אויך דאָרט האָט מיך שטאַרק געקריינקט דער גורל פון אַלי, דעם זון פון בעקער און דער גורל פון דער יונגפרוי שעמס-ען-נאַהאַר, וואָ-רום איך האָב פון זיי קיין שום ידיעה נישט געהאַט און איך האָב מיך געשראָקן צו באַזוכן אַלי, דעם זון פון בעקער. איך האָב שטאַרק תשובה געטאָן און געבעטן צו גאָט (געבענטשט און געלויבט זאָל ער זיין!), ער זאָל מיך מציל-זיין פון אַ גרויסער סכנה.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך מיך דאָך באַשלאָסן צו באַזוכן אַלי, דעם זון פון בעקער. ביי זיך האָב איך אָפּגעמאַכט, איך זאָל נאָר אַריין צו אים אויף איין מינוט און תיכף אַרויס צוריק, אָבער ווי נאָר איך האָב געעפנט די טיר פון מיין הויז און אַרויס אין דרויסן, האָב איך דערזען אַ פרוי, וואָס איז גע-שטאַנען ביי מיין טיר, און אַז איך האָב מיך צוגעקוקט צו איר, האָב איך באַלד דערקאָנט די שקלאַפין פון שעמס-ען-נאַהאַר.

דעמאָלט האָב איך גענומען מאַכן פליטה, אָבער זי האָט מיך פאָרזיכטיק נאָכגעיאָגט און האָט מיך נישט נאָכגעלאָזט אויף אַ שריט. איך האָב געפיבערט פון שרעק, אָבער איך האָב נישט געוואוסט, וואָס מען טוט.

„דו שטעל זיך צו אויף אַ רגע,—האָט זי צולעצט אַ זאָג געטאָן,—איך האָב מיט דיר וואָס צו ריידן. שרעק זיך נישט אַזוי.”

האָב איך זי אַ פרעג געטאָן:

„וואָס ווילסטו פון מיר?”

האָט זי מיר זייער פריינטלאַך געפרעגט, וואָס איך מאַך אין געזונט און איך האָב איר דערציילט אַלץ, וואָס איז געשען מיט מיר און מיט אַלי, דעם זון פון בעקער. נאָכדעם האָב איך געזאָגט:

„איצט דערצייל מיר, וואָס איז מיט אייך געשען דאָרט ביי מיר אין צווייטן הויז.”

האָט זי אָנגעהויבן דערציילן:

„בשעת איך האָב דערזען, ווי גזלנים זיינען באַפאַלן דאָס הויז, האָבן אויסגעבראָכן די טירן און זיינען אַריין אין צימער, האָב איך צוערשט געמיינט, אַז דאָס זיינען זעלנער, וואָס דער קאַליף האָט געשיקט צו כאַפּן מיין האַרין און מיך. אין אַזאַ פאַל וואָלט מען אונז באַלד געטויט, און איך האָב מיך, נאַטיר־לאַך, זייער דערשראָקן. דעמאָלט בין איך מיט די צוויי מיידלאַך־דינערינס אַרויסגעלאָפן אויפן טעראַסע, פון טעראַסע—הינטער דער שטוב און פון דאַנען האָבן מיר זיך פּאַוואָליע דערשלאָגן צום פּאַלאַץ. מיר האָבן קיינעם, נאַטירלאַך, גאָרנישט דערציילט און דאָס האַרץ האָט אונז די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן. צולעצט, האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און בין צוגעגאַנ־גען צו אונזער שיפמאַן, וואָס האָט אונז שטענדיק אַריבערגעפירט דעם טייך און זיך אָנגערופן צו אים:

„איך ווייס נישט, וואו מיין האַרין איז, און דעריבער וואָלט איך דיך געבעטן, דו זאָלסט מיך פאַרבייפירן פאַרביי די ברעגן. אפשר שטייט זי דאָרטן ערגעץ אויף אַ ברעג.״

האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין שיפל און מיר זיינען געשוואומען אַרום די ברעגן ביז האַלבע נאַכט און דאָ האָבן מיר געזען, ווי עס פאָרט אַ שיפל מיט עטלאַכע מאַנסלייט און אין שיפל ליגט אַ פרוי.

אַז דאָס שיפל איז געקומען צום ברעג, האָב איך דערקאָנט מיין האַרין שעמס־ען־נאַהאַר, האָב איך מיך געוואָרפן צו איר אויפן האַלז פון גרויס פרייד, און זי האָט מיר געהייסן, איך זאָל געבן די באַגלייטער טויזנט דוקאַטן. וואָס איך האָב, נאַ־טירלאַך, באַלד דערפילט.

נאָכדעם האָב איך צוזאַמען מיט צוויי דינערינס אַריינגע־לייגט זי אין בעט און זי האָט פאַרבראַכט די נאַכט אין זייער אַ שווערן צושטאַנד.

אינדערפרי האָט זי קיינעם נישט אַריינגעלאָזט צו זיך אין צימער. דעמאָלט האָב איך זי אָפּגעשפּריצט מיט רויזנוואַסער און איבערגעטוישט איר די קליידער און אַרומגעוואַשן איר די הענט

און פיס און זי אַזוי לאַנג געצערטלט און געגלעט, ביז זי האָט אויסגעדריקט דעם ווּאונש, אַז זי וויל עסן.

אַז זי איז ביסלעכווייז געקומען צו די כּוחות, האָב איך איר געזאָגט:

„אָ, מיין האַרין, דו מוזט זיך גוט צוזען, וואָרום דו האָסט איבערגעלעבט געוואַגע שרעק און געוואַג פיין און האָסט זיכער גע-קאָנט אומקומען."

און זי האָט מיר געענטפערט דערויף:

„דו האָסט אַ גוט האַרץ. אָבער איך מוז דיר זאָגן, אַז מיר איז ליבער דער טויט, איידער אַזאַ לעבן. איך האָב געזוכט דעם טויט, אָבער איך האָב אים נישט געפונען. די גזלנים, וואָס זיי-נען אונז באַפאַלן אין דעם יובעלירערס הויז, האָבן מיך געפרעגט: „ווער ביזטו? און צו וואָס פאַר אַ שטאַנד געהערסטו?" האָב איך זיי געזאָגט: „איך בין אַ זינגערין." האָבן זיי מיר געגלויבן און נאָכדעם האָבן זיי דאָס אייגענע געפרעגט אַלי, דעם זון פון בע-קער, און ער האָט זיי געענטפערט, אַז ער געהערט צו זייער אַן אָרימען און געפאַלענעם שטאַנד.

נאָכדעם האָבן זיי אונז אַוועקגעפירט צו זיך אין הויז אַריין און מיר זיינען זיי נאָכגעגאַנגען דערשראָקענע, ווי לעמעלאַך פאַר דער שחיטה, אָבער דאָ האָבן זיי דערזען, אַז איך טראָג אויף זיך גאָלד און זילבער און בריליאַנטן, האָבן זיי זיך אָנגערופן:

„ניין, מיר גלויבן דיר נישט. דו ביזט נישט קיין זינגערין. אַ זינגערין האָט נישט אַזויפיל צירונג אויף זיך. דו זיי בעסער וואָרהאַפטיק און זאָג אונז דעם אמת. ווער ביזטו, פרעגן מיר דיך?"

האָב איך געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט. איך האָב געטראַכט, אַז זיי וועלן מיך איצט דערהרגענען און צונעמען מיינע צירונג און קליידער. באַלד דערויף האָבן זיי זיך געווענדט צו אַלי, דעם זון פון בעקער און געזאָגט: „און דו זאָגסט אויך נישט דעם אמת. דו ביזט אויך נישט דער, ווי דו זאָגסט."

אָבער ער האָט אויך געשוויגן און זיי גאָרנישט געענט-פערט. איך האָב מיך איבערקוקט מיט אַלי, דעם זון פון בעקער,

אויג אין אויג אוןביידע האָבן מיר זיך צעוויינט. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי אונז ווידער געפרעגט:

„און וועמעס הויז איז דאָס, וואו איר האָט פאַרבראַכט די נאַכט?"

האָבן מיר זיי געזאָגט, אַז דאָס הויז געהערט צו דעם און דעם יובעלירער. דעמאָלט האָט זיך איינער אויפגעהויבן און גע־זאָגט:

„ברידער, איך קאָן דעם יובעלירער. ער האָט גאָר אַן אַנ־דער הויז. איך וועל גיין צו אים און וועל אים ברענגען אַהער."

ער האָט אַזוי געטאָן און באַלד האָט מען מיך פאַרשלאָסן אין איין צימער און אַלי, דעם זון פון בעקער, אין אַ צווייטן צימער, און דערביי האָבן זיי אונז געזאָגט:

„אייער סוד וועט קיינעם נישט אויסגעגעבן ווערן, און איר געפינט זיך אין זיכערע הענט."

באַלד האָט מען געבראַכט דעם יובעלירער, וואָס האָט זיי דערציילט די גאַנצע געשיכטע. און אַז עס איז געוואָרן שפּעט, האָט מען אונז אַרויסגעפירט פון הויז און אַריינגעזעצט אין אַ שיפל און איבערגעפירט דעם טייך.

דאָ האָט אונז פלוצלונג אַרומגערינגלט אַ רייטערוואַך און די גזלנים זיינען זיך צולאָפן. די וואַך האָט אונז געפרעגט, ווער מיר זיינען. בין איך צוגעגאַנגען צו דעם עלטסטן פון דער וואַך און אים געזאָגט, אַז איך הייס שעמס-ען-נאַהאַר, אַז איך בין דעם קאַליפס אַ יונגפרוי, אַז איך האָב געטרונקען וויין און האָב פאַרבראַכט ביי איינעם פון די ווזירן, אָבער דאָ זיינען מיך באַ־פאַלן גזלנים און מיך געוואָלט אַוועקפירן—צום גליק, האָט איר זיך באַוויזן און זיי זיינען זיך צולאָפן. אָבער איר האָט מיר אַרויסגעוויזן אַזויפיל גוטס, אַז איך וואָלט אייך זייער געוואָלט באַלוינען, אַלס צייכן פון דאַנקבאַרקייט.

דער עלטסטער פון דער וואַך האָט מיך באַלד דערקאָנט. איז ער אַראָפּגעשפרונגען פון פערד און האָט מיר איבערגעגעבן זיין זאָטל. דאָס אייגענע האָט ער אויך געטאָן מיט מיינע פריינט. אָבער איך קאָן מיך נישט באַרוהיקן, ווייל איך ווייס נישט, וואָס

איז געוואָרן מיט אַלי, דעם זון פון בעקער און וואָס איז גע-וואָרן מיטן יובעלירער, וואָס האָט שטענדיק באַגלייט אַלי, דעם זון פון בעקער. איך שלאָף נישט ביינאַכט און דאָס האַרץ צי-טערט אין מיר פון אומעט און אַנגסט. גיי אַריבער צום יובעלי-רער און גריס אים פון מיינטוועגן און פרעג אים, וואָס מאַכט אַלי, דער זון פון בעקער?"

די שקלאַפין האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט: „איך בין זייער בייז געווען אויף מיין האַרין און האָב איר גע-זאָגט: אָ, מיין האַרין! דו היטסט זיך נישט, געדיינק!" אָבער זי האָט מיר נישט געענטפערט דערויף און האָט מיך אָנגעקוקט מיט אויגן פול האַס און פאַראַכטונג.

דעמאָלט האָב איך מיך אויפגעהויבן און בין אַוועק צו דיר, אָבער איך האָב דיך נישט געטראָפן. צו אַלי, דעם זון פון בע-קער, האָב איך מורא-געהאַט צו גיין. דעריבער האָב איך מיך געשטעלט הינטער דיין טיר און געוואַרט, טאָמער וועסטו זיך ווייזן און איך וועל דיך קאָנען פרעגן, וואָס מאַכט אַלי, דער זון פון בעקער. אויסערדעם, וואָלט איך דיך געבעטן, דו זאָלסט ביי מיר נעמען געלט, וואָרום דו האָסט געהאַט גרויס שאָדן דורך אונז און די גזלנים האָבן דיר נישט אומגעקערט דאָס, וואָס זיי האָבן ביי דיר אַוועקגערויבט."

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָב איך מיך אָנגערופן: „איך הער און געהאָרך."

דעמאָלט האָט זי געזאָגט:

„וואַרט דאָ אַ ווײַלע."

„און איז באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זי זיך צוריקגעקערט מיט אַ סומע געלט און האָט זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין האַר! זאָג מיר, וואו קאָנען מיר זיך טרעפן?"

האָב איך געזאָגט:

„איך גיי אַהיים. אָבער איך וועל אָנווענדן אַלע מיינע כחות דערויף, דו זאָלסט זיך קאָנען זען מיט אַלי, דעם זון פון בעקער. איך מוז דיר זאָגן, אַז דאָס איז גאָרנישט אַזוי לייכט."

נאָכדעם האָבן מיר זיך צושיידט און זי איז אַוועק. איך איך בין אַריין צו מיר אין שטוב און האָב קודם-כל איבערגעציילט דאָס געלט, וואָס די שקלאַפין האָט מיר געגעבן. דאָס איז געווען אַ סומע פון פינפטויזנט גאָלדשטיק. אַ טייל דערפון האָב איך געגעבן מיין פאַמיליע און אויך אויסגעצאָלט מאַנכע חובות. נאָכדעם האָב איך אָנגעדונגען אַרבעטער און בין אַוועק מיט זיי אין מיין צווייטן הויז, וואו איך האָב זיי געהייסן אַרבעטן און ברייננגען אין אָרדנונג אַלץ, וואָס די גזלנים האָבן צושטערט.

אַזוי האָב איך מיר איינגעאָרדנט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב באַדאַרפט און בין אַוועק צו אַלי, דעם זון פון בעקער, אָבער דאָרט זיינען מיר באַפאַלן די שקלאַפינס און איינע פון זיי האָט זיך אָנגערופן צו מיר:

„די שקלאַפינס פון אונזער האַר האָבן דיך אַרומגעזוכט טאָג און נאַכט און דעריעניקער, וואָס וועט דיך געפינען און ברייננגען, האָט ער צוגעזאָגט איינגאַנצן צו באַפרייען. דעריבער לויפן אַרום די שקלאַפינס און זוכן דיך אין דער גאַנצער שטאָט. אונזער האַר בעסערט זיך עטוואָס, אָבער ער פרעגט נאָכאַנאַנד, וואו דו ביזט און פאַרוואָס קומסטו נישט צו אים."

אַז אַ שקלאַפין האָט מיך אַריינגעפירט צו אַלי, דעם זון פון בעקער, האָב איך אים געפונען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז ער האָט כמעט נישט געקאָנט ריידן. דאָך האָט ער געעפנט די אויגן און האָט זיך זייער דערפרייט מיט מיר. דעמאָלט האָב איך מיך אַנידערגעזעצט ביי אים אויפן בעט און האָב אים צוגעדריקט צום האַרצן. האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר:

„וויסן זאָלסטו, אָ, מיין ברודער, אַז זינט איך האָב מיך אַנידערגעלייגט אין בעט, האָב איך מיך נישט אויפגעהויבן, אָבער גאָט צו דאַנקען, וואָס איך זע דיך און וואָס דו זיצט נעבן מיר."

איך האָב געזען, אַז ער ווערט פריילאַכער, האָב איך אים איבערגעטוישט די קליידער און געגעבן אים ווייַן צו טרינקען. דערזען, אַז זיין געמיט ענדערט זיך איינגאַנצן, האָב איך אים מיטגעטיילט פון אַלץ, וואָס עס איז געשען מיט דער שקלאַפין און וואָס זי האָט מיר דערציילט און איך האָב צוגעגעבן:

„אָ, מײן ברודער! זײ מוטיק, װײל איך װײס, װי דו לײדסט. דו קאָנסט זיך פֿאַרלאָזן אױף מיר. דײן בעסטער פֿרײנט בין איך און רײדן װעל איך דיר אַזױנע זאַכן, װאָס זאָלן דיר זײן אָנגענעם צום האַרצן און װאָס זאָלן דיך אױסהײלן."

אַלי, דער זון פֿון בעקער, האָט אַ שמײכל געטאָן און האָט געהײסן ברײנגען גוטן װײן און גרײטן צום טיש און נאָכדעם האָט ער אַרױסגעשיקט פֿון צימער די דינער.

אױף זײן פֿאַרלאַנג האָב איך אים אַלץ דערצײלט, װאָס מיט מיר האָט פּאַסירט אין די לעצטע טעג. און אַז ער האָט אױס-געהערט מײן געשיכטע, האָט ער זיך זײער געחדושט און האָט געהײסן די דינער, זײ זאָלן אים תּיכּף ברײנגען די צירונג מיט די אַלע טײערע חפֿצים, װאָס ער פֿאַרמעגט.

האָבן די דינער אַרײנגעבראַכט אין צימער אַזױנע טײערע קאָסטבאַרע זאַכן, װאָס איך האָב זײ געזען אין מײן לעבן צום ערשטן מאָל, און אַלי, דער זון פֿון בעקער, האָט זײ פֿריער באַטראַכט און נאָכדעם אָן שום װערטער זײ מיר אַװעקגעשײנקט.

האָב איך די אַלע מתּנות אַװעקגעשיקט צו זיך אַהײם מיט אַ דינער און אַלײן בין איך געבליבן נעכטיקן בײ אים. אַלי, דער זון פֿון בעקער, האָט אַ שמײכל געטאָן װי אַ קינד און האָט זיך אָנגערופֿן:

„אָ, ברודער מײנער, װיסן זאָלסטו, אַז יעדע זאַך האָט איר באַשטימטן סוף אױף דער װעלט. אױך די ליבע באַדאַרף זיך ענדיקן אָדער מיט טױט אָדער מיט לעבן צוזאַמען אַ שײן גליקלאַך לעבן. אָבער איך בין זײער נאָענט צום טױט, און איך באַדױער אַפֿילו, װאָס איך בין נישט געשטאָרבן פֿריער, אײדער מײן פּײן האָט זיך אָנגעהױבן. איך װעל דיר נאָך בעסער זאָגן, װען איך װאָלט מיך נישט געשראָקן פֿאַר גאָטס שטראָף, װאָלט איך מיר שױן לאַנג געמאַכט אַ טױט. װיסן זאָלסטו, אַז מײן לעבן איז ענלאַך צו דעם לעבן פֿון אַ פֿײגעלע אין אַ שטײגל, אָבער עס ענדיקט זיך שױן. איך שפּיר עס און אינגיכן װעל איך צומאַכן די אױגן."

אַלי, דער זון פֿון בעקער, האָט זיך צעװײנט, און איך

האָב געזאָגט:

„מיין ליבער, איך מוז גיין אַהיים, ווייל שעמס-ען-נאַהאַרס שקלאַפין קאָן נאָך אפשר קומען מיט ווילטיקע ידיעות.“

האָט ער מיך אויסגעהערט און געזאָגט:

„איך מיין אויך, אַז דו מוזט אַזוי טאָן. אָבער איך בעט דיך, דו זאָלסט דיך וואָס שנעלער צוריקקערן.“

איך בין באַלד אַוועק אַהיים, אָבער אין דער אייגענער רגע האָב איך געטראָפן די שקלאַפין. זי האָט געהאַט פּריוויי-טע אויגן, און איך האָב זי געפרעגט:

„אָ, שיינע יונגפרוי, וואָס באַדייט עס?“

און זי האָט געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, מיט אונז איז געשען אַזאַ זאַך, וואָס מאַכט אונז זייער אומרוהיק. אַז איך האָב מיך נעכטן צוריקגעקערט אַהיים, איז מיין האַרין געווען זייער אויפגערעגט. האָט זי באַ-שטראָפט איין מיידל פון יענע צוויי, וואָס האָבן דעמאָלט מיט אונז פאַרבראַכט די נאַכט. האָט זיך דאָס מיידל דערשראָקן און איז אַנטלאָפן געוואָרן. דער גאָרטנדינער האָט זי אָבער געכאַפּט און געוואָלט זי אָפּשיקן צו איר האַרין. דעמאָלט האָט אים דאָס מיידל דערציילט אַלץ, וואָס זי האָט געוואוסט פון אַלי, דעם זון פון בעקער און אויך פון זיין ליבע צו שעמס-ען-נאַהאַר. די זאַך איז, נאַטירלאַך, דערגאַנגען צום קאַליף און דער מלך פון די רעכטגלויביקע האָט באַפוילן, מען זאָל שעמס-ען-נאַהאַר און אַלע אירע זאַכן איבערפירן צו אים אין פּאַלאַץ אין אַ באַזונדער צימער און צוואַנציק האַרעמדינער זאָלן זי היטן. איצט קאָן איך זי נישט זען און איך ווייס אויך נישט, ווי אַזוי איך קאָן מיך צונויפריידן מיט איר. איך שרעק מיך זייער פאַר זיך און פאַר דיר און פאַר אונז אַלעמען און קאָן זיך גאָר קיין עצה נישט געבן. איך האָב נישט קיין מענטשן, וואָס זאָלן קאָנען פאַרמיט-לען צווישן מיר און איר. גיי, מיין האַר, צו אַלי, דעם זון פון בעקער, און זאָג אים אָן, ער זאָל זיין גרייט אין פאַל פון אַן אומגליק. אפשר וועלן מיר זיך אַלע צוזאַמען קענען ראַ-טעווען.“

„דערהערט דידאָזיקע ווערטער,—האָט ווייטער דערציילט דער יובעלירער,—איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. מיין מוח איז צומישט געוואָרן און איך האָב קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברייננגען פון דער צונג. אָבער אַז איך האָב דער־זען, אַז זי וויל אַוועקגיין, בין איך ווי-עס-איז געקומען צו די געדאַנקען און האָב מיך אָנגערופן:

„אָ, מיין שוועסטער, וואָס ראַטסטו מיר צו טאָן?"

„האָט זי געזאָגט:

„איך קאָן דיר נאָר דאָס זאָגן: דו מוזט ראַטעווען אַלי, דעם זון פון בעקער און ער, ווידער, באַדאַרף דיך ראַטעווען. איר באַדאַרפט איינאַנדער ראַטעווען. איך, פון מיין זייט, וועל אייך שוין שטענדיק אָנזאָגן, ווי עס האַלט מיט אונזער זאַך."

און די שקלאַפין איז באַלד אַוועקגעגאַנגען און איך האָב מיך אויפגעהויבן און בין אַוועק צו אַלי, דעם זון פון בעקער. אַז איך בין אַריין צו אים אין הויז, האָב איך אים געטראָפן ליגן אין בעט מיט אַ שמייכל אויף די ליפן; ער איז געלעגן און געטרוימט, ווי אַזוי ער וועט לעבן צוזאַמען מיט זיין גע־ליבטער, ווי אַזוי ביידע וועלן זיין גליקלאַך און אַרום זיי וועט זיך גיסן ווין און פרייד. דערזען, אַז איך בין געקומען אַזוי שנעל, האָט ער זיך אָנגערופן

„אָ, מיין ברודער, איך פאַרהאָף, אַז דו האָסט מיר גע־בראַכט זייער גוטע נייס?"

האָב איך אים בייז אָנגעקוקט און זיך אָנגערופן:

„הער-אויף צו ריידן פון גוטע נייס און וואַרף-אַרויס דיין געליבטער פון קאָפּ. זאָלסט וויסן, אַז מיט אונז איז געשען אַ גרויס אומגליק און מיר קאָנען זיך ביטער באַצאָלן מיטן לעבן און פאַרמעגן."

איז אַלי, דער זון פון בעקער בלאַס געוואָרן און זיך שטאַרק פאַרענדערט אין געזיכט און מיט ציטער זיך אָנגערופן:

„אָ, מיין ברודער, איך זע, אַז דו האָסט שרעקלאַכע נייס. דערצייל-זשע מיר, וואָס איז געשען."

האָב איך אים באַלד דערציילט אַלץ, וואָס איך האָב גע־

וואוסט און איך האָב צוגעגעבן:

„אויב דו וועסט פאַרבלייבן אינדערהיים די הייניטקע נאַכט, וועסטו זיך זיכער באַצאָלן מיטן לעבן."

אַלי, דער זון פון בעקער, האָט זיך אַזוי פאַרלאָרן, אַז דער קאָפּ איז אים אַראָפּגעפאַלן אויף דער ברוסט, דאָך אָבער האָט ער געזאָגט:

„ביי גאָט, מיר האָבן נאָר איין וועג—גיין צו גאָט. מיר קאָנען אים קיינמאָל נישט אויסמיידן. דאָך אָבער וואָלט איך געוואָלט הערן עפּיס אַן עצה פון דיר."

האָב איך אים געזאָגט:

„מיין עצה איז אַזאַ: נעם דיינע לייט און דיין פאַרמעגן,—נעם, נאַטירלאַך, וואָס מער פון דעם אַלעם און פאָר היינט אַריבער אין אַן אַנדער לאַנד. דאָס איז מיין עצה."

האָט ער אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם געזאָגט:

„איך הער און געהאָרך."

באַלד דערויף האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָבער פון אויפרעגונג איז ער ווײַלעוויַיז געפאַלן פון די פיס. דאָך איז אים געלונגען אויפצוזאַמלען אַ טייל פון זיין פאַרמעגן און האָט עס צוזאַמענגעלייגט אין פּעק. נאָכדעם האָט ער פאַרזאַמלט זיינע מענטשן און זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ מוילאייזל. איך האָב, נאַטירלאַך, אויך געטאָן דאָס אייגענע און אַזוי־אַרום האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין.

געפאָרן זיינען מיר אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט.

דעמאָלט האָבן מיר זיך צוגעשטעלט און אויסגעשפּאַנט די קעמלען און זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן. מיר זיינען אָבער געווען אַזוי מיד, אַז מיר זיינען תּיכף איינגעשלאָפן.

אין דער אייגענער נאַכט זיינען אונז באַפאַלן גזלנים, וואָס האָבן באַרויבט אונזער האָב און גוטס און האָבן נאָך דערהרגעט אונזערע דינער, וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיט זיי.

און אַזוי זיינען מיר געבליבן אדם־נאַקעט, אָרים און הילפלאָז, אָן פאַרמעגן און אָן דינער.

מיר האָבן אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און

האָבן געמוזט ווייטער גיין. מיט די לעצטע כּחות האָבן מיר זיך דערשלעפּט צו עפּיס אַ שטאָט און זײַנען אַרײַן אין מעטשעט. דעם אָוונט און די נאַכט האָבן מיר פאַרבראַכט אין מעטשעט אָן עסן און אָן טרינקען.

אינדערפרי האָבן מיר זיך קוים אויפגעהויבן און זיך אָפּ-געוואַשן די הענט און אָפּגעזאָגט אַ פרימאָרגן-תּפילה. דעמאָלט איז אַרײַנגעקומען אַ מאַן אין מעטשעט און נאָכדעם, ווי ער האָט אָפּגעזאָגט די פרימאָרגן-תּפילה, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף אונז און אַ פרעג געטאָן:

„זאָגט, אָ, יונגעלײַט, איר זענט פון אַ פרעמדן לאַנד?"

„יאָ,—האָבן מיר געענטפערט.—מיר האָבן נאָר-וואָס געהאַט גרויס שאָדן. גזלנים זײַנען אונז באַפאַלן און מיר זײַנען געבליבן אָרים און נאַקעט אין אַ פרעמדער שטאָט. וויסן זאָלסטו, אַז מיר קאָנען דאָ קיינעם נישט און זײַנען העכסט אומגליקלאַך:

האָט דער מאַן אונז נאָכאַמאָל באַטראַכט און געזאָגט:

„הערט-זשע, יונגעלײַט, שטייט-אויף און גייט נאָך מיר. איך וועל אײַך אַרײַנפירן צו מיר אין הויז."

האָב איך מיך באַלד אויפגעהויבן, אָבער אַלי, דער זון פון בעקער, איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דע-מאָלט האָב איך מיך אָנגערופן:

שטיי-אויף, זיץ נישט, לאָמיר גיין מיט דעמדאָזיקן מאַן, אפשר וועלן מיר דערלויזט ווערן פון אונזער נויט. זעסט דאָך אַליין, אַז מיר נויטיקן זיך אין הילף און אין מענשלאַכער וואַ-רימקייט. ווען מיר וועלן אָבער בלײַבן דאָ זיצן, וועלן מיר זי-כער אומקומען."

„טו, וואָס דו ווילסט,—האָט אַלי, דער זון פון בעקער, געזאָגט.

האָט דער אומבאַקאַנטער מאַן באַמערקט:

„אָרימע מענטשן, וואָס זיצט איר. איך מיין דאָך אייער טובה. קומט מיט מיר."

„מיר הערן און געהאָרכן,"—האָב איך געזאָגט און האָב אויפגעהויבן אַלי, דעם זון פון בעקער.

דאָ האָט אונז דער אומבאַקאַנטער איבערגעגעבן אַ טייל פון זיינע קליידער, מיר זאָלן נישט אויסזען אַזוי אדם-נאַקעט און נאָכדעם זיינען מיר אַרויס פון מעטשעט.

געקומען צו זיין הויז, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט אַ דינער באַלד געעפנט די טיר און מיר זיינען אַריין אין זיין הויז, וואו דער אומבאַקאַנטער האָט אונז אונטערגעטראָגן נייע קליידער און אויך דורכזיכטיק שטאָף צו מאַכן דערפון טשאַלמעס. האָבן מיר געמאַכט צוויי שיינע טשאַלמעס און האָבן זיך אָנגעדערגעזעצט.

באַלד האָט מען געגרייט צום טיש און מיר האָבן עטוואָס אונטערגעלעגט דאָס האַרץ. נאָכן עסן האָבן מיר פאַרבראַכט מיטן בעל-הבית ביז עס איז נאַכט געוואָרן. דעמאָלט האָט אַלי, דער זון פון בעקער, זיך אָנגעגעזעגנט צו מיר און געזאָגט:

„אָ, מיין ברודער, איך פיל, ווי איך שטאַרב, און דערי-בער וואָלט איך דיך געוואָלט עפּיס בעטן: נאָכדעם ווי איך וועל אויף אייביק צומאַכן די אויגן, זאָלסטו אַוועק צו מיין מוטער און זי ברייננגען אַהער. איך וויל, זי זאָל זיין ביי מיין לעצטער מינוט און ביי מיין קבורה און זאָלסט זען, אַז מיין מוטער זאָל נישט פאַלן פון מוט."

געזאָגט דידאָזיקע ווערטער, איז ער אַנידערגעפאַלן אין חלשות, אָבער אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער דערהערט, ווי פון ערגעץ גייט-אויף אַ שטיל געזאַנג פון אַ יונגפרוי.

אַלי, דער זון פון בעקער האָט אויסגעשטעלט אויג און געהער, כאָטש טיילמאָל פלעגט ער פון דאָסניי אַריינפאַלן אין חלשות.

אָבער די יונגפרוי האָט געזונגען און געהערט האָבן מיר דאָס פאָלגענדיקע ליד:

עס האָט דער מזל אונז צוטיילט, מיין ליבסטער.
איך וויים נישט, ווען די גוטע שעה וועט קומען
און וועט אונז פון דאָסניי פאַרבינדןביידן
אין זיסן גליק, אין העכסטן גליק פון ליבע.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט אַלי, דער זון פון בע-

קער, אַ ציטער געטאָן און נאָכדעם טיף אָפּגעזיפצט און צוגעמאַכט אויף אייביק די אויגן.

אַז איך האָב דערזען, אַז ער איז טויט, האָב איך מיך אָנגערופן צו דעם אומבאַקאַנטן מאַן:

„אָ, מיין האַר, מיין חבר, ווי דו זעסט, איז געשטאָרבן און איך מוז פאָרן קיין באַגדאַד, צו ברענגען אַהער זיין מוטער און זיינע קרובים. אָן זיי קאָן די לויה נישט זיין."

האָט דער אומבאַקאַנטער געזאָגט:

„טו, ווי דו פאַרשטייסט."

בין איך אַוועק צוריק קיין באַגדאַד און האָב דאָרט באַזוכט מיין הויז און נאָכדעם, ווי איך האָב מיר איבערגעטוישט די קליידער, בין איך אַוועק צו אלי, דעם זון פון בעקער.

אַז זיינע דינער האָבן מיך דערזען, האָבן זיי מיך אַרומגערינגלט און גענומען נאָכפרעגן אויף זייער האַר, אָבער איך האָב זיי גאָרנישט דערציילט און האָב בלויז געבעטן אַ דערלויבניש צו זען זיך מיט זיין מוטער. די דערלויבניש האָב איך באַלד באַקומען, בין איך אַריין צו איר אין צימער און זיך טיף פאַרבויגט און געזאָגט:

„ביי גאָט, קיין איין זאַך געשיט נישט אויף דער וועלט אָן דעם רצון פון גאָט און קיין איין מענטש פאַרלאָזט נישט די ערד אָן דעם באַשעפערס באַוויליגונג."

דערהערט דיזאָזיקע ווערטער, האָט די מוטער פון אַלי, דעם זון פון בעקער, פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ טרויעריקע בשורה, האָט זי זיך ביטער צעוויינט און געזאָגט:

„איך באַשווער דיך אין נאָמען פון גאָט, דו זאָלסט מיר זאָגן, ווען איז מיין זון געשטאָרבן און פון וואָס איז ער געשטאָרבן?"

אָבער מיר איז אויך פול געוואָרן מיט טרערן דאָס האַרץ און איך האָב נישט געקאָנט ריידן. דעמאָלט איז די אַלטע אַנידערגעפאַלן אין חלשות, אָבער אַז מען האָט זי אָפּגעשפריצט מיט רויזנוואַסער, איז זי געקומען צו זיך און האָט געפרעגט:

„וואָס איז געשען מיט מיין זון, דערצייל."

„זאָל דיך גאָט טרייסטן אין דיין צער,"—האָב איך געזאָגט און האָב איר אויספירלאַך דערציילט פון דעם אַלעם, וואָס האָט מיט אונז פּאַסירט.

און די אַלטע האָט ווייטער געפרעגט:

„האָט ער דיר עפּיס אָנגעזאָגט פאַרן טויט?"

„יאָ,"—האָב איך געענטפערט און איך האָב איר איבערגעגעבן זיין בקשה. דערביי האָב איך איר באַמערקט:

„אָבער דו מוזט זיך צואיילן צו דער לויה."

דריי מאָל איז זי נאָכדעם געפאַלן אין חלשות און דריי מאָל האָט מען זי אָפּגעמינטערט, אָבער אַז זי האָט זיך דערשפּירט בעסער, האָט זי זיך תּיכּף גענומען גרייטן אין וועג אַריין.

איך בין אַוועק אַהיים און האָב אַלץ געטראַכט פון דעם שיינעם אַלי, דעם זון פון בעקער, וואָס איז אַזוי יונג און אַזוי האַרצרייסנדיק אַוועקגעשטאָרבן. מיינע געדאַנקען האָבן זיך שטאַרק געפּלאָנטערט. אָבער אין דער אייגענער רגע, בשעת איך בין געווען שטאַרק פאַרטיפט אין דעם פּלאָנטער פון מיינע געדאַנקען, האָט מיך עמיץ אָנגענומען ביי דער האַנט, און אַז איך האָב מיך אָפּגעקערט, האָב איך דערזען שעמס-ען-נאַהאַרס שקלאַפין.

מיר האָבן זיך ביידע שטאַרק צעוויינט און מיט הייסע טרערן אויף די אויגן זיינען מיר צוגעגאַנגען צו אונזער הויז, וואו איך האָב זי אַ פרעג געטאָן:

„אָ, מיין שיינע יונגפרוי, צי האָסטו געהערט, וואָס עס איז געשען מיט אַלי, דעם זון פון בעקער?"

האָט זי געזאָגט:

„אָ, מיין האַר, איך וויים גאָרנישט."

דעמאָלט האָב איך איר דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים איז געשען און איך האָב זי געפרעגט:

„אָ, מיין שוועסטער, וואָס הערט זיך ביי דיין האַרין?"

דערויף האָט זי געענטפערט:

„אָ, מיין האַר, דער מלך פון די רעכטגלויביקע האָט זייער ליב שעמס-ען-נאַהאַר און דעריבער האָט ער נישט געגלויבט אין

די אַלע מעשיות, וואָס מען האָט אים דערציילט וועגן איר. ער האָט זיך גאָרנישט געוואָלט צוהערן צו דעם, וואָס מען האָט גערעדט, כאָטש אירע שונאים האָבן זיך זייער געסטאַרעט צו פאַרשוואַרצן זי אין זיינע אויגן. ער האָט אויך פאַראָרדנט, מען זאָל פון דאָסניי איבערמאָלן איר פּאַלאַץ און מען זאָל נאָך שענער און רייכער אויספּוצן איר שלאָפצימער. און וויסן זאָלסטו, מיין האַר, אַז די זאַך האָט נאָך פאַרשטאַרקט איר לאַגע ביים קאַליף אין די אויגן. איינמאָל האָט דער קאַליף פאַרבראַכט מיט זיינע שקלאַפינס און שעמס-ען-נאַהאַר איז געזעסן דערנעבן. האָט דער קאַליף געהייסן איינע פון די זינגערינס, זי זאָל זינגען אַ ליד און אַ צווייטער האָט ער געהייסן, זי זאָל אַקאָמפּאַנירן דער זינגערין. האָט די זינגערין גענומען זינגען וועגן הייס-פאַרליבטע הערצער, וואָס מוזן זיך צושיידן און וואָס ווען זיך שוין מער נישט זען, און אַז שעמס-ען-נאַהאַר האָט דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז זי געפאַלן אין חלשות. האָט זיך דער קאַליף דערשראָקן און אויסגעשריען און דאָס אייגענע האָבן אויך געטאָן אַלע שקלאַפינס. עס איז געוואָרן אַ געוויין און אַ געשריי, אָבער שפּעטער, אַז אַלע זיינען געקומען צו זיך, און דער קאַליף האָט אויפגעהויבן די געחלשטע שעמס-ען-נאַהאַר, האָט ער דערזען, אַז זי איז טויט. דעמאָלט האָט ער גענומען רייסן אויף זיך די האָר און האָט צובראָכן אַלע שפּיל-כלים און האָט צוקלאַפּט אַלע שפּיגלען און צוריסן די זיידענע שטאָפן אויף זיך און אַז מען האָט איבערגעטראָגן די טויטע אין שלאָפצימער, איז ער געזעסן נעבן איר סאַמע ביז באַגינען. און אַז עס איז געוואָרן טאָג, האָט ער געהייסן מטהר-זיין זי און האָט איר געמאַכט זייער אַ שיינע לויה. ביי דער לויה האָט דער קאַליף געוויינט ווי אַ קינד הויך אויפן קול און האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.״

די שקלאַפין האָט אויסגעווישט די אויגן און האָט אַ פרעג געטאָן:

„אָ, מיין האַר, זאָג מיר, ווען און וואו איז די לויה פון אַלי, דעם זון פון בעקער, מחמת איך וויל אים אויך באַגלייטן

טויזנט און איין נאכט.

אין זיין אייביקן וועג.״

דערויף האָב איך איר געזאָגט:

„אָ, מיין וואוילשמעקנדיקע יונגפרוי, מיך קאָנסטו געפינען צו יעדער צייט און וואו דו ווילסט, אָבער איך ווייס נישט, וואו דו געפינסט זיך.״

האָט די שקלאַפין געזאָגט:

„אַז שעמס-ען-נאַהאַר איז געשטאָרבן, האָט ער באַפרייט אַלע שקלאַפינס און מיך אויך, און איצט געפינען מיר זיך ביי איר קבר. מיר האָבן קיין אַנדער וואוינונג נישט.״

דעמאָלט האָב איך מיך צושיידט מיט דער שקלאַפין און בין אַוועק אויפן בית-עולם. דאָרט האָב איך באַזוכט שעמס-ען-נאַהאַרס קבר און שפּעטער בין איך אַוועק אין שטאָט, וואו איך האָב מיט האַרצקלאַפּעניש געוואַרט אויף אַליס לויה. אין צוויי טעג אַרום איז געקומען זיין לויה און איך האָב מיך אויך באַ-העפט מיט איר.

עס איז געווען זייער אַ גרויסער עולם. יונג און אַלט, גרויס און קליין זיינען געגאַנגען און צווישן דעם עולם האָט די שקלאַפין געוויינט העכער פון אַלעמען.

אַזאַ רייכע לויה האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען אין באַגדאַד.

נאָך דער קבורה זיינען מיר אַוועק צוריק אין שטאָט, אָבער, ווי איר זעט, בין איך שוין געבליבן ביי דער געוויינהייט צו באַזוכן רעגלמעסיק ביידנס קברים — די קברים פון באַגייס-טערטן יונגל׳נג אַלי, דעם זון פון בעקער און פון דער זעלטנ-שיינער יונגפרוי שעמס-ען-נאַהאַר, וואָס איז געווען אַזוי ענלאַך צו דער לבנה.